STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01142

SHABES-YON-TEFDIKE YIDN

Pinjas Bizberg

Permanent preservation of this book was made possible by Solomon S. & Ruth S. Colker

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס ביזבערג

שבת-יום-טובדיקע יידן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

55

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

פנחס ביזבערג

שבת-יום-טובדיקע יידן

דאָס געזאַנג פון אַ דור

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1949

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
P. Bizberg, Buenos Aires

P. BIZBERG

SHABES IOMTOIVDIKE IDN

(EL CANTO DE UNA GENERACION)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1949

אינהאלט:

שבתי נחומס — 9
אין עולמות — 16
צעשע — 25
מיידלשע בענקשאפטן — 34
רוסלאנד האט זיך צעוויגט — 43
נייע ווינטן אין שטעטל — 47
משיחס טריט — 56
א זיווג מן השמים — 64
וואס איז אזוינס ליבע? — 70
יחזקאל שערעשעווסקים פאראיבלען — 75
משהל ווערט קאליע — 82
כייקעלען א גנזאנג — 90
שבתי־נחומס שבת־יום־טובדיקייט — 95
דער יום־טוב פון פרייהייט — 100
פארריסט דאס פנים — ריין דאס הארץ — 108
מרימס ברונעם — 117
די פאפירענע בריק — 129
די גרינע דייטשלעך — 144
עס ענדיקט זיך די וועלט־מלחמה — פוילן ווערט באפרייט — 154
מיעכאוו ווערט „יודען־ריין" — 166
די מאמע זלאטע אין ווארשעווער געטא — 174

ביכער־רשימה — 180
פרעסע־שטימען — 182

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין צניעותדיקער, גוטער מאַמען

מלכה מירל בת ר׳ צבי לאַנדוי ז״ל,

וואָס איז אומגעקומען אין יאָר היתש״ב אין וואַר־שעווער געטאָ און איר קבר איז אומבאַקאַנט, און דעם אָנדענק פון מיין שלימותדיקן זינגעוודיקן טאַטן

ברוך בן ר׳ יוסף ז״ל

וואָס האָט אין משך פון דער ברוינער מגיפה אַן עלנטער אין דער נעפלדיקער שטאָט לאָנדאָן בכל יום ויום דורכגעמאַכט די ענויים פון דער אנוועג פון דער מאמעס אומקום און האָט זוכה גע־ווען באַלד נאָך זיין אָנקומען אין ארץ ישראל צו ווערן געבראַכט צו קבורה אויפן הר הזיתים.

שבתי-נחומס

שבתי נחומס איז ווידער צוריק פון גער. ער איז אהיימגעקומען פון רבין, ווייל זיין הילוך איז געוואָרן פשוט שלא בכבוד. די העמדער צע־דריוולט, לויטער פעדים, די קראַגנס מיט די לאַנגע שפּיצן האָבן אָנגע־ווירן די פאָרעם, די זשיפּיצעס און קנעפּלעך, קריעה־בליה, דאָס ביסל שקאַרפּעטקעס — לויטער לעכער; נישט געווען, ווער ס'זאָל פאַרלאַטען, פאַרצירעווען.

פאַרנאַכט־צו איז ער אָנגעקומען אין זיין שטעטל, און אָפּגעשליסע־נער אביון, אריינגעשלייכט אין זיין שטוב מיט שטילע טריט, און עני בפתח:

— אַ גוטן אָוונט, זלאַטע... אַ גוטן אָוונט! — זאָגט ער ווי מיט געבעט אין קול, און שוין וויגט ער מיט איין האַנט ס'קינד... ס'וויגל קרעכצט.

אין בין־השמשותדיקן צימער איז זלאַטע איין שטיק גרויקייט. אז שבתי טרעט איבער די שוועל, ליגט זי אויפן בעט און אָנגעטוענע און דרימלט. ס'קינד איז נאָר וואָס איינגעשלאָפן, האָט זלאַטע זיך איינגע־דעקט מיט דער שווערער באָרדאָ־קאָלדרע, ווי אין נעפּל באַמערקט זי דעם אָפּגעריסענעם מענטש מיט די איינגעפאַלענע באַקן. דער יונגער־מאַן מיט די דינע זיידנווייכע הערעלעך אויף באַקן און גאָמבע, — דאָס איז דאָך איר שבתי.

שבתי איז צוריקגעקומען? אַ גרויסע גדולה! וואָס האָט ער גע־בראַכט? פרייד אין שטוב? ניין, גאָרנישט מער ווי קלאָפּאָט.

זלאַטע ליגט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, רירט זיך נישט פון אָרט. ס'קינד גיט אַ יענטשע. שבתי קוקט מיט טרערן אין די אויגן אויף

דעם קנויל אויפן בעט. ס׳איז א ביטער רחמנות, ווי אויסגעמוטשעט זי זעט אויס, ווי פארהאַרעוועט.

— זלאַטע, זלאַטקע, וואָלט ער זאָגן, שעפּטשען גלעטנדיק... פּאַסט עס דען? א חסיד — נאָר וואָס פונעם רבין? אפשר איז זי אצינד גאָר טמאַ...

שבתי וואגט צו באַרירן מיט די שפּיצפינגער די פּראַנדזן פונעם צודעק. זלאַטע זעצט זיך ראַפּטום אויף, פאַרריכט זיך ס׳שייטל:

— זיך דערמאָנט אהיימצוקומען? חתונה געהאַט מיטן רבין!

— אָבער, זלאַטעלע, אזוי איז דאָך ס׳התנהגות פון א חסיד... א ייד מוז...

די אָנגעזאַמלטע פארביטערטקייט ביי זלאַטען גייט איבער אין כעס:

— וואָס מוז מען? וואָס? אָפּליגן דאָרט חדשים־לאַנג? און ס׳ווייב, שונאי־ישראל, זאָל ווערן אויסגעריסן!

— זלאַטעלע, לשם שמים...

— קיינער נישט, קיינער, פאַרלאַנגט עס נישט... דער רבונו של עולם אַליין וויל דאָס נישט, אז א לעבעדיק באַשעפעניש זאָל זיך מור־טשען... און איר דאַרטן זאָלט זיך כאַליענען ביים רבין. ניין, שבתי...

— זלאַטעלע, ס׳איז דאָך צו דינען דעם בורא עולם, כי לכך נצרת...

— בורא עולם... זיצן אין גער, נישטאָ קיין ווייב, נישטאָ קיין קינד... און דיין אייגענע מאַמע גייט איין... אַן אלמנה נעבעך... זע וואָס זי שרייבט...

שבתי מוחט זיך, שאָקלט זיך אָן אויפהער, בליקט דורך אין דער אותו־הרגע דאָס פאַרפּלעקטע פּאָסטקאַרטל, ס׳פּנים באַדעקט מיט צער:

— נו, יאָ, זלאַטעלע, ס׳א ביטער רחמנות דאָרטן אויף זיי. איין גאָט איז אַן עדות, כ׳טו עס פאר זיין כבוד וועגן...

גיט צו מיט ווייכקייט, מיט כלות הנפש: — זלאַטעלע, ס׳קינד איז ב״ה געזונט? נו, אַ דאַנק השם יתברך דערפאַר.

— און דו, דו פרעגסט גאָרנישט, ווי אזוי מ׳האָלט זיך דאָס אויפן וואַסער, פון וואַנען מ׳צאָלט דירה־געלט, פון וואַנען ס׳איז דאָ אויף צו עסן, אויף אַ ביסל מילך פאַרן עופהלע?

שבתי שמייכלט ליטזעליק, חניפה איז אין זיין קול: — זלאַטעלע,

אַלע ווייסן, אַז דו ביסט קיין עין הרע אַן אשת חיל, דער אויבערשטער העלפֿט און גיט הצלחה און ברכה אין דיין טון...

— און דיר איז רעכט אַזוי? ס׳געפֿעלט דיר אַזוי, אַז דיין זלאַטע זאָל אָפּוועלקן אירע יונגע יאָרן, גאַנצע נעכט ביי פֿרעמדע אויסשטייערן, זיך אַרויסנעמען די אויגן, צעברעכן די פּלייצעס ביים גנייען, און דערצו וויגן זיינע קינדער!

— זלאַטעלע, כ׳האָב נישט געמיינט, חס וחלילה, קיין שלעכטס... איך טו נאָר לויבן דיינע מעשים, און דו, זלאַטעלע, ביסט גאָר אין כעס.

זלאַטע לאָזט זיך נישט איבערבעטן: — וואָס טויגן מיר די אַלע רייד, אַ מאַן מוז טראָגן אַן עול פּרנסה... כאָטש אַ ביסל, כאָטש אַ טייל... זלאַטעלע, כ׳בעט דיך, זיין נישט אין כעס...

שבתי שאָקלט זיך ווייטער פֿאַרדבקהט. ער וואָלט זיין זלאַטען וויַדער אָפּגעענטפֿערט, וואָרום לעולם איז זי דאָך גערעכט, די גמרא זאָגט דאָך אויך...

ער האָט נישט קיין כוח צו ציען ווייטער דעם פֿאָדעם פֿון דעם, וואָס די גמרא זאָגט. ער איז ווי אַן אויסגעלייריקטער זייגער פֿון זיין געווערק. ס׳האַרץ חלשט. צידה לדרך גיט מען ביים רבין נישט מיט. היינט האָט ער אפֿילו נישט טועם געווען. נו, מילא, זאָל עס זיין אַ תענית־חלום. עפּעס פּחדימדיקס געחלומט אין רבינס בית מדרש, וועגן זיין בני בית. איינע פֿון די סיבות צוליב וואָס ער האָט זיך אַזוי צוגעאיילט אהיימצופֿאָרן. דריי און אַ האַלב חדשים געווען אין .וועג. לעצטן חודש האָט די תאווה אים גאָר אָנגעהויבן צו דערקוטשענען: געזען בשוגג פֿאַרביילויפֿן איינע פֿון רבינס שנירן אָדער טעכטער און דערביי געהאַט הירהורי־עבירה... דער רבי איז זיך נוהג בחפֿזונדיק אַ זאָג צו טון צו די יונגעלייט נאָך דער חתונה, אַז זיי זאָלן למען השם אהיימפֿאָרן, כדי נישט נכשל צו ווערן אין אַן עבירה, חס וחלילה, אפֿילו במחשבה, ווייל פֿון זרע לבטלה ווערן געבוירן שדים רחמנא ליצלן... ביי אים, שבתין, איז שוין געווען די העכסטע צייט אהיימצופֿאָרן, וואָרום פֿון אַזוינע מיני מחשבות קען קומען די לילית אין חלום און וועלן זיך מזדווג זיין... דעם רבינס תרופֿה צו דעם איז זיין עם אשתו...

באותו־הרגע זיינען שבתים בליקן דורגעדרונגען מיט לויטער וואַ־

רעמקייט און ליכטיקייט. דורכן גאַנצן גוף זיינעם ריזלען הייסע שטראָ־מען, שטראָמען פון כלות הנפש. נאָר ר׳איז שטאַרק שוואַך סיי פונעם פאַסטן און סיי פון טיפן רחמנות צו זיין זלאַטען, וואָס איז גאָר, גאָר געדעכט מיט אירע תרעומותן. שטייט ער נאָך אַלץ און שאָקלט זיך אריין אין דעם ספרים־שענקל, כאַפּט אַראָפּ פון דער פּאָליצע ווי עפּעס א ווילדע מציאה א תניא דבי אליהו, בלעטערט און ברומט אין אים אריין א פאַרבענקט געדער ניגונדל, א ניגונדל אָן א סוף. פאַרמאַכט די אויגן און ציט דעם ניגון אומענדלעך, מיט תחנונים, מיט בטחון, מיט עצבות, מיט שמחה, מיט אָן א שיעור התעוררות, פּונקט ווי מ׳איז זיך נוהג אין גער. אזש זלאַטען דריקט עס ביים האַרצן אויס רחמנות צו דעם איידעלן הויכן יונגן מאַן, וואָס אפשר זינגט ער אויס זיין בענק־שאַפט טאַקע צו איר, מסתמא וואָגט ער נישט דאָס ארויסצוזאָגן מיט ווערטער, צו לאַשטשענען, פאַרציט ער דאָס אין־סופדיקע געדער ניגונדל, ווי זיין טבע איז, ווען ער קריגט זי שטאַרק ליב. מ׳איז דאָך נישט מער ווי א שוואַכע פרוי, איז זלאַטע, פאַר זיך,אים מוחל אירע צרות, אירע שווערע פאַרהאָרעוועטע טעג, אירע פאַרשעמטע איינזאַמע נעכט, אירע מידע אויגן ביים געניי, ביי דער מאַשין.

ס׳איז דאָך איר ליבער שבתי, שעפּסל... פּאָרעט זי זיך פאַר אים הינטערן פאָרהענגל ביי דער נאַפּט־מאַשין, ברענגט אַריין אויף א טעלער א פּאָר שטיקלעך הערינג, פאַרשניטן מיט ציבעלע, שפּרייט אויס א טישטעכל, א גאָפּל־מעסער: — נאַ, עס, שבתי, ס׳האַרץ מוז דיר זיין פאַרחלשט, די רייזע האָט געדויערט אזוי לאַנג. פאַרמאַטערט? גיי וואַש זיך!

שבתים ניגונדל ווערט ווי איבערגעהאַקט: — צו מיר רעדסטו דאָס, זלאַטעלע?

— יאָ, דער טיש איז שוין געגרייט, ביז ס׳געקעכץ וועט זיין דער־וואַרעמט...

דער קנויט קאַפּטשעט.

אז שבתי זעצט זיך צום טיש עסן, קומט זלאַטע אפּער פון הינטער דעם פאָרהאַנג א פאַרקעמטע מיט צוויי גרויסע שפּאַנישע קעם, פונעם שייטל פאַלט אַראָפּ אויפן שטערן א חנעוודיק לעקל. לכבוד דעם גאַסט

טראָגט זי דאָס שבתדיקע סאמעט־קאָפּטל. זעצט זיך ביים עק פון טיש.
— אפשר וועסטו, זלאַטעלע, אויך עפּעס טועם זיין? וואָס, דו עסט גאָרנישט?
— איך האָב שוין געגעסן, היינט האָב איך עפּעס נישט קיין אַפּעטיט...
— וואָס טוט משהלע, וואַקסט קיין עין הרע?
— דו זאָלסט זען ווי דאָס קאַטשעט זיך ארום די ווענט, ווי דאָס רעדט... אָט וועקט עס זיך... מ'דאַרף עס גיבן ס'פּלעשל... נאָך דעם וועט עס שוין שלאָפן אזוי ביז פארטאָג... א נחת פון א קינד... א גאָטס חסד... ווי וואָלט איך געקענט עפּעס טון, ווען ס'קינד זאָל נישט זיין קיין שטילס?
— זלאַטעלע, אין וועמען איז עס געראָטן?
— שכנים זאָגן ס'איז ענלעך צו אונדז ביידן...
— זאָל עס זיין געזונט און שטארק, זלאַטעלע!
בעתן בענטשן פארציט שבתי ווידער א ניגונדל, א גאַנץ נייס, וואָס זי, זלאַטע, האָט נאָך קיין מאָל נישט געהערט: א וויינענדיקס, א מין עצבהדיקס, אָבער גלייכצייטיק אן אויפגעוועקטס ווי צו א מארש, א מארש צו די געטלעכע טויערן, וווהין ס'דאַרף אריינקומען דער מלך הכבוד. די טענער פונעם ניגונדל גלעטן, לאַשטשען, גיסן זיך ווי זיסער וויין איבערן גומען, באַרירן ליבלעך יעדעס אברל...
דאָס פּלעמל אין לעמפּל טאַנצט, טאַנצט, טוט פּלוצים א האָפּס אונטער, און ווערט פארלאָשן, אזוי פארלעשט אויך צוביסלעך ס'געזעער ניגונדל...
אין דער זעלבער נאַכט ווערט באַשאַפן נאָך א ניי לעבן... ס'וועט זיין א קינד, וואָס וועט זלאַטען רויבן דעם שלאָף פון אירע מידע נייט־טאָרין־אויגן, איר גורם זיין צו ווערן פארעלטערט פאר דער צייט, און דער עול־פּרנסה וועט ווערן נאָך שווערער און אומדערטרעגלעכער...

* * *

אויף צו מאָרגנס בטלט שבתי זיינע טעג אין חסידים־שטיבל, לערנען, שאָקלען זיך ביי ספרים, דערציילן, רעדן וועגן גער, וועגן די

נייע דרכים פון אים זאָל לעבן, פון זיינע התנהגותן, תורות. אויף צו מאַרגנס איז דער רעיון שוין נישט מער פאַרנומען מיט ווייב, קינד. — אז מ׳דאַרף גאָר צוגרייטן די אילומינאַציע צו רב הענעכס יאָרצייט; אַ קלייניקייט. צען יאָר ווי ער איז נפטר געוואָרן. ציט מען בלעכלעך איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון גערער שטיבל, כדי אָנצוצינדן זעקס הונדערט און דרייצן ליכט, כנגד די תרי״ג מצוות; פּרעגלט מען ביי מענדל לענטשיצער הונדערטער עופות, פילט מען גאַנצע פּאַלמיסקעס פיש, שלעפּט מען פלאַשן מיט שמאַלע לאַנגע העלדזער „אונגער־וויין״, באַקט מען גאַנצע בערג האָניק־לעקעכער. דאָ אין שטיבל — גאָלע שמחה, און אין דער היים — עצבות. וואָס פאַרשטייט אן אישה פון התרוממות, פון חדוה, אז תמיד איז איר מוח פאַרנומען מיט גשמיותדיקע ענינים, כסדר מיט איין און דעמזעלבן ענין: פּרנסה...

פּרנסה? דער טאַטע ע״ה האָט אים גאָרנישט קיין מאָל דערציילט וועגן אן עול אזוינעם, וואָס ער וועט מוזן טראָגן, ווען ער וועט חתונה האָבן. דער טאַטע ע״ה האָט אים נאָר געלערנט ווי אזוי צו דערגרייכן אַ גרויסע מדרגה פאַר דער נשמה, ער האָט אים מדריך־געווען ווי אזוי דינען גאָט, לערנען לשמה, זעטיקן זיך מיט דער תורה ביי די לויטערע קוואלן פון „שפת אמת״, קומט צו אים די אישה רק מיט גשמיותדיקע חשבונות. אויך דער שווער, דאָס קליינע זשוואַווע ירגזונדיקע יידל, פון די פאַרעווע חסידים, וואָס ווערן שיכור ביי אַ גלעזל צמוקים, פון די חסידימלעך, וואָס ציטערן ממש צו שטעלן אַ פּיסל, צו עפענען ס׳מויל בעת דער עולם גייט אַ ריקודל, — אָט דער ר׳ הערשעלע ארבעט מיטן צינגל, רעדט אינעם אריין, אז ער, שבתי, זאָל אויפהערן פּראָווענען זיינע ווילדע „גערער שטיק״ און אָנהייבן מפרנס צו זיין אַ ווייב ווי אַלע יידן, און רק מיט טענות: — דו, שבתי, קענסט זיך נישט גלייכן צום מחותן ע״ה, דיין טאַטן, וואָס איז געווען אַ למדן, אַ מופלג, געווינט ביים רבין... מילא, יעדער האָט זיך זיין דרך, אָבער דו וועסט נישט גיין אין זיינע משונהדיקע דרכים...

און דאָס טשעפּעט זיך ר׳ הערשעלע צונעם גראָד אינעם טאָג, ווען זיין איידעם איז מיט די רעיונות לעילא ולעילא: ר׳ הענעכס יאָרצייט. וואָס וויל דער עולם־הזהדיקער וואַכעדיקער שווער פון אים? וואָסערע

עובדה אים אזוי מקצר ימים זיין, פאַרוואָס לאָזט מען אים נישט נתעלה ווערן אין דער רוחניותדיקער וועלט? פאַרוואָס לאָזט מען אים נישט זיצן אין גער און הנאה האָבן פון דער שיינקייט פון דער שכינה. פאַר־צייטנס, אז א ייד האָט זיך מתכוון־געווען אָפּצושיידן זיך פון הבלי־עולם־הזה, האָט ער געקענט נעמען א קלומיקל אויפן שטעקל און וואַנדערן למרחקים און לעבן אליין מיט זיינע דמיונות, מיט זיינע מחשבות. נ׳אוודאי וואָלט ער מצער געווען זלאַטען. ער האָט זי ליב, ווי א ייד זיין ווייב, אָבער זי דאַרף דאָך פאַרשטיין, אז ער קען נישט מוותר זיין אויף העכערע ענינים און ווערן אַ הערינג־הענדלער, א שניט־קרעמערל, — ניין, זלאַטע, זלאַטעלע, איך האָב יומם־ולילה עוסק געווען אין תורה, נישט געוווסט פון קיין אנדער זאך, טאָ ווי וועל איך דאָס קענען אריינ־ווארפן זיך אין די וואָכעדיקע טועגישן. מיר איז אזוי טרויעריק, זלאַטע, פאַרוואָס פאַרשטייסטו דאָס נישט?

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דעם רבין ר׳ הענעכס יאָרצייט, קלאַפּט דער שווער בייז אין פאָל מיטן סענקאַטן שטעקן: — ס׳מוז א סוף נעמען, זעסט דען נישט, דו שאַרפער יונגערמאַן, אז זלאַטע שלאָגט זיך ארויס פון די כוחות?

דער איידעם ענטפערט אָפּ תמימותדיק: — זלאַטע איז א פרוי מיט מעלות...

ר׳ הערשעלע קלאַפּט ווידער מיטן שטעקן אויף דער פאָדלאָגע, ער גייט ממש ארויס פון די כלים: — איר, איידעם, וואָס מאַכט איר זיך טאַמעוואַטע? אם אין קמח, אין תורה!

— וואָס זאָל איך טון?

— וואָס אַלע יידן טוען, מסחרן!

— אז כ׳וועל נישט קענען?

— וועסט מוזן קענען! אַ גמילות־חסד וועל איך פאַר דיר לייען. וועסט דערווייל א בשמים־געוועלבל עפענען, צו דעם וועט אזא בטלן ווי דו אפשר טויגן...

און שבתי נחומס פילט ווי אויף זיין רוקן ווערט אָנגעלאָדן אזא געוואַלדיק שווערע משא, דער עול פון פרנסה, וואָס פאָדערט גיין אין שפּאַן פון וואָכעדיקייט... ער וועט מוזן זיך איינשפּאַנען...

אין עולמות

דאָס בשמים־געוועלבל איז נישט מפרנס. ס׳פעלן געוועלבלעך אין שטעטל? אַ טיר ביי אַ טיר — אַ געוועלבל. קונים זענען ווינציק. אַז אין לאָדזש איז שוין ווידער אַ קריזיס, איז דאָס לייזעכץ קנאַפּ. דאָס ביסל סחורה אין שבתי־נחומס געוועלבל ווערט פאַרלעגערט און אַ חלק גאָר פאַרניצט פאַר אייגן געברויך.

שבתי איז ווידער פאַרשוווּנדן אויף עטלעכע וואָכן קיין גער. דער „שפת אמת" איז נפטר געוואָרן. קען אַ ייד אַ חסיד זיך איינהאַלטן אין דער היים, ווען אַ וועלט זינקט אין טרויער: אָפּגעטון געוואָרן זיין קרוין, נישטאָ דער מנהיג הדור; רייסט מען קריעה: די וועלט איז אַ יתום, די וועלט איז אָן אַ נשמה, דער „שפת אמת" איז הלך לעולמו, ווי איז דעם דור...

אַז מ׳האָט אַזויפיל מתקן צו זיין אין גער, קען מען דען האָבן אין זינען אַזאַ פּרט, אַז ס׳ווייב האַלט שוין ווידער אין געלעגן ווערן?

וואָס מיר געוועלבל, ווער מיר געוועלבל, וואָס מיר קימפּעטאָרין, ווער מיר קימפּעטאָרין, אַז דאָרטן אין גער מוז מען זיך מתעסק זיין מיטן רבינס לויה, און אויפן אוהל טרינקען לעקעך און בראָנפן און זאַלבן דעם נייעם רבין, און כאָטש אַ פּאָר שבתים זיך באַקענען מיט דער התנהגות פונעם ממלא־מקום, מיטברענגען אַ ניי וואָרט פאַר די יונגע לייט פונעם גערער שטיבל.

שוין ווידער וואָכעדיקייט, ווידער אין דער היים נאָכן אָפּזיין אין גער זעקס דערהויבענע וואָכן. ווידער הוילע חול, די מרה־שחורהדיקע היים. זלאַטע פּאָרעט זיך נעבעך מיט אַ ניי נפשל, נחומל ציט פון איר דעם דם־התמצית. אין איינציקן חדר לויפן שטריקלעך אין דער לענג און

אין דערברייט, א ריח פון נאַסעווינדלען, מ׳טאָר אפילו נישט קיין ברכה מאַכן אין אזא צימער.

און ווידער טענהט די אישה: — ביסט שוין דאָ מיט מזל? צוריק־געקומען?

שבתי פאַרשטייט דעם טייטש פון די טענות: נישטאָ אויף דירה־געלט, נישטאָ אויף שבת, נישטאָ און נישטאָ און דאָס חסידל איז פאַרטון אין עולמות...

דער שווער ר׳ הערשעלע האָט ספּעציעל מטריח־געווען דעם עלטער־פעטער ר׳ שמחה פון סקערניעוויץ. ר׳ שמחה איז א ייד א באַרג, א גבר, א שרייער, זאָל ער אויף אים, דעם נייעם איידעם, וואָס וויל פון זיך פּורק זיין דעם עול פון פרנסה, אָנשרייען כנהוג. אָ, ר׳ שמחהס קול איז ממש א לייבן־קול, — אין סקערניעוויצער אלכסנדערער שטיבל זענען נישטאָ קיין יינגלעך וואָס זאָלן איינעם מבטל זיין פון דער תורה, וואָרום אז דער הויכער ר׳ שמחה מיט דער רויטער באָרד טוט א הילך: — דרך־ארץ, שקצים! — ווערט ביי חברה אָפּגענומען דער חשק צו עפענען דאָס מויל.

שבתי נחומס האָט טאַקע מהאי טעמא אויסגעמיטן אי דעם שאגת־ארי פון דעם עלטער־פעטער אי דעם דין־תורה, מיט וועלכן ר׳ הערשעלע אַליין האָט אים געדראָט. ר׳וועט דען דעם עלטער־פעטער, חלילה, לאָזן נכשל ווערן אין דער עבירה פון המביש את חברו ברבים, און ער האָט צוגעזאָגט אָפּצוהיטן כדת וכדין ס׳קליידל.

סאַרע עצבות אין דעם קרעמל! געוואַלד, געוואַלד, ווהין אַנטלויפט מען פון דעם?

אויפן צערינצלטן הילצערנעם טיש פונעם געוועלבל ליגן ספרים. ס׳איז פינצטערלעך אינעם געוועלבל דלת על דלת. דאָס חשכות איז ממש אָנצוטאַפּן. אָבער דאָס ספר, אין וועלכן שבתי איז מעיין, ברענגט אריין ליכטיקייט. ס׳איז דאָך דער זוהר. זוהר, אוי זוהר, שטראַלנדיקע ליכטי־קייט, פונעם אור הגנוז, פונעם פאַרבאָרגענעם ליכט מששת ימי בראשית: אוי ליכטיקייט, זון פון דער ארץ הקדושה, ווו ס׳וואַקסן אזעלכע הויכע און שלאַנקע שיינע טייטלביימער, שאָטנדיקע חוני־המעגלדיקע באָקסנביימער, ווו ס׳איז פאַראַן א וואַרעמע גאָלדענע זון, אוי, אין ארץ

אבותינו, ווו רבי שמעון בר יוחאי האָט געזען דעם עמוד האש און האָט זיך מתדבק־געווען מיט דער שכינה, אוי, אוי, למחזי זיו דזעיר אַנפּין, אוי, אוי, הער דו, בר נש! און דאָ איז אזוי קאַלט, אזוי פינצטער, אין דעם גי־צלמות...

ס'פּאַרזשאַווערטע גלעקל קלינגט. איז מבלבל פון די מחשבות: — פּאַר אַ גראָשן פעפער... פּאַר אַ זעקסער צוקער... אַ הערינג מיט מילך... פּאַר אַ קאָפּיקע קאַנדל־צוקער... פּאַר אַ דרייער קאַשע... פּאַר צוויי גראָשן זויערע צוקערלעך... פּאַר אַ צענער פלוימען... און שבתי חזרט איבער בשעת מעשה אין זיך דעם ניגון פון בני היכלא דכסיפין... אוי, געוואַלד, כנגד בני היכלא דכסיפין, קומען הנאי כלבא דחצופין, אוי, די דאָזיקע חוצפּדיקע כלבים, אוי, אוי, אוי...

ס'איז טרויעריק אזוי דאָ אויף דעם עולם... דעריבער דאַרף מען פאַרטרייבן מיט געוואַלד דעם שטן פון עצבות...

און דערפאַר: ווער טאַנצט דאָס אזוי אקעגן, אין גערער שטיבל, דעם שאַרפן יונגמאַנטשיק יאָסעלע באַלוטער, מיט אזא ברען אַ קאַזאַ־טשאָק? ווער האָט פאַרשאַרצט די זיידענע זשיפּעצע, געבויגן די קני, אזוי פלינק, אזוי זשוואָווע? לאָזט פּלאַץ, שקצים! דאָס איז ר' הערשעלעס איידעם, שבתי נחומס!

ווי דען? היינט איז דאָך שמחת בית השואבה, און מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו, און ווער ס'האָט נישט געזען די שמחה פון וואַסער־שעפּן, דער האָט נישט געזען קיין גרעסערע שמחה אין זיין לעבן... ווי ליכטיק איז, ווי רויט דאָס אזא יום־טובדיקע שלוה אויפן חסידים־שטיבל. עס לייכטן דאָך אזוי גאָלדיק־ריין די בליצלאָמפּן, די ליכט ביים עמוד, די ווייסגעשטריקטע פּרוכתן; עס לייכט דער קופּערנער כיור, די האַנטיכער אויף די הענגערס, די שאַפּעס ספרים; עס לייכטן די עדה טאַנצנדיקע זינגענדיקע חסידים, אַקסל אויף אַקסל, און איין ניגון גיסט זיך אריין אין אַנדערן ניגון, און קיינער איז נישט פאַר־מאַטערט, און אַלע זענען נאָך אזוי פריש. מבעוד יום האָבן די שאַרפע יונגעלייט געטרונקען משקה ביי ר' שלמה סירקיס, און ביי ר' שלמה סירקיס איז דאָ אזא מחיהדיקער אונגאַר־ווייַן, אזא אַלטער שאַרפער מעד, און נאָך אַ גלעזל, און נאָך אַ ניגונדל, און ווייטער אַ גלעזל און ווייטער

א ניגונדל, נישט אויסצושעפּן ווי דער ים זענען גערער ניגונים... און ווער ס'האָט נישט געזען די פרייד פון וואסער־שעפּן אין ירושלים, דער האָט נישט געזען קיין גרעסערע שמחה אין זיין לעבן... דעריבער יידן, אַקסל, אויף אַקסל, און געטאַנצט, און אויסגעטאַנצט זאָל ווערן די שמחה. און אז חיים הערש, מיושבדיקער למדן, קלאַפּט וואָכעדיק־ערנסט אין באַלעמער: יידן, מעריב! — טוט זיך שבתי נחומס טראַציק אַ צעזינג דעם סאמע פרייליכסטן ניגון פון גער; און אַן אַלטן וואָרקער, און אַן אַלטן קאַצקער, און דעם רבין הענעכס אַ ניגון, און וואָס אַ מאָל ווערט דער עגול ברייטער און גרעסער, כאַפּט ארום יונג און אלט; וואָס מיר דאַ־ווענען, ווער מיר דאַווענען, אז געטאַנצט זאָל ווערן! דינען השי"ת מתוך שמחה. און ווער ס'האָט נישט געזען די שמחה פון וואסער־שעפּן, דער האָט נישט געזען קיין שמחה אין זיין לעבן... דאָס ראָד ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, וואָס אַמאָל אויסגעשפּרייטער, שוין טאַנצט מען אויפן הויף פון חסידים־שטיבל; עס טאַנצן די ליכט אין די בחורימס הענט, עס טאַנצט די פולע לבנה, עס טאַנצן די שטערן. פרייליכער, ברידער, גע־טאַנצט זאָל ווערן! וואָס מיר מעריב, ווער מיר מעריב! און שבתי נחומס טאַנצט ווידער אַ קאָזאַטשאָק, חסידיש פּאַרדבקהעט און ר' יאָסעלע באַ־לוטער אַקעגן...

און ווער גיט דאָס דעם גערעדאַנק אין סאמע שמחת־תורה אַרויפצו־קלעטערן אויפן דאַך פון ר' ליפּעס שטוב, אויפן דאַך פון די שפּייכלערס און קאַמערס, וואָס גרענעצן מיט דער „קאָזע" און כאַפּן דאָרט אַ רקידה־לע בפני כל עם ועדה, זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אז יידן פרייען זיך מיט דער תורה. זאָלן דאָס וויסן דער סטראַזשניק מאַטשיי און מאַטשעק און וואַצעק, די תפיסה־וועכטער, אז יידן האָבן אַ תורה! זאָל דאָס וויסן דער שטיינערנער יויזל מיט דער באַקרוינטער מאַמען אויףביידע זייל־פונעם קאָשטשיאָל! זאָל דאָס וויסן דעם גלחס סאַד מיטן שטיינערנעם פּלויט... שבתי נחומס דראַפּעט זיך דער ערשטער אויפן פּאַפּענעם דאַך, און פּאָלעס פּלאַטערן, בערד ציטערן און אַ פרייליכער שמחה־תורה־ניגון און טענץ עד כלות הנפש קלינגען אָפּ מיט התלהבות, מיט התעוררות אינעם ווייטן ברייטן אין־סופדיקן חלל פון דער בלויער קילער הארבס־טיקער סוף־יום־טובדיקער וועלט...

שבתי נחומס. ווער האָט געהייסן אראָפּרייסן דעם שווערן בייכיקן כיור פון גערער שטיבל, באַפוילן מ׳זאָל שלעפּן עמערס פון די שכנישע שטיבער, און זיך לאָזן צום מארק־פּלומפּ און אָנגיסן דאָס גרויסע לאַנגע גערער שטיבל מיט אזויפיל וואסער, אז חסידים זאָלן קענען טאַנצן אין דער נאַכט פון שביעי של פּסח מיט ארויפגעשארצטע מכנסים און פּאר־בונדענע זשיפּעצעס מיט די זיידענע גארטלען, כדי מקיים צו זיין דעם מנהג: דורכצוגיין דעם ים אין טרוקעניש? שבתי נחומס איז אי מקיים דעם מנהג, אי זיין נשמה איז פול מיט שמחה פון דעם עת הזמיר הגיע, זומערלעב קומט, ביי יידן וועט ווערן קלענער דער עול פּרנסה, אויס דאגות פון קוילן, אויס דאגות פון ווארעמע בגדים, און פּירות בזיל הזול.

תמיד — שבתי נחומס. ער גיט דאָס אַן עצה די שארפע יונגעלייט אין דער נאַכט פון שמיני עצרת צו גיין איבער די נגידישע שטיבער, כדי אויסצולייזיקן אַלץ, וואָס די באַלעבאָסטעס האָבן צוגעגרייט פון די מעדני מלכים: די געפילטע פיש, געפילטע קרויטן, די זעקלעך צוקער אויף פּאָנשן, די האַלבע געבראָטענע אינדיקעס, די פּאָרלעך געשטאָפּטע אָפּגעברוינטע קאַטשקעס און שמאַלציקע גענדז. ער עצהט דאָס די אויפ־גערוימטע האַלב־בגלופונדיקע יונגעלייטלעך אראָפּצולאָזן זיך אין קעלערס און זוכן פלעשער באַהאַלטענעם יין המשומר און אויסליידיקן פלעשער פון שמעקעדיקן אַלטן מעד און אָנגיסן שווארצע קאַווע.

שבתי נחומס צוזאַמען מיט יאָסעלע באַלוטער פאלן אריין ווי די יונגים פּורים צו דער סעודה צום רב, פּראַוועגען דאָרטן פּורים־ראַבייסטווע, שיטן שעהען־לאַנג פּורים־פּשטלעך, פּסקנען פּורימדיקע שאלות, אָרדענען איין אַ גויאיש באַגרעבעניש, שבתי נחומס איז אַ מאַדים אויף דעם. אויף צוויי שטעקענעס פון די לענגסטע בעזימער ווערט ארויפגעלייגט אַ ווייס לייי־לעך; די שטעקענעס טראָגן אַבעלע קאַשעמאַכערס שטיול און די ביידע יונגעלייט זענען אָנגעטון אין ווייבערישע לאַנגע העמדער, דאָס זענען זיי די גלחים, וואָס באַגלייטן דעם מת; האַלטן שטויסלען און מערזשלען, קלינגען און זינגען מיט אַ צעצויגענעם קאַטשקיאָל ניגון:

האָסטו געגעסן באָרשט מיט קאַרטאָפל, מיט קאר־ט־אָ־אָ־פּע־ע־ל,
האָסטו, האָס־טו זיך פארדאָרבן, פּאר־ד־אָ־אָ־רבן,
ביי־י־ס־טו דער־פון גע־שט־אָ־אָ־ר־ב־ע־ן...

און ווען שטופט דאָס אַזוי דער געשטופּלטער סטראַזשניק מאַטשיי אין צירקל אַריין: עך, עטי זשידאָטשקי, פּרעדסטאַוולעניע־יע מאַסקאַראַד־נאָיע אים כאָטשעטססיאַ... עך, יעווריטשיקי... אין קאָזע אַריין אויף אַ האַלבן טאָג. ניטשעוואָ, יעווריטשיקי, נאַדאָבנאָ פּלאַטיט זאַ פּרעדס־טאַוולעניע מאַסקאַראַדנאָיע... שבתי נחומס צאָלט אָפּ פאַר זיין פרייד. לשם שמים.

וואָלט כאָטש אייביק אָנגעהאַלטן דער יום שכולו טוב, איי, רבונו של עולם, אַזויפיל וואָכנטעג אויף אַ קאַפּיטשקע שבת! און פון יעדן ווינ־קעלע פון געוועלבל טראָגט זיך אַזויפיל עצבות! פון דעם געלען פלאַם פון דעם פאַרקאָפּטשעטן אַכטער לעמפּל, פון דעם הערינג־פּעסל, פון דעם קויטיקן פּערלגרויפּן־זעקל, פון די פּעקלעך מיט די חלבנע ליכטלעך, פון די מזוזות אויף די ביישטידלעך, פון די פאַראומערטע תרעומותדיקע בליקן פון זלאַטען, פון די פאַרנאַכטיקע פאַרכטיקע הימלען פון שטעטל, פון דעם פרומען פאַרטאָגיקן געקרעכץ פון די בתי־מדרשים, חסידים־שטיבלעך, פון דעם זשאַמזשען דאָס תהילים פון די עין־יעקבדיקע יידן.

רבונו של עולם, ווי ווערט מען פּטור פון דעם עצבות!

שבתי נחומס האָט אַ געוווינהייט בעלות־השחר אַרויסצושאַרן זיך פון שטוב, אַרויס פון שטעטל אויף די ווייסע שטילע טראַקטן פראַווענען התבודדות. פאַרטאָגס, ווען טוי וואַשט נאָך די וועלט, ווען סעדער גלאַנצן אַקעגן דער פרישער מאָרגנזון; פאַרטאָגס, ווען ס׳ווערט געבוירן אַ נייער טאָג, ווען רחמים דאַרף הערשן אויף דער גאַנצער וועלט. שבתי נחומס נעמט דעמאָלט אַרום אַזאַ מין רחמנות־געפיל צו דער דאָזיקער גשמיות־דיקער וועלט, צו אירע באַשעפענישן. זע, גראַד אין אַזאַ עת־רחמים, אין אַזאַ שיינעם אויסגעוואַשענעם פרימאָרגן טרייבט מען יונגע עקסלעך, טרייבט מען שאָף און ציגעלעך צום שעכטהויז; און: ווו איז דער ורחמיו על כל מעשיו? באַלד וועט אויפשטיין דער שוואַרצער שוחט מיטן שמן־זית־פּנימל, וועט אָפּגיסן די נעגל, זאָגן ותיקין, זופּן אַ גלאָז הייסן טיי, איבערגיין מיטן נאָגל די חלפים און מיט יראת־שמימדיקע טריט זיך לאָזן אויף זיין טאָגטעגלעכן וועג, און זיינע לעפצן וועלן שעפטשען: יהי רצון, ס׳זאָל זיין זיין ווילן און ס׳זאָל נישט זיין קיין פּגם אין חלף, און קיין סירכא. יהי רצון... און: ווו איז דער ורחמיו על מעשיו? שבתי נחומס

קוקט אויף די טויאיקע בלישטשענדיקע בלעטער און גראָזן און זעט ממש אין אויר שוועבן גלאַנציקע חלפים וואָס פידלען אויף אָנגעצויגענע העלדזער פון געפּענטעטע בהמות...

אוי, רחמים, רבונו דעלמא כולא!

ווו איז דיין ורחמיו על כל מעשיו? סטייטש? אָט איז גאָר דער יום גדול ונורא ערב יום כפור. זלאַטע טראָגט אונטער איר מאַן א געפּענטעטן ווייסן האָן און על פּי מנהג מוז שבתי טרייסלען די כפּרה און דערנאָך זי אוועקשליידערן פון זיך, כדי דערמיט מכפּר צו זיין אויף זיינע עבירות. די אָפּגעקילטע שאַרסטקע פּיס פון דעם הילפלאָזן עוף רייבן די איידעלע לומדישע הענט; שבתי קען דאָס בשום אופן נישט טון, שליידערן מיט א געמאַכטן ירגזון דאָס בידנע באַשעפעניש אויף דער פּאָדלאָגע... אליין זינדיקן און מוטשענען דערפאַר עפּעס עופות! רבונו דעלמא כולא! איין באַשעפעניש זאָל פאַרלענדן ס'אַנדערע? פאַרוואָס, פאַרוועןן? ביי שבתי נחומס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. מיט פאַרשלאָסענע ליפּן ברומט ער זיינס אַן עצבהדיקן ניגון, מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט א כוונהדיקן שעהען-לאַנגן שאָקלען. רחמים, רבונו דעלמא כולא! איז ער אליין דען נישט אויך א געפּענטעט עוף? פאַרוואָס אַזויפיל עול? עול פון דאַווענען, עול פון לערנען, עול פון פּרנסה, עול פון לעבן; יעדע רגע, יעדע שעה א נייער עול. זלאַטע מיט די קינדערלעך, די קינדערלעך האָבן שיינע אייגעלעך, מיילעכלעך, קולעכלעך, אָט וועט משהלע שוין דאַרפן גיין אין חדר אַריין, אליין זיין אַן עול-טרעגער, א קליין יידעלע מיט א שווערן עול אויפן פּלייצעלע.

און זיי, דאָרטן אין וואַרשע! די שוועסטער, דער לתרבות-רעהדיקער ברודער, און אפשר איז דאָס יינגל געגעבן: וויל בשום אופן נישט גיין אין שפּאַן... וואָס טוט מען מיט דער מאַמען, מיט דער קראַנקער מאַמען אין טומלדיקן קראַנקן וואַרשע?

רעדט צו זלאַטען שטילע רייד: — זלאַטעלע, ווי מיינסטו, וואָס זאָל מען טון מיט דער מאַמען? — ס'איז, פון זיין זייט, אַזא מין אומדרייסטע תחנונימדיקע שאלה, זי האָט דאָך די דעה, כ'וויים א נייער עול, א נייער עסער.

זלאַטע האָט גאָרנישט דאַקעגן. אדרבה ואדרבה, זאָל זי קומען די

שוויגער! וועט זיין פאר וועמען זיך אראָפּצורעדן פון האַרץ, זיך באַקלאָגן פאר א צווייטער פאראומערטער פרוי. זי, זלאַטע, האָט דאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין צערטל פון א מאַמען, געוואָרן א יתומה, ווען נאָך א קינד. דער באצערטער טאַטע, ר׳ הערשעלע, און א סכנותדיק פרומע עלטערע שוועסטער זענען געווען די מדריכים פון אירע מיידלשע יאָרן, גאָרנישט קיין פרייליכע יאָרן, יאָרן וואָכעדיקע, יאָרן פון רייבן פּאָלן, וואַשן וועש, און צירעווען, צירעווען, לייגן לאַטעס און זאָרגן, זאָרגן!... אוודאי, זאָל די שוויגער קומען, וועט זיין א לעבעדיקער מענטש אין שטוב, פאר וועמען זיך אראָפּצוויינען, וועמען אָנצופארטרויען די קינ־דער, ווען זי, זלאַטע, דאַרף גיין מיטן „פעקל" געניי אָדער שטיקעכץ אין די רייכע הייזער, ווען די ווערים נעבעך בלייבן אליין, שרייען זיך אוים די האַלדזלעך און ווערן פארפוילט אין דער נעץ...

איידער מ׳האָט נאָך צייט צו ענטפערן אויף די פארפלעקטע געלע פאָסט־קאַרטלעך, קומט די מאַמע סיי ווי סיי. זי איז דאָ מיט א פּאַק איינגעוויקלט אין א גרינער פארצירעוועטער קאָלדרע. זי שטייט אין מיטן שטוב, מיט א שטיל קול גיט זי איבער, וואָס ס׳הערט זיך פון איר וואַר־שע. איר וואַרשע הייסט: די גרויסע וויסטע שטוב אויף פראַנציישקאַנער גאַס, וואָס איז מיט א מאָל געוואָרן אוים שטוב. די גרינע קאָלדרע — דאָס גאַנצע פארמעגן.

גרשונען געלאָזט מיט צירלען; געקומען זען וואָס מ׳מאַכט. צוויי טרערן גלאַנצן אויף די געקנייטשטע לויזע באַקן. — געטראַכט, אז מ׳ענט־פערט נישט אזוי לאַנג אויף א קאַרטל, שוואַר קומט אָן דער זעקסער אויף דער מאַרקע... נו, מילא, ב״ה געזונט...

זלאַטע פּאָרעט זיך ארום דער פאראומערטער שוואַכער פרוי: — אפשר וועט די שוויגער טרינקען א גלאָז טיי, מיט א ביסעלע מילך, פּונקט דאָ אין שטוב? אפשער א זעמל?

די מאַמע לייגט אוועק די גרינע קאָלדרע אויפן בעט, דערכאַפּט דאָס האַרץ און זשאַמזשעט: — און שבתי וואָס מאַכט? האַ? אין שטיבל, וווינט אין שטיבל. נאָך אַלץ אין שטיבל, א יאָרצייט, צי וואָס? נאָך אַלץ זיך נישט דערשלאָגן צו א שטיקל פּרנסה? איי, איי, נחומס נאַטור, א בעל חלומות, ווי צו איר, וואָס נחום ע״ה איז נעבעך געגאַנגען פון דער

וועלט און געלאָזט צוויי עלנטע יתומים. צירל איז די פּרנסה־געבערין: אייער וויסטע פּרנסה, זלאַטעלע, שטיקן, נייען, פרעמדע כלהם באַקליידן און אליין... ס׳זאָל זיך נאָר טרעפן א לייטישער זיווג. און גרשון, איז איר מקצר די טעג... נו, סיי ווי סיי טשאַפּעט זי קוים אין די לאַטשן, די פּיס טראָגן נישט מער. זי פילט ממש, אַז נחום וועט זי באַלד דאַרטן דאַרפן... פּטור ווערן פון די יסורים.

די מאַמע האָט גענומען אויפפּאַקן די גרינע קאָלדרע און די אייניק־לעך האָבן זשעדנע באַטראַכט די „אוצרות״...

צעשע

גאַנץ פראַנציסקאַנער גאַס האָט זיך געריסן צו טראָגן דעם גרינגן גוף פון ר׳ נחומען צו זיין אייביקער רו. א גאַס שוואַרץ פון יידן מיט וואַכעדיקע אַבלדיקע מלבושים און מעבר־יבוקדיקע אויגן, געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד ר׳ נחומען, וואָס איז נפטר געוואָרן ביים קלאָרן זינען און זיינע לעפצן האָבן נאָך געשעפּטשעט גאָטס רייד...

א שיינע לויה געווען. אַזש פון גער איז מען געקומען, א ספּעציעלן שליח געשיקט, איז דאָך ר׳ נחום דאָרט איינער פון די חשובסטע טיש־זיצערס געווען.

א חשוב שבחשובים, אָבער, ירושה דער אלמנה רחטשען, דעם מגושמדיקן גרשונען און צעשען דעם מיידל מיט די גאָלדענע האָר?

ירושה — בלויז א גוטן נאָמען און: א קופּערנעם כיור, א קופּערנע וואַש־שיסל, א פּאָר הילצערנע סקריפּענדיקע בעטן, פּרוכנעדיקע קאָמאָדעס, א געלן טלית מיט א פאַרשוואַרצטער שווערער עטרה, — ר׳ נחום איז בשעת התפילה געווען א גרויסער בעל־בכי, האָט ער היפּש אין טלית אַריינגעוויינט. דאָס איז אַלץ. נו, א ספרים־שאַפע מיט א ביסל טיפע שווערע ספרים, ספרים מעיין צו זיין און ספרים צו לערנען, און א חוצ־דעם איז געבליבן דאָס קרענקלעכע בחורל, נישט קיין גרויס לייט, ווערליק דעם יחוס, און ווערליק דעם טאַטן, וואָס איז ממש געווען איינגעטונקט אין רוחניות.

דער נפטר איז געווען אַ גרויסער פאַסטער. בכל יום, ביז ער האָט זיך אַרומגעאַרבעט מיטן דאַווענען, טעגלעכער פּרשה און אַלערליי זאַגעכצן, איז שוין געווען דריי א זייגער בייטאָג. פון די עינוי הנפש האָט ר׳ נחום באַקומען אַן איינגעשרומפּענעם מאָגן. רחטשעס זופּעלעך פון

מאַנע־קאַשע האָבן קנאַפּ וואָס געהאָלפֿן; אויך נישט דעם זלמן פֿעלדשערס וואַסערלעך און אַפֿילו נישט דעם דאָקטאָר העסנערס רעצעפּטן, וואָס האָבן אויפֿגעגעסן אַלץ, אַפֿילו דאָס באַשיידענע ביסל אויסשטייער פֿון כּלה־מיידל צעשע.

נאָכן אָפּזיצן שבֿעה זענען די ברידער אַהיימגעפֿאָרן עפּעס אַזוי ווי בחפּזון צו זייערע ווייבער אין די פּראָווינץ־שטעטלעך. דאָס אָפּפֿאָרן איז געווען ווי אַן אָפּגערעדטע זאַך, מיט אַ מאָדנער אייַלעניש. די מיילער פֿאַרשלאָסן, זיך אָפּגעהיט נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט פֿאַר דער אַלמנה, זייער מאַמען. קיינער האָט נישט געקענט מיט גאָרנישט זיך מתחייב זיין, וואָרום, דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי אַ חוץ די געלע שיטערע בערדלעך גאָרנישט געהאַט: בסך הכּל האָבן זיי געלעבט מיטן חסד פֿון זייערע ווייבער, בריהטעס בעל כּרחם. איינצוטיילן איז נישט געווען וואָס, סיידן דאָס ביסל ספֿרים דאָרטן; אַפֿילו דער ש״ס איז געווען פֿאַרזעצט, — מ׳קען דאָך לערנען אין שטיבל. האָבן די ברידער אַריינגעשטעקט דער מאַמען יעדער פֿון זיי אַ פּאָר גילדן, וואָס ווער ווייס פֿון וואַנען זיי האָבן זיי גענומען, און אַרויסגעשאַרט זיך פֿון שטוב מיט אַ „נישט וויסן מער פֿון קיין צער״.

די מאַמע מיט דעם פּנים פֿול מיט קנייטשן, — פֿון וואַנען נעמט זיך צו איין מענטש אַזויפֿיל קנייטשן, — איז איין שטיק זאָרג, קוקט אויף צעשען און שווייגט. ס׳האַנדלט זיך פּשוט אין סאַמע נייטיקסטן. דאָס סאַמע נייטיקסטע ביי דער אַלמנה איז ברויט, אַ ביין אין זופּ אַריין, אַ ביסל קאַרטאָפֿל, דירה־געלט און דעם קראַנקן יינגל אַ מלבוש, אַ רפֿואה. פֿון זעמל, אַ שטיקל פּוטער, אַן עוף, אַ שטיקל פֿיש, געטרוקנטע פֿלוימען אויף שבת, רעדט מען נישט. רחטשע די אַלמנה האָט אויך אַ שוואַכן מאָגן, זי זאָגט, אַז ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט ווי ברויט איינגעטינקט אין אָפּגעצוקערטן טיי.

גוטע שכנים וועלן חס וחלילה נישט לאָזן פֿאַלן ר׳ נחומס אַלמנה. אַלע מאָל קומט אַן אַן אַנדערע שכנטע, יעדע ברענגט עפּעס אַ טעפּל אָדער אַ טעלער מיט „לאָבונג״, איינע אַ ביסל יויך, אַ הינער־פּאָלקע, אַ קאַפּ סמעטענע, אַ קעלישיקל ווישניק, אַ ביסל קאָמפּאָט, אַ צווייטע אַ ביסל

הינער־שמאַלץ, איינגעמאַכץ, פיינקוכן; פרייטיק שיקט דער גאַנצער הויף פּאַרציעס פיש, שבת — וואַרעמען קוגל.

נאָמע גנעלע איז די נאָענטסטע האַרצנס־ שכנה, פאַר איר רעדט זיך רחטשע אַראָפּ פון האַרץ. אַלע ווייסן, אַז דער גערער רבי, ווען ער פלעגט אַראָפּקומען קיין וואַרשע, פלעגט ער אויך מהנה זיין מיט א וויזיט ר׳ נחומען, זיין חשובסטן חסיד, און פלעגט זיך וואַשן די הענט אונטערן קופּערנעם כיור און אין דער קופּערנער וואַש־שיסל. ווער איז דעמאָלט געווען גלייך צו ר׳ נחומען?

דאָס דערציילט איבער רחטשע צום וויפלטן מאָל. אייגנטלעך וויל זי פרעגן נאָמע־גנעלן, צי זי האָט נישט א שטיקל קונה אויף די קופּערנע כלים.

די שכנה ראָט אָפּ רחטשען צו פאַרקויפן אַזאַ הייליקע זאַך, אַזאַ הייליק אָנדענק, זאָל זי בעסער אויסזוכן אַן איבעריקע פעדערנע דעק אָדער קישנס.

— וואָס רעדט איר, נאָמע־גנעלע לעבן? דעם אויסשטייער האָבן אויפגעגעסן די רפואות און איצט וועל איך גיין פאַרקויפן דאָס ביסל בעטגעוואַנט?

— צירל, א זאָרג מיט צירלען, אַזאַ קינד וועט מען אָפּגילטן מיט גאָלד, אַזוינע גאָלדענע הענט, אַזאַ באַלעבאָסטע, אַזאַ באַלעזונע, איר זאָלט מיר לעבן. אַזאַ מיידל דאַרף מען מיטגעבן נדן?

די מאַמע רחטשע שאָקלט מיטן קאָפּ: — אָבער ווער איז א מבין אויף אַזאַ קינד?

צעשע זיצט ביים פענצטער און איז פאַרטיפט אין א ביכל. איר וועלט, איר מקום־מקלט. אין די ביכלעך זוכט זי און געפינט אַ באַשייד אויף איר אָרים מיידלש לעבן. אַזויפיל שיינע ביכער, אַזויפיל גוטע ווערטער, אַזאַ שיין לעבן אין די בלעטער פון די ביכער, וואָס צעשע שלינגט איין ממש ווי די בעסטע געקעכצן. דאָס מיידל שטעלט זיך פאַר עליזאַ אָזשעשקאָווען ווי אַ ברייטע גוטע מאַמע, אַ מאַמע מיט אַ זיס לאַשטשענדיק קול, וואָס ווישט אָפּ טרערן, וואָס טרייסט אָנגעווייטיקטע געמיטער; מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ הערט דאָס געוויין פון אַלע אָרימע און געפּלאָגטע, האָט מיט אַלעמען מיטגעפיל, גלעט קינדער איבער די קעפּלעך, שטילט

אײן אַלעמענס צער; זאַפּאַלסקאַ דערצײלט אַזױנע פּאַרכאַפּנדיקע מעשׂיות, װאָס מ'טאָר זײ נישט לײענען און װאָס עס גלוסט זיך אַזױ צו לײענען, אַז ס'איז גלאַט אַ שאָד, װאָס דאָס ביכל ענדיקט זיך אַזױ גיך און ס'װילט זיך נאָך און נאָך.

דאָס „כּלה־מײדל" צעשע, אָדער װי די מאַמע רופט זי, צירל, לײענט זאַפּאַלסקאַן און אַ זיסער שװידער גײט דורך איר פרישן מײדלשן קערפּער, שלינגט די בלעטער, נאָך, נאָך, נאָך...

צעשע האָט גאָלד־געלע האָר, בלױע אױגן, דאָס גופל, אַ געשיקטס פּילט אױס דאָס קלײדל, דאָס בלוזקעלע. איבערן גאַס גײט זי מיט אַ חנעװדיק געשמאַק זים גענגל, פּונקט װי אַ פײן אָפּגעטאַקט כּוסהלע מיט װישניאַק אַלײן אױף אַ גרױסער טאַץ, װאָלט געװונקען: — נאַ, טרינקט מיך, נאַ, פאַרזוכט מיך: איך בין אַזױ געשמאַק... די װעבערס, זאָקנמאַכערס, קאַמאַשנשטעפּערס, שנײדער־געזעלן און בײטלמאַכערס פון דער פראַנציסקאַנער גאַס, האַלטן אַזש אײן דעם אָטעם, אַז דאָס „געשמאַקע פּאַניענקעלע" באַװײזט זיך; די יונגען באַװונדערן דאָס װיגנדיקע גענגל און פליסטערן: — זענען זי שײן, זענען זי שײן!

אַפילו דער רעװיראָװע מיט די שטײפע זשאַנדאַרישע װאָנצעס קען זיך בפירוש נישט אָקעגנשטעלן דעם רײץ פון צעשעס פאַרזשמורעטע אױגן, און די פאַרשײט־װינקענדיקע לעקעלעך, װאָס גאַלדיקן זיך אַקעגן דער זון, — אױך ער פאַרלירט זײן פּאָליצײאישע שטײפקײט, בשעת עס שורשעט צעשעס גענגל, און אַ װוּנדער: ער לאָזט אַפילו פאַרבײגײן אַ פאַרדעכטיקן פאַרשױן, װעמען על פּי דין ער װאָלט געדאַרפט פרעגן אױף אַ פּאַספּאַרט...

װאָס איז צעשע שולדיק, אַז דער ברוק פון פראַנציסקאַנער, אַז די טראָטואַרן זינגען אונטער איר זשװאַװע גענגל. אמת, זי קוקט אין ערגעץ נישט, נישט רעכטס, נישט לינקס, זי זאָגט קײן װאָרט אױף די יונגענס אָנצוהערעניש. זי איז דאָך ר' נחומס טאָכטער, כּמעט אַ רבײאיש קינד; דאָס װיגנדיקע שטאָלצע גענגל זאָגט שױן אַלײן, אַז דער גערער רבי, װען ער קומט קײן װאַרשע, שטײט בײ זײ אײן, דער שׂפת־אמת אַלײן זאָגט שאו־ידיכם בײ דער קופּערנער װאַש־שיסל! טאַ, װי קען זי דאָס עמעצן אַפילו אַ בליק שענקען!

אירע ווארעמע טראכטעניִשן גיט צעשע איבער די פּוילישע ביכלעך, וואָס זי בייט אזוי אָפּט אין חיים דזיוויצערס בוכהאנדלונג אויף לעשנע, און סאַלטשען איר חברטע, ווען זיי שפּאַצירן געאָרעמט אין זאקסישן גאָרטן.

נאָמע־געלע האָט נישט מצליח געווען מיטן רעדן איר א שידוך מיט א חסידיש־גבירישן זון. צעשע געפינט כסדר אויס עפּעס אַ תירוץ כדי אָפּצולייגן דאָס זעעכץ. זי קען זיך נישט העלפן, דאָס וואָס זי האָט נישט קיין געשמאַק אין די אלע חסידישע בחורימלעך, עפּעס שטעלט זי זיך פאָר די פרומע איידעמלעך מיט זייערע בערדלעך ווי פּאקליעס אָנגע־קלעפּטע, פּונקט ווי אירע אייגענע ברידער. דאָס זענען עפּעס גאָרנישט קיין מענער זיך צו פארליבן ווי אין די ביכלעך, נאָר פארשטעלטע מענטשן, וואָס רעדן מיט אַ קארגן גיכן נו־נו־לשון. אַז זיי האָבן חתונה, עסן זיי נישט מיט די ווייבער ביי איין טיש, אויפן גאַס קריכן זיי ממש אויף די ווענט, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט א קוק אויף אַן אישה... צעשע האָט געלייענט א סך ביכער, וועגן ראָמאַנטישע שיינע ליבעס, וועגן געשטאלטנע יונגעליים, וואָס רעדן אזוינע געהויבענע וואָ־רעמע רייד... צעשע מיט סאַלטשען אונטערהאלטן זיך טאָקע בין־השמשות, אין א ווינקל ביים פענצטער, וועגן די העלדן און זייערע פּאסירונגען.

סאַלטשע איז א הויכע, אַן אויסגעצויגענע ברונעטע, האָט אַ ברייט מויל און הונגעריק גלוסטיקע אויגן. זי איז דער אלמנה קראָנשטאטס טאָכטער, וואָס איז זיך מפרנס פון א קליינער דרוקעריי. דער דרוקער איז א שטשופּלער בחור מיט איינגעפאלענע באַקן, צו איינגעפאלענע. די מיידלעך מיינען צווישן זיך, אַז מ׳וואָלט זיי געדארפט אביסל אָנ־בלאָזן, זיי זאָלן ווערן פולער. סאַלטשע האָט מיט דעם שטשופּלען בחור „סודות״, וואָס זי גיט פונדעסטוועגן איבער וואָרט ביי וואָרט צעשען. צעשען פארטרויט זי. קימעלמאַן דער דרוקער, דערציילט זי דער חברטע, איז אַן „אינטערעסאַנטער״. וועגן ביכער רעדן זיי. מען רעדט וועגן ביכער און מ׳איז אויסן צו וועקן ביים מיידל די באַגערן און גלוסטעניִשן, מיט וועלכע ס׳זענען פול די ווערק פון ארציבאשעוון, קופּרינען און פּאָרעל, וועגן דעם וואָס מ׳מעג יאָ און וואָס מ׳טאָר נישט...

— ער האָט געזאָגט, אז א מענטש מוז אלץ לייענען, פאר קיין זאך זיך נישט שעמען...

— ביסט פארליבט אין אים?

— און דיר געפעלט ער?

— מיר, אזוי...

— וואָס אזוי?

— ווען מ׳קוקט אויף אים...

— א סך מאָל האלט איך, אז מ׳קען נישט קוקן אויף אים, איינגעפאלענע באַקן ווי ביי א זדעכליאַק, נאָר...

— נאָר וואָס?

— אז ער וואשט זיך ארום, קעמט זיך אויף די „גזשיבע״, מ׳הערט אויף צו שפירן דעם ריח פון דעם בליי און דער פארב — איז ער גאַנץ סימפּאַטיש...

— אבי ס׳איז דאָ אמתע ליבע...

— וואָס איז אמתע ליבע?

— קימעלמאַן זאָגט, אז ס׳איז נישט קיין אונטערשיד פאר דער חתונה, נאָך דער חתונה, אבי מ׳האָט זיך ליב... ר׳האָט מיר געליען א ביכל... כ׳האָב קיין מאָל נישט געלייענט אזוי וועגן די זאכן... אָ, ווי אינטערעסאַנט...

— דו וועסט עס מיר געבן צו לייענען?

— פארוואָס דען נישט?

— דו וואָלסט זיך?...

— איך האָב פון דעם־אָ נאָך נישט געטראכט... צעשע, דו ווייסט, קימעלמאַן לערנט מיך שפּילן אויף מאנדאָלינע...

— און דיין מאַמע? דו — און א בעל מלאכה?...

— קימעלמאַן זאָגט, אז ס׳איז א גרויס פינצטערניש דער פאראורטייל לגבי בעלי מלאכות. ער זאָגט, אז מיר זענען נישט קיין גרעסערע יחסנים ווי ארבעטאָרער, ער האָט אויף דיר געזאגט...

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— נאָר אזא משל געגעבן: — דיין חברטע פּאסט אויך נישט צו ענטפערן אויף א אַ באגריסונג, איינגעטינקט אין יחוס, פּאַסט איר נישט

צו רעדן מיט עפּעס אַן אַרבעטאָרער דאָרטן. וואָס דען, אַ כּניאָקל איז מער ווערט ווי אַ דרוקער...

— ווען עס וואָלט געוווסט, וואָלט ער נישט אַזוי גערעדט...

צעשע האָט שוין אויך אַ סוד צו פאַרטרויען. צום ערשטן מאָל אין לעבן איז זי פאַרליבט און אין וועמען? גראָד אין אַ בעל מלאכה, אַ זאָקנמאַכער. זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זי קומט צו אים, זי, צעשע, אַ באַלעזונע, אַ חסידישע טאָכטער, און ער, דאַכט זיך, אַ שוויגער, אַ וואָרט אַ רענדל. — דער עיקר, — אויגן האָט ער שיינע און פאַרליבטע און אַ שטיל בעטנדיק קול...

— קימעלמאַן זאָגט, אַז דער עיקר איז ביים מענטשן דאָס האַרץ, די נשמה, בילדונג איז גאָרנישט, מ׳זעט אָפּט געבילדעטע מענטשן גרויסע רשעים...

— איך ענטפער דערוויל גאָרנישט אויף זיין ליבע, בפרט נאָך אונדזער אומגליק מיטן טאַטן... די מאַמע ווייסט נאָך גאָרנישט... די שדכנטעם דערגייען די יאָרן...

— קימעלמאַן זאָגט, ס׳איז פינצטערניש חתונה צו האָבן דורך שדכנים...

— די מאַמע וויינט כסדר, קראַנק און שוואַך... אויף מיר ליגט דער יאָך... וואָס זאָל איך טון, סאַלטשע?

סאַלטשע קען איר נישט געבן קיין עצה, זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי זאָל טון מיט זיך, מיט דעם קימעלמאַן, וואָס „דערלויבט" זיך שוין צופיל, גיט איר אַ תירוץ, אַז סאַנין ביי אַרציבאַשעוון האָט אויך אַזוי געהאַנדלט. צעשע פילט, אַז סאַלטשע דערזאָגט עפּעס נישט, נישט אַלץ קען מען דערציילן אַ חברטע...

וואָס זאָל זי טאַקע טון די גאָלד־געלע צעשע? דעם קופּערנעם כיור מיטן קופּערנעם וואַש־געשיר האָט מען שוין לאַנג פאַרקויפט, פאַרמשכנט דאָס שטיקל פעלץ, דאָס ביסל בלישטשענדיקע ראָנדעלעס, די אויסטער־ליש־שיינע פּסחדיקע קערה, אפילו די פּאָר קרישטאָל כוסות. גרשון איז שוין ווידער נישט געזונט, ווידער אַ גילדן און נאָך אַ גילדן אויף מעדי־צינען; דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן געבן פּאָמעראַנצן, קאָמפּאָטן און קויפן אַלערליי זאַלבן און וואַסערלעך. אַ גליק, אַז דער דייטשער דאָקטאָר

נעמט גאָרנישט פאַרן פּרעגן. מ׳וואָלט פאַרקויפט נאָך פאַרשידענע זאַכן, די ספרים־שאַפע, א צווייטן טיש, מ׳קען זיך באַגיין מיטן קליינעם טישל, די ניי־מאַשין, — האָט דער קאָמאָרניק אויף אַלץ אָנגעקלעפּט אזעלכע צעטעלעך מיט א בלויען סטעמפּל מיט א צווייקעפּיקן אָדלער און גע־וואָרנט, אז אויב מ׳נעמט אוועק פון שטוב איינס פון די באַצעטלטע חפצים, איז א קרימינאַל־פּראָצעס.

רחטשע שיקט כסדר געלבאַפּלעקטע פּאָסט־קאַרטלעך צו די זין אין די פּראָווינץ־שטעטלעך. די תשובהס: נתן קען נישט, אפשר אם ירצה השם שפּעטער, איצט ליגט ס׳ווייב אין קימפּעט, די קימפּעטאָרין מוז לאַ עליכם עסן עוף מיט יאַכלעך; יאַנקל פון פּאַביעניעץ שיקט דריי רובל, לכשירחיב... אָנשטאָט שבתין ענטפערט זלאַטע. ער זיצט שוין צוויי חדשים ביים רבין, אין גאַנצן אויסגעטון פון וועלטזאַכן. רחטשע ווייסט וועגן דעם ביטערן מזל פון איר שניר. זי ווייסט, אז זי מוז אויף זיין גאַנצע נעבעך און שטיקן ליילעכער, ציכלעך, האַנטיכער, און כלה־העמדער פאַר פרעמדע הייזער. זי שרייבט, זלאַטע, אז ס׳קינד לאָזט נישט שלאָפן, אז זי וואָלט שוין געוואָלט פאַרענדיקן די מאָנאָגראַמעס אויף די ציכן פאַר די אייגערס, אז סיי ווי סיי גייט איר נישט איין קיין שלאָף, זי שרייבט מיט פאַרביטערטקייט, זלאַטע:... דער „געשפּאַן” האָט זיך באַ־זעצט ביים רבין און קלערט גאָרנישט צוריקצוקומען, טאָ וואָס קען איך ענטפערן דער ליבער שוויגער, אז איך אליין בין א לעבעדיקע אלמנה...”

צעשע האָט גרוים מיטלייד מיט זלאַטען, זי איז אין כעס אויף איר ברודער, וואָס לעבט אזוי אין קעגנזאַץ צו די אַלע העלדן פון די ביכער. צעשע איז געוועזן אַמאָל אין שטעטל, האָט זי געזען, ווי די שוועגערין מוטשעט זיך, האָט צוגעזען ווי זלאַטע נעמט זיך ארום די אויגן מיטן שטיקן. יעדעס מאָל, ווען זי האָט זי נאָר באַזוכט, איז דאָס געווען איין שטיק ביטערניש, איין שטיק געוויין; תמיד האָט אַ קינד געוויינט אין דער וויג; תמיד האָט א פאַרקאָפּטשעט לעמפּל געוואָרפן א געלן שיין איבערן צימער, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט מיט ווינדלען; תמיד איז אין שטוב געווען שטיקעדיק אי פון די זיך טרוקענענדיקע ווינדלען, אי פון עפּעס א רפואה; תמיד האָט זלאַטע

געוויגט א זייג־קינד מיט א פארביטערטער איינגעשפארטקייט: — א, א, א, א! און צוגעזונגען מיט א מיד אויסגעצויגענעם קול:

וויינט שוין, קלאַגט שוין ציונס טעכטער
אויף דעם אומגליק וואָס איז געשען...

דער פאַל האָט געסקריפּעט אונטער דער מאסיווער וויג; פון צייט צו צייט האָט זלאטע געגעבן א בייזן כאפ דאָס קינד, אים געשטופּט די ברוסט אין מייל: נא, צי ארוים דאָס חיות פון מיר, נא, מלאך המות מיינער! דאָס יינגעלע פלעגט העשענען און סמאָצקען; ביי זלאטען פלעגט כסדר סקריפּען די וויג און קלאַפּן ווי דער פויער מיטן דרעשקלאַפּער אין שייער; און תמיד — זלאטעס שאָטן איבער דער וואנט און דאָס פאר־ביטערטע איינגעשפארטע קול: א, א, א, א!

זלאטע שרייבט: „... שבתי האָט זיך באַזעצט ביים רבין, אָפּגעטון זיינס און אוועקגעפאָרן. נא, מוטשע זיך, נא, גיב פרנסה! געמיינט, אז ס׳פאָסטקארטל איז פון אים... איך בין עלנט, האָב גאָרנישט אין שטוב... (די שורה: „איך האָב געוואָלט זאָגן דער שוויגער, אז צעשע וואָלט נישט געדארפט פּוסטפּאסעווען, זי קען עפּעס אָננעמען א געניי״ איז אויסגעשטראָכן). ווייטער האָט זלאטע געשריבן: „ליבע שוויגער! כ׳בין זייער באטריבט, אז כ׳קען נישט העלפן. וואָלט שבתי אהיימגעקומען, וואָלט ער מיר כאָטש געהאָלפן ס׳קינד וויגן, און איך וואָלט כאָטש גע־קענט צוטון אן אויג. אפשר וואָלט צעשעלע געפּרוווט זיך אויסלערנען נייען? מילא, אז ס׳איז באשערט, מוז מען...״

מיידלשע בענקשאַפטן

רחטשע ר׳ נחומס איז בטבע נישט קיין וויינעריןֿ; ס׳איז נישט איר נאַטור צו גיין איבער שטיבער צו באַקלאָגן זיך פאר די שכנטעס, אז ס׳גייט איר, חלילה, שלעכט, אדרבא: רחטשע פארקעמט זיך און פארגלעט זיך ס׳שייטל און דאָס פארקנייטשטע פּנים, ווי ווייט מ׳קען א פאַרדאגהט פּנים פאַרגלעטן, ארויפציען אויף דעם א בטחונדיק — און א נישקשה־גאָט־וועט־העלפן־שמייכעלע.

בפירוש געטון א פעלער מיטן שרייבן, געשריבן צו „טויטע מענטשן". ס׳האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט. ביי לייטן שיקט די שוויגער צו די שנירס פון צייט צו צייט „פּרעזענטן". נייע איינגעלעך, בריליאַנטן, און זי, רחטשע, האָט זיי גאָרנישט נאָך נישט געשיקט. פון דאַנען ביז אַהער, זלאַטע, א יונגע שניר, די ערשטע קינדער, און זי, די באָבע, גאָרנישט. אזוי ווי זי וואָלט געוועזן א פרעמדע. זלאַטעלע איז נעבעך געדעכט, אַלע חסידישע ווייבער קומען אָפּ אויף דער וועלט... פאַרוואָס פאַרביטערט שבתי איר ס׳לעבן מיט זיינע ווילדע גענג? שבתי — פונקט ווי דער טאַטע זיינער ע״ה: נחום — האָט זיך אויך פונקט אזוי אויפגעפירט, זי געדענקט נאָך פונקט ווי היינט, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט איינע אליין, כאָטש וואַרף זיך אין ווייסל אריין, מיט נתנען ביי דער ברוסט, באשר דער שפּת אמת האָט זיך נישט געקענט באגיין אָן אים...

און איצט, צו וועמען האָט זי זיך צו קערן, צו וועמען צו ווענדן, ביי וועמען עפּעס בעטן? אַלע האָבן עמיצן אין אמעריקע — און זיי האָבן קיינעם נישט מעבר לים, קיין קרוב, קיין גואל.

צעשע האָט פון די בריוו נישט געוווסט, רחטשע האָט דאָס געטון בסוד סודות, באהאַלטן זלאַטעס ענטפער, זי האָט נישט געוואָלט שאפן

קיין רוגז צווישן קרובים, צעשע וואָלט זיך נאָך געקענט באַליידיקן, וואָס איר שוועגערין הייסט זי ווערן אַ שניידערין, פון אייגענעם ווילן — יאָ, אָבער, יענער זאָל הייסן — נישט...

דער פעטער מנשה איז לעצטנס גאָר אַן אָפטער גאַסט. אַ דרייסטער אורח — דער פעטער מנשה, איידער ר׳זאָגט נאָך אפילו אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר, ליגט ער שוין אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויפן סאָפע, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, מיטן קאַשקעט, שטיוול, זשיפּעצע. זיפּצט ברייטלעך און מיט הנאה: — איש, איש, איש, אַ וואַזשנע שעזלאָן ביי דיר, רוכטשעע, איש, איש, איש, ווייכע שפּרינגפעדערן, מיט אַזאַ שעזלאָן, אַבי געזונט, שאַ, שאַ, שאַ.

רחטשע, פון איר זייט, אויף די לויבענישן פון סאָפע מצד דעם ברייטן עלטערפעטער, איז מסכים מיט אַ יראת־שמימדיק קרעכצל: יאָ, ער ע״ה האָט דאָ געפלעגט מקיים צו זיין דעם עונג שבת.

ביז וואָס, ביז ווען, ביז ס׳קומט צום עיקר־הדבר, ניצט דער פעטער מנשה אויס דעם שעזלאָן כדבעי, שלאָפט זיך דורך אַ שעה־צוויי, וועקט זיך איבער, גיסט אָפּ די נעגל, — לויט זיין מיינונג מוז מען על פּי דין אפילו בייטאָג אָפּגיסן די נעגל, — און הייסט זיך דערלאַנגען אַ גלעזל חמים: נאָכן שלאָף איז גוט אַ גלעזל טיי מיט שטאַרקן „סענץ״, ס׳מאַכט גוט דעם מאָגן.

— איש, איש, איש, רוכטשע, כ׳בין שוין קרוב לשבעים, אָבער קיין עין הרע, די תאוה צו אכילה ושתיה איז, ב״ה ביי מיר גאָרנישט געמי־נערט. דיין נחומען האָט אַוועקגעהרגעט דאָס, וואָס ער האָט געזשאַלע־וועט דעם רבונו של עולם פון די מיני מזונות, פון די ברכות, ביי וועלכע אַ ייד האָט אַ הנאה, און ער, זכרונו לברכה, האָט זיך נאָר מטפּל געווען מיט עולם־הבאדיקע זאַכן... איש, איש, איש, רוכטשע, עולם הזה איז זיך אַ באַזונדערע זאַך, און עולם הבא, אם ירצה השם, וועט נישט אַנטלויפן, אַבי, מ׳האָט זיך פאַרדינט, איש, איש, איש....

רחטשע פּאַטאַקעוועט מיטן פרומען באַשייטלטן קאָפּ. דער פעטער מנשה גלעט זיך דערווייל די לאַנגע גרוי־רויטע באָרד, זופּט דעם טיי מיט רעשדיקע גאָרגלדיקע זיפּעלעך, צעהאַקט מיט סיסטעם אַ קלעצל צוקער געניי אויף זעכצן שטיקלעך.

— אש, אש, אש, א וואזשנע גלעזל חמים, אש, אש, אש, מ׳דארף זשאלעווען צוקער... דו ביסט דאָך נישט שבעלע פריוועסעס, רוכטשע... איז, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? האָסט דאָך אַ טאָכטער, איז כבר היגיע לפירקה, שוין העט, אָנגעקומען די צייט, אש, אש, אש... האָב איך דיר שלעכט געטראָפן מיט דיינע בנים... אש, אש, אש; כ׳האָב זיי ארייננעפירט אין סאמע יחוס...

וועגן דעם יחוס וויל רחטשע עפענען די לעפצן, זי וויל זאָגן, אַז איר צד איז אויך נישט ווינציקער מיט דער סחורה, אָבער דעם פעטער מנשהס כוח־הדיבור איז שטאַרקער:

— אש, אש, אש, רוכטשע, אַז ר׳מנשה טוט זיך איין דריי, פירט ער אוים, נתן — דעם פשעדיבאָרזשערם אַן אייניקל, און שבתים ווייב פון די סאמע, סאמע, פש, פש, שארפע אלעקסאנדרער חסידים, געלט איז בלאָטע, דער עיקר — דער מענטש, דער מענטש! אַש, אַש, אַש...

הייסט זיך אָנגיסן א פריש גלאָז טיי, ציט אוים די לאנגע באַשטיוול־טע פיס, און נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעחזרט זיין ליבגעזאַנג צום „מענטש” עטלעכע מאָל, ווערט דער עלטער־פעטער מיושבדיק און גייט צו צום ריכטיקן ענין:

— הייסט עס, רוכטשעע, האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, אַז דער וואָס איז מזווג זיווגים זאָרגט זיך שוין דערפאר, אַז ס׳זאָל שוין אונטערקומען עפעס רעכטס פאר צירלען (קוקט זיך ארום אין אלע זייטן): — א, זי איז נישטאָ, גוט אזוי! צירעלע, זי הייסט דאָך נאָך מיין שוועסטער ע״ה, אש, אש, אש, געווען א צדיקת, א טיפע פרומע קופקע, אש, אש, אש... באזקל שערעשעווסקין קענסטו, הא, רוכטשע? באזקל שערעשעווסקי! אש, אש, אש, א קלייניקייט באזקל שערעשעווסקי, ארויסרעדן דעם נאָמען באזקל שערעשעווסקי, א גביר, אן אדיר, פש, פש, פש, ממש כל הון דעלמא... שפילסט זיך מיט שערעשעווסקין! אש, אש, שאש...

— ער האָט א זון?

— אש, אש, אש, וואָסערע זין? די זין שוין לאנג אויסגעגעבן... ער אליין...

רחטשעס פנים נעמט אָן א תחינהדיק־באַצערטן אויסדרוק: —

מנשה, וואָס רעדסטו, ר׳איז דאָך א זעכציקער, א זיידע... צירל... ווייסט וואָס דו רעדסט, מנשה?

ר׳ מנשה ווערט באמת אין כעס, ס׳זידט אין אים: סטייטש און סטייטש:

— אש, אש, אש, און א בן־שישים איז וואָס? א בן־שישים קען נישט ב״ה... רוכטשע, דאַרפסט אָנקוקן א ייד א גבר, פאַרשטעקט צען חלשים ישיבה־בחורים, א געפּוצטער ייד, אש, אש, אש, אַ ווייב וועט ביי אים האָבן פון כל־טוב, אזא זיווג איז דאָך טאַקע מין השמים, איין מאָל אין הונדערט יאָר געשעט אזאַ גליק...

— ס׳איז דאָך א יונג קינד... כ׳האָב מורא, זי וועט נישט וועלן נעמען א זקן.

דער עלטער־פעטער גלעט מיט בייזקייט די ציגל־רויטע לענגלעכע באָרד:

— אש, אש, אש, אַ משפחה פון כ׳וויים־וואָס, עקשנים, עקשנים, אש, אש, אש,... א קלייניקייט, כאזקל שערעשעווסקי! ווער קען צו אים אָנקומען! נאָר בלויז וואָס ער ווייסט, ווער ס׳איז מנשה צוקער, איז ער מסכים צו נעמען די בתולה, וואָרום בתולות אין ווארשע פעלן נישט... און וועגן דער זקנה איז באמת נישט קיין מניעה, אש, אש, אש, מ׳האָט שוין געזען אזוינע זאכן, בכל יום ויום... מנשה איז א סבלן, וועט וואַרטן ביז די עקשנים וועלן זיך איבערלייגן...

שטעלט זיך אויף ווי אַ באַליידיקטער: — אש, אש, ווילדע עקשנים רחמנא ליצלן, האָטס מיר א גוטן תמיד... כ׳אייל זיך צו פּתחיה פיינ־זילבערן... א יפת־תואר דאַרטן צו פאַרקנסן... רוכטשע, למען השם, למען השם, איבעררעדן מיט דער בתולה, למען השם... וואָרעם — שפּעטער... הלוואי צ׳זאָלט נאָר נישט חרטה האָבן צוליב אייער שטות... אש, אש, אש...

* * *

די מאַמע לייגט אָפּ פון טאָג צו טאָג איבערצורעדן מיט צעשען.

צעשע האָט זיך אליין ארומגעזען וועגן דעם ביטערן מעמד און אין שטוב איז אריינגעקומען א ניימאַשין אויף אויסצואַלן. דעם מיידל

בלייבט נישט איבער קיין סך צייט אויף צו לייענען ביכלעך. דער פרנסה־עול אויף די יונגע מיידלשע פּלייצעס בלייבט אויס די באַקן, מאַכט מיד די אויגן. שטעפּן, נייען, העפטן מאַנאַגראַמען און אַלערליי קונציקע אויסהעפּטעכצן אויף ציכלעך, דעקן, ליילעכער און כלהשע העמדער. אַ סך שעהען, אומענדלעכע תמוז־טעג, אין לאַנגע זאַוויערוכע־דיקע ווינטער־נעכט — תמיד זיצט צעשע ביים געניי... כסדר מיט נאָדל און פינגערהוט, טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער.

די ליכטיקע זומערדיקע גאַס זינגט. ס'איז דאָך זומער אויף גאַנץ ליכטיקער ווארעמער וועלט, מעג זיך אפילו די אָרימע פּראָנצישקאַנער־גאַס צעזינגען. פון די אָפענע פענצטער צעגייט זיך אַ באַהאַרצט געזאַנג; עס זינגען שניידערס, עס זינגען זאָקנמאַכערס, עס זינגען קאַמאַשנשטעפּערס. קומען זיי אַרויף, די לידער, צו דער פאַרחלומטער צעשען, וואָס דזשאַבעט פעדים פון די מאָנאָגראַמען פון חנהלע פיינזילבערס אויס־שטייער; די געזאַנגען וועבן זיך אריין אין מיידלס געמיט. ביי ר'נחומען האָט מען קיין מאָל אזוינע מיני לידער נישט געזונגען. צעשע פלעגט הערן דעם טאַטנס פאַרדבקהטן שיר השירים, דעם טאַטנס זמירות און אַ וועלט מיט פרייליך־אויפגעוועקטע געריער ניגונים, ניגונים אָן ווערטער, וואָס ענדיקן זיך גאַרנישט; און ווען דער טאַטע איז געווען גאָר אויפגע־רוימט, פלעגט ער פאַרזשמורען די אויגן, אונטערהאַלטן די גאָמבע און זיך צעזינגען: — „אוי, וכל מאמינים, אַלע מוזן מיר אים דינען, דינען מוזן מיר אים אַלע..." און דאָ זינגט גאָר הערשל טאָקערס געזעל:

אז אַ מיידל שפּ־יי־לט אַ לי־יי־בב־עע,
שפּיל־ל־ל־ט אַ לי־יי־יי־בב ע ע,
שפּי־לללעין זיך אי־יי־ער אוי־אויס די פּאַ־אַ־רבן
און אַז זי פּי־יי־ערט די לי־יי־בב־ע נישט אויס,
מוז זי דאָ־אַך יונגערהייט שטאַ־אַ־ר־בבן.

די געזעלן פון זאַגוול קאַמאַשנשטעפּער באַגלייטן דאָס „מאָראַלישע" געזאַנג:

מוז זי דאָך יונגערהייט שטאַרבן,
מוז זי דאָך יונגערהייט שטאַ־אַ־רר־בבן!

און אַז הערשל טאָקערס געזעל הערט, אַז די קאַפּעליע האַלט מיט

אים מיט, באַקומט ער דעם אמתן קוראַזש און צעזינגט זיך מיט אַ מאַיעס־טעטישער ברייטקייט:

אַז אַ גזלן קוי־ל־ע־ע־ט אַ מ־ע־ע־נ־טשן,
קוי־ל־ע־ע־ט ער אים מ־יי־י־ט אַ מע־ע־ע־סער,
אָ, דו גז־ל־ע־ע־ן, האָ־אָ־סט מיך גע־קוי־לעעט
נאָ־אָ־אָ־ך שע־ע־ע־נער או־ר־ו־ן בע־ע־ע־סער.

דער כאָר פון צען וואַרשטאַטן ענטפערט אָפּ אין לאַרגאָ מאַיעסטאָסאָ:

אָ, דו גזלן, האָסט מיך געקוילעט,
נאָך שענער און בעסער.

אָט זינגט בערל, זינגט מיט אַ פאַלצעטל, ווויליונגעריש, צעשע־דערקענט זיין קול, זי אונטערשיידט עס פון אַלע קולות אויף דער גאַס, זי האַלט איין דעם אָטעם, ווען דאָס פאַלצעטל צעזינגט זיך: — ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט?

יאַנקעלע וואָלאַנטשיק?
עפן, עפן בראָנטשעלע,
איך בין דיין קאָכאַנטשיק!

אויף אַזאַ „שטאַרק" ליבעליד רעאַגירן אַלע שכנהשע פענצטער, צווישן זיי דייטלעך דאָבע דער שוואַרצערס „אַלט":

— ווי קען איך דיר דען עפענען,
איך האָב מורא פאַר מיין מאַמען!

ענטפערט איר אָפּ וואָווע דער טאַנדייטניק פונעם דריטן שטאָק:

עפן, עפן בראָנטשעלע,
איך וועל לאַנג נישט פאַרזאַמען!

אויך גרשון, דאָס בלאַסע אומגעראָטענע ייִנגל, שטייט לעבן פענצ־טער און אַ „דראָזש" גייט אים איבער דורכן לייב פון דאָבע דער שוואַר־צערס שטים, ווי זי זינגט דאָס אַזוי מיידלש ווינקענדיק:

ווי קען איך דיר דען עפענען,
איך האָב מוירע פאַר מיין טאַטן!

ענטפערט וואָווע דער טאַנדייטניק פון דריטן שטאָק:

עפן, עפן, בראָנטשעלע, ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן!

דער מאַמע רחטשעס פּנים פאַרציט זיך מיט א מינע פון פאָרוואורף און פרומקייט:

— זעטס נאָר, זעטס נאָר, ווי די לייט האָבן זיך היינט צעזונגען. דער קאָפּ טוט אזש ווײ...

צעשע איז אינגאַנצן צעחושט. בערל, האָט ווידער זיך צעזונגען, זי פילט זיין געזאַנג אין זיך, אויף זיך, פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס די מאַמע איז בייז:

— מאַמעשי, זיי זינגען דאָך אזוי שיין, א מחיה...

— אָבער, צירלשי, ס'זענען דאָך פאַרשייטע לידער...

— זיי זענען דאָך אזוינע שיינע.

— נישט אַלע שיינע זאכן זענען גוט... פאַראַנען געזאַנגען זינדיקע...

אָבער צעשע הערט נישט מער די מאַמעס פרומע רייד, בערלס ווארעם ברוסטיק קול לאָזט זיך הערן:

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טון אין אזא וויטן וועג?

דער „אלט" דאָבע דער שווארצערס ענטפערט אָפּ מיט באַהאַרצט־קייט און גלוסטעניש:

איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
און וועל שרייען וועש צו וואַשן,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

צעשע פאַרשטעכט זיך אַ פינגער. ניין! ניין, עס וועט נישט זיין! דאָבע מיט בערלען וועלן נישט „צוזאַמען זיין". נאָך היינט פאַרנאַכט וועט זי, צעשע, אָפּלאָזן ס'געניי, מ'דאַרף לעבן אויך א ביסל, זיך פאַר־קעמען מיט א געדרייט לעקעלע אויפן שטערן (איר פּאַסט עס) און „מאַכן", אז בערל זאָל זי זען און מיט איר רעדן. זאָל בערל אויך פאַר איר זינגען שיינע לידער. זי וועט אים אויך פון פענצטער ארוים באַגלייטן מיט איר שטים, דעם טאַטן האָט זי צוגעהאָלפן אין די שבתדיקע זמירות... סאַלטשע מעג ארומגיין מיט קימעלמאַנען בפרהסיא, — מעג זי אויך. זי וויל נישט, אז די חברטע זאָל זי באַדויערן. זי האָט אויך מיט וועמען

צו גיין: זי דארף נאָר א ווינק טון דעם זאָקנמאַכער, וועט ער מיט איר „צוזאַמען זיין".

די מאַמע פאַררוקט א זאָק, זי „לאָבט" אונטער דאָס האַרץ מיט טיי און ברויט. הינטער דעם ים קנייטשעלעך פון איר פאַרגעלטן שטערן — א וועלט מיט רעיונות ארום איר צירלען. ס'קינד איז די פרנסה־געבע־רין, גייט איין פון טאָג צו טאָג, פאַרלוירן די מראה פון פנים, געוואָרן קיילעכדיק ווי אן עפּעלע, פול, און איצט זענען די קליידער אויף איר לויז. וואָס וועט זיין דער תכלית? דער עלטער־פעטער האָט פאַר איר א תכלית: כאַזקל שערעשעווסקי. ער הייסט כאַפּן מיטביידע הענט, זשאַמזשעט, אז ס'איז א זכיה פון א מויד, און אז שערעשעווסקי האָט זי פון דער ווייטנס געזען, און אז זי האָט באמת נושא חן־געווען ביים גביר. א קלייניקייט נושא־חן צו זיין ביי כאַזקל שערעשעווסקין, אין גאָלד וואָלט זי דאָך ביי אים געגאַנגען...

רחטשע רעדט אין מיידלס זייט:

— אז זיי בעטן דיך מיטצוגיין, גייט מען מיט. ס'איז זומער, מעג מען זיך אביסל דורכגיין. דער טאָג איז גענוג גרויס. מאַך דיר עפּעס א לאַק. טו דיר אָן ס'זיידענע קליידל...

רחטשע נעמט זיך אָן מיט מוט און ס'קומט אַרוים אַזוי כלאחר־יד:

— ווייסט, צירעלע, שוין ווידער דאָ געווען דער עלטער־פעטער מנשה?

— יאָ, מאַמעשי, כ'ווייס, ס'זעט זיך אָן דער וויזיט. ווידער אָנגע־בלאָטשעט מיט זיינע שטיוואַלעס דעם גאַנצן שעזלאָן.

— פון דעסטוועגן א ווילער ייד. ביי זיינע יאָרן. ר'האָט נעבעך נישט קיין גוט לעבן ביי זיין ווייב, די פרומע קופקע פאַרקירצט אים ס'לעבן.

— וואָס וויל ער דאָ ביי אונדז?

— זיין פרנסה, א שידוך...

— כ'האָב געהערט אמאָל הינטער דער טיר... האָט קיין עין־הרע א קולכל דיין פעטערל...

— נו?

— ס'וועט גאָרנישט ווערן דערפון.

פנחס ביזבערג

— אַז אָרים מיידל מוז קלערן וועגן אַ תכלית.
— קען זיין אַן אַ תכלית.
— מילא, צירעלע, ווייסט דאָך, איך מיש זיך נישט אין מיינע קינדערס גליק...
ווי לאַנג איך וועל נאָך זיך ארומדרייען אויף דעם וועלטל...

* * *

די שמועסן האָבן צו גאָרנישט דערפירט. די מאַמע האָט מיט זיפצן אראָפּגעקוקט אויף בערלען און צעשען, וואָס האָבן זיך מיט טאַנצנדיקע שריט דערווייטערט אויף זייער ערשטן שפּאַציר.

רוסלאַנד האָט זיך צעוויגט

דאָס לעבן אין ווארשעווער געדיכטעניש גייט זיך זיין געוועגלעכן גאַנג: עס גייט אָן די מלחמה פון די יידענעס מיט שייטלען און פארטוכער און פון די יידן מיט די פלאכע טוכענע היטעלעך און זשיפּעצעס, און אפילו קינדער האָבן זייער חלק אין דעם שווערן קאַמף פון ווארשעווער ייד פאר א ביסן ברויט אין דער וואָכנס, — און פארן ביסל שבת־יום־טוב מיט זיינע מעדני־מאכלים.

אָבער דרויסן, אין די יאָרן 1904־1905, איז דאָס לעבן גאָרנישט אזוי אלצאייניק. רוסלאַנד האָט זיך צעוויגט פון איין עק צום אַנדערן. ווארשע איז אויך רוסלאַנד, מיעכאָוו איז אויך רוסלאַנד. אומעטום — זענען זיי דאָ די אחדות־יונגען. זאָל דער זעלבסט־הערשער געבן אַ קאָנסטיטוציע! זאָל ער! זאָל ער! וואָס נאָך זאָל ער? אין מיעכאָוו, אין סטריקעוו, אין לאָדזש, אין ביאליסטאָק, און ווו דען נישט? שלעפּן זיי פלוצים ארוים א פאָן, א טראנספּארענט מיט ווייס אויף שווארץ, ווייס אויף רויט, האָ, האָ, מיט וואָס פאר א ווערטער, מיט וואָסערע פאָדערונגען, מיט וואָסערע לידער! א העזה אזויינעס צו זינגען:

> דער קייסער האָט זיך דערשראָקן,
> געגעבן אַ מאַניפעסט.
> טויטע — פרייהייט,
> לעבעדיקע — אין ארעסט.

נישט בלויז ארעסט, נאָר אויך תליה, דערשיסן, קאַטאָרגע. כסדר נישטערן די „קנעפּלעך" און די „סיסטשיקעס", ווו ס'גלוסט זיך זיי נאָר. מ'שלעפּט ארויס מענטשן מיט צעבראָסטעטע בריסטן, באַגלייט פון יללות פון די פרויען. ווהין שלעפּט מען דאָס? איינעם אין ציטאַדעל,

איינעם אין פּאוויאק, איינעם מיטן עטאַפּ, איינעם דירעקט צום שנעל־געריכט. צו וואָס געריכט? אַז מ׳קען אַזוי. „סטאַן וואָיעננִי״. מ׳פּאַרלאַנגט דען אַ חשבון, מוז מען דען פירן אַ פּראָטאָקאָל, פאַרשרייבן די, וואָס מ׳איז משלח אויף יענער וועלט?

פון דעסטוועגן האָט שׂפרה פון מיעכאָוו נישט מורא צו שטיקן דעם עמבלעם אויף דעם רויטן שטיק לייוונט ווי אַן אַרבעטער־האַנט וואַרגט דעם צווייקעפּיקן אָדלער, האָט הערשל דעם קאָוואַלס נישט מורא צו טראָגן די פאָן אויף אַ שפּיץ פון אַ באַגנעט.

מ׳האָט נישט מורא געהאַט, כאָטש אין לאָדזש האָט קאָזאַקאָוו געהייסן אויפשטעלן צוואַנציק תליות און מ׳האָט געהאַנגען מענטשן ווי וועש צו טרוקענען. די אחדות־יונגען האָבן נישט מורא געהאַט צו באַראַבעווען די פּאָסט, ווייל די פּאַרטיי האָט געדאַרפט געלט... און ווער איז געווען דער הויפּטרעדנער אויף דער מאַניפעסטאַציע אין מיעכאָוו: וואָווע דער טאַנדייטניק, דער מיט דער טשופּרינע.

וואָווע איז געשטאַנען אויף אַ הילצערנעם טיש, אַרומגערינגלט פון די יונגען און געדונערט צו דער מאַסע: — מענטשן, מענטשנברידער, מיר וועלן נישט לאָזן טרעטן אונדזער מענטשנווערדע! מיר זענען נישט קיין קנעכט און קיין קנעכטישע נשמות, — שטימען אין צווישנרוף: — מיר זענען נישט קיין שקלאַפן! מיר ווילן זיין פריי! און מיר וועלן זיין פריי!

וואָווע דער טאַנדייטניק האָט געדונערט: היינט אומאַרעמט זיך פאָלק מיט פאָלק, נישטאָ קיין האַס מער, יידן, פּאָליאַקן, רוסן, אַלצאיינס! און נעבן אים איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גרופּע וואָס האָט געזונגען שפּאָטיש און לעבעדיק:

פריער האָט ער געפירט אַ וועגעלע זאַמד,
איצטער איז ער קייסער אין לאַנד,
זאָל ער זיך, זאָל ער זיך,
אַראָפּוואַרפן פון טראָן!
און אַ צווייטע גרופּע מיט טראָציקן געזאַנג:
אונדזער שטאַנדאַרט מינעוועט די טראָנען,
הויך האַלט, מוטיק טראָגט.

די פּאָן איבער אַלע פּאָנען,
אויף צום שטרייט,
גיך באַפרייט!

און ווייטער וואָוועט דער טאַנדרייטניק מיט א צעפּלאָמט פּנים און צעפּאַטלטע האָר: — די רעוואָלוציע וועט זיגן. אויך די קאָזאַקן, וואָס הענגען אונדזערע ברידער, וועלן קומען צום שכל, זיי זענען נישט שולדיק, זיי האָט מען אָוועקגעריסן פון זייערע דאָנישע סטעפּעס. קאָזאַקן, מיר שטרעקן צו אייך אוים אונדזער ברידערלעכע האַנט...

א גרופּע מאַניפעסטאַנטן האָבן זיך אַריינגעמישט און געזונגען מיט לירישער ברייטקייט:

וואָס־זשע זאָרגסטו, וואָס־זשע זאָרגסטו,
שוועלבעלע מיינס,
שוועלבעלע מיינס?
דער מאָרגן איז דאָך דיין,
דער מאָרגן איז דאָך דיין...

און ווייטער הייבט די מאַסע אויף אירע אַקסלען א צווייטן רעדנער, א שוואַרצן צעפּאַטלטן יונג מיט א סטודענטישער קורטקע, וואָס תיכּף האָט ער גערעדט צו איר פלאַמיקע רייד:

... צאָרן, צאָרן, קעגן די הענקער! נאָך טריפט דאָס בלוט, נאָך איז נישט געוואָרן דערשטיקט דאָס געשריי, דאָס לעצטע געשריי פון גסיסה, חברים, דערמאָנט זיך אין דעם פאַרבלוטיקטן קאָפּ פון אונדזער חבר, געפירט צו דער תליה, פאַרבונדן די אויגן, נישט געלאָזט זען די וועלט צום לעצטן מאָל, און געהאַנגען, דערוואָרגן ביי מאָרגנדעמערונג, וועט איר זיך נוקם זיין?

די מאַסע האָט אָפּגעענטפערט: — מיר שווערן צו נעמען נקמה און זיך געלאָזט צו די טורמעס צו באַפרייען די פאַרמשפּטע אחדות־יונגען...

אין בלוט איז דערטרונקען געוואָרן די רעוואָלוציע פון 1905. אומעטום: אין וואַרשע, לאָדזש, אין אַלעקסאַנדער, אומעטום, האָבן די זשאַנדאַרן געשלאָגן מיט קאָלבעס איבער קעפּ, איבער בייכער, אומעטום האָבן זאַלפן געקאַסיעט.

און אין שבתי נחומס מיעכאָוו האָבן קאָזאַקן פּלוצים אָנגעיאָגט פון

וואלד מיט זייערע פיקעס אויף די פערד, א גאַנצער פּאָלק מיט קאָזאַקן, מיט שווערטן און ביקסן, זיך אריינגעלאָזט אין דער מאַסע מאַניפעס־טאַנטן, געטרעטן מיט די פערדישע קאָפּיטעס, געשטאָכן, געהאַקט, גע־שפּאָלטן קעפּ מיט פּריקלאַדן. דער פּלאַץ פאַרן מאַגיסטראַט איז געוואָרן אָפּגעלייִדיקט. און אין א ווײַלע ארום האָט מען געפירט די רעוואָלוציאָ־נערן, באַגלייט דורך פוסגייער סאָלדאַטן און קאָזאַקן, וואָס האָבן געהאַלטן גרייט די נאַגייקעס; די אחדות־יונגען זענען געגאַנגען ווי שיכורלעכע, מיט צעבלוטיקטע און צעמזיקטע פּנימער, צעבראַסטעטע העמדער, גע־גאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט, א טייל רעזיגנירטע, א טייל מוטיקע, מיט אויפגעהויבענע קעפּ...

רוסלאַנד האָט זיך צעוויגט פון איין עק ביזן אַנדערן. תליות, תליות, און מאַמעס געוויין פון קינדער, וועמען מ׳האָט מקריב געווען אויפן מזבח פון פרייהייט...

* * *

אויף דער פראַנציִשקאַנער גאַס זענען א סך פארפאַלן געוואָרן. ערשט נעכטן, אייערנעכטן געזען, און היינט — אוועק. באַזונדערס האָט מען געלויערט אויף די געזעלן, ארבעטארערס, די לידל־זינגערס פון די אָפּענע ווארשטאַטן־פענצטער, פון יידישן געדיכטעניש.

ווו איז אהינגעקומען בערל? איז ער דען געווען אין ערגעץ פאַר־מישט? ערשט פאַר א פּאָר טעג געווען אין קראַשינסקים גאָרטן, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ערשט פאַר א פּאָר טעג געזען ווי שולמית שווערט טרייקייט אבשלומען ביים ברונעם. ווו איז בערל? ער איז דאָך געווען אזא שטילער? ר׳האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי איינער פון זיי. שטילע וואַסערלעך גראָבן טיף... ס׳קען אויך זיין א חשד אומזיסט. פון דעסטוועגן איז שרעקלעך, מ׳זאָל נישט וויסן ווו ס׳קומט אהין א מענטש...

צעשע קען זיך נישט העלפן, טרערן, פייכטע אויגן קומען פון זיך אליין. פאַר א פּאָר וואָכן צוריק ערשט געזונגען פון „צוזאַמען זיין" און היינט — וויינען...

ווו איז בערל, פרעגט דאָבע די שווארצע, פרעגט צעשע, פרעגט דאָס שטריקמאַשינדל, פרעגן די איבערגעבליבענע לידלזינגערס, פרעגט די גאַנצע גאַס, וואָס לעכצט נאָך יידישן געזאַנג...

נייע ווינטן אין שטעטל

אין שטעטל גייט אַרום דער טיפוס און נאָך אַנדערע חלאתן; ווייבער מפּלען, געבוירן פּאַרזעעניש. ס'פּאַסירט אויסטערלישע זאַכן. חוה־איטע, רפאל־הענעך קוילנהענדלערס ווייב האָט פאַרגעסן אָנצוטון די שעריץ, בעת זי איז געגאַנגען דאַנערשטיק צוועלף אַ זייגער ביינאַכט איינקויפן גרינסן ביי די פּויערישע פורן וואָס גייען קיין לאָדזש — האָט זי פון קאָשטשיאָל געזען אַרויסשווען עפּעס אַ ווייסע זאַך... און געחלשט. קליינע קינדער שטאַרבן; ווידער, דער הויכער געלער קברות־ייד, האָט פולע הענט מיט אַרבעט. דער מרא־דאתרא ר' יואלקע איז איין שטיק מרה־שחורה: ער ווייסט נישט וואָס פריער צו טון אָפּצושטעלן דעם ביטערן גזר, צי גוזר־תענית־זיין, צי האַלטן אין גרויסן בית־המדרש עפּעס אַ שטאַרקע מוסר־דרשה קעגן אפּיקורסות ר"ל, צי הייסן זאָגן די ספּעציעלע קאַפּיטלעך תהילים.

אין בית־המדרש איז מען די בחורים כסדר מבטל פון לערנען; אַלעמאָל רייסט זיך אַריין אַ צעפּאַטלטע ייִדענע ווי אַ בלינדע מיט אַ ווילדן געוויין צום ארון־הקודש, פּראַלט אים אויף און שרייט אַריין מיט אַ פרעמד משונהדיק קול: נוי־י־ט־הע־ע ע ל פער, ה עלף! שאָקלט זיך, קנייפּט די באַקן, יאָמערט, הזרט איבער עטלעכע מאָל דעם נאָמען און דער מאַמעס נאָמען פון דעם חולה אָדער דער חולנית, רייסט זיך די האָר און וואַרפט צו אַ גילדן אָדער צוויי צו אַ גרופּע לערנערס, — און שוין שטייט ביים עמוד אַ פלינק יידל מיט אַ דריבנע זינג־שטימעלע פירט אָן דאָס חיל פון תהילים־זאָגערס: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים..." גוטע צייטן פאַר די גמרא־לערנערס: דאָס זאָגן תהילים פאַר די מסוכנע חולאים איז פאַר די בחורים מיט די שווערע פאות און

רירעווריקע גאָרגלען ממש א שפע פון זיסן בראָנפן, אייער־קיכלעך און הערינג.

נאָכן אוגערקע־סעזאָן, אריבער שבועות, האָט זיך מיט מזל אָפּגע־שטעלט דער טיפוס. זענען אָבער דאָ תמוז־צייט זויערע פירות, נישט־צייטיקע גרינע בארנעס, האַליקע עפּל, הארטע פלוימען, אגרעסן און שטענגעלעך, — יינגלעך קענען זיך נישט איינהאַלטן, — באַרייכערט דעם שטעטלשן בית־עלמין הינטער די זאמדן די דיזענטעריע. דער קברות־מאַן האָט פרנסה לרוב.

פרומע יידן און קופּקע־יידענעס זענען זיך שואל־עצה, ווילן דערגיין די סיבות פון די פורעניותן ר״ל. מ׳שושקעט זיך, מ׳דערציילט זיך בסוד סודות, אז די אַלע צרות קומען דערפון, וואָס די וועלט איז געוואָרן הפקר, פריי, מ׳האָט אויפגעהערט צו לייגן תפילין, אוים דאַווענען, מ׳גייט ארום מיט מיידן און מיט שיקסעס ר״ל... מיטן „מען" מיינט מען די פאַר־שידענע פיינע יונגעלייטלעך, איידימלעך אויף קעסט, ווילערנערס, וואָס גייען אוים לתרבות רעה. אָנשטאָט אין שטיבל לערנען, דאַווענען, גייט מען אין די וועלדער, אין לוסטגאָרטן, אין די הינטערגאַסן. אפילו שבת באַווייזט מען זיך נישט שוין אין שטיבל אריין. איינעם א מתמיד האָט מען געטראָפן רעדן מיט א נקבה, א צווייטן ישיבה־בחור האָט מען געטראָפן הינטער די פאַבריקן מיט עפּעס א חצופה, וואָרום אז א בתולה האָט א „יאַנעס" ארומצוגיין אין באהעלטענישן מיט עפּעס א לאָבוס, איז זי לכל הדעות א חצופה, ווער ווייסט, צי נישט ערגער. די פרומע ווייבער זשאמזשען, אז די איינציקע תרופה פאר אזא־אָ איז אָפּצוגאָלן דעם קאָפּ און פארשלייערן. מילא, אויף די אַנדערע לאָבוסעס, די פלייש־העקערס, די פיש־פּאַרקויפערס, די גאָלער־שניידער־ און שוסטער־יונגען, אויף זיי האָט קהל נישט קיין שום דעה, די גרינס־יידן, קאַמאַשנשטעפּערס, וועבערס, שטאָפּערקעס און גלאָט אזוינע דינסט־מיידן, זיי הערן סיי דעם דיין און סיי די פרומע קופּקעס ווי דעם פורים־רב. איי, איי, וואָס ס׳טוט זיך אָפּ סאַרע הפקרות אין שטעטל! מ׳באָדט זיך אין סטאַוו, בפרהסיא, יונגען מיט מיידן, מ׳לאָדקעוועט זיך דווקא שבת נאָכמיטאָג, דערביי רייכערט מען פּאַפּיראָסן, מ׳זינגט פאַרשייטע לידער. און די צרה מיט די אחדות־יונגען, וואָס ביי זיי איז גאָר הפקר די וועלט: אחוץ דעם וואָס

זיי ווילן מאַכן פאַר אויס יידן, רייצן זיי נאָך דאָס מלכות מיט די רויטע פענער, מיט די מרידה־לידער; ווײ, ווײ, וואָס פאַרע צרה זיי קענען נאָך ברענגען אויף ליטישע מענטשן, אז מלכות וועט אין כעס ווערן.

בכלל איז אַלץ אין מיעכאָוו א מין צעמישעניש. דעם רבס איידעם, גדליה, האָט אָנגעהויבן קירצן די זשיפּיצעס, ארומגיין ווי א שצאָגל, מ׳זעט אויך, אז ס׳בערדל איז עפּעס מאָגערער געוואָרן, און מ׳זאָגט אויף אים, אז ער רעדט לשון־קודש מיט זאנוול פעלדשערס, וואָס פאַרקויפט מאַרקעס מיט ד״ר הערצלס בילד און וואָס טענהט איין מיט אַלעמען:

— אויף ביאַליסטאָק, אויף קעשעניעוו, ענטפערן מיר די רוצחים מיט בויען אַן אייגן לאַנד, וווּ מ׳וועט נישט מאַכן אויף אונדז פּאָגראָמען, ווייל מיר וועלן זיין ביי זיך אין דער היים...

אַלע ווייסן, אז גדליהס א געשוועסטערקינד איז דאָרטן אין ארץ ישראל א שומר. די מקורבים פון רבס איידעם האָבן נישט איין מאָל געזען די פאָטאָגראַפיע פון דעם שומר מיט דער אראבישער הלבשה און דער ביקס אויפן אקסל, און געחלומט פון שאַקאַלן־געוווי אויף די בערג פון גליל און פון העלדישקייטן. בר־מצוה־ייִנגלעך רעכענען עס פאַר א גרויסע זכיה צו העלפן פאַרקויפן די ארץ ישראלדיקע מאַרקעס, און זען זיך אַליין ווי היטערס פון ווייִנגערטנער קעגן די פוקסן און ווילדע אראַבער.

מ׳זאָגט, אז דעם רבס איידעם גרייט זיך אויך צו פאָרן אין לאַנד פון „אונדזער האָפענונג״, והראיה, ער זאַמלט אויך געלט פאַר ארץ ישראל.

ליטישע יידן האַלטן, אז נישט אנדערש ווי אין די קאַליע־געוואָרענע חסידישע יונגעלייט איז אריין א רוח שטות... ווי אַנדערש קען מען דאָס דערקלערן, וואָס גדליה, וואָס למדנים זאָגן אויף אים, אז אין לערנען שטייגט ער אריבער דעם רב אַליין, זאָל גאָר ווערן אַן אפּיקורס! א בלבול המוחות! פּאַפּירענע קראַגנס, שטייפע געקראָכמאַליעטע קראַגנס, „לאָקשנבערטן״, מאַנזשעטן, געשנורעוועטע קאַמאַשן, אוים, אוים, יידישע הלבשה, ווײ, ווײ, יידן גייען אין חוקות הגוים.

דאָס גערער שטיבל איז אויפגעברויזט. פּלוצים, נישט־מיר, נישט־דיר, פּאָרט זיך א יונגערמאַן א ירא־שמים אוועק קיין לאָדזש, וואָרפט

אוועק דאָס טוכענע היטעלע, די יידישע זשיפּיצע, דעם שפּיציקן ווייכן קראגן, און קומט צוריק א גאַנצער „דאַטש", אין א פּאַפּירענעם קראגן, לאַנגע הויזן און א קורצן רעקל. און ווער? מיכל דעם דיינס איידעם! וואָלף רייכמאַן טראָגט נאָך שבת די זיידענע זשיפּיצע, א נייע, אָן אַ פּיצל רים ווי א חסידישע זשיפּיצע באַדאַרף צו זיין. מילא, וואָלף רייכמאַן, א ייד אַ נגיד, א גרויסער פאַבריקאַנט, א טישזיצער אין גער, האָט שוין לאַנג א חזקה אויף א הארטן קראגן מיט א שניפּס. אָבער צו האָבן די עזה צו קומען אין שטיבל ערב שבועות אויף דער נאַכט אין געלע קאַ־מאַשן מיט שנורעוואַדלעס, מיט אַן „אַפּגעקוצעט" בערדל, — געהאַט אַן אויסזען פון א קאָמעדיאַנטשיק, — און שטעלן זיך אויבן־אָן נעבן זלמן סקערניעוויצער, דאָס איז שוין מער ווי חוצפּה! אזא מין העזה האָבן טאַקע די שאַרפע יונגעלייט נישט געקענט פאַרטראָגן. אַלץ האָט א גבול. און איידער וואָס־ווען האָט דער הויכער עליע זיך פאַרטשעפּעט מיט א דרעטל אין וואָלפס נייער קאַפּאָטע און זי שיין צורעכטגעמאַכט. יצחק עק, א חסיד וואָס קאַטעוועט זיינע תלמידים מיטן ברייטן פּאַסיק פון די הויזן, האָט אָנגעכאַפּט וואָלף רייכמאַנס שניפּס און זיך געשפּילט מיט אים; און א פּאָר שמאָלע יונגעלייטלעך מיט ווייכע זיידענע בערדלעך האָבן דעם שטאָטנעם וואָלפן געטון א הייב־אונטער און גענומען אראָפּ־ציען די קאַמאַשן, וואָס האָבן געגעבן א גלאַנץ אקעגן די בליץ־לאָמפּן מיט זייער געלער בלישטשענדיקער גאווה. דעם דאַזיקן ערב שבועות אויף דער נאַכט איז געווען פריילעך אין גערער שטיבל. ס׳זענען געפלויגן פּעטש, צעריסענע קראגנס און אפילו ספק־שניפּסן, און נזיפות; שאַ, שאַ, שאַ, שקצים! א חילול השם! א בזוי בזיון!

און ווער האָט זיך אָנגענומען פאַרן „דייטש" מיט די געלע קאַמאַשן, ווער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר וואָלף רייכמאַנען, ווען מ׳האָט נאָך ווי א צולאָג געוואָלט מאַכן א „משכנתא" פאַר דער וואַגניש צו קומען אין שטיבל צו זמן־מתן־תורה אין אזא מין גויאישן הילוך? — נישט קיין אַנדערער ווי דער שאַרפער יונגערמאַן, שבתי נחומס.

דאָס איז באמת געווען א גרויסער חידוש. חסידים־וווייטזעערס האָבן דערפון געדרונגען, אז מיט שבתי־נחומס איז עפּעס דער מער... ווער ווייסט, צי ער איז אויך נישט געכאַפּט אויף דער מעשה... דער נסיון

איז גרויס, פון אלע ווינקעלעך לויערט דער שטן אויף די ריינסטע נשמות...

* * *

אין שטעטל זענען עפּעס ווי מיט א מאָל אויסגעטרוקנט די קוואלן פון חיונה. די געוועלבלעך, די שניט־קרעמלעך לייזן נישט קיין גראָשן, מ׳זעט נישט קיין קונה פאר די אויגן. די גויים קויפן גאָרנישט, נישט זיי דאַרפן לייוונט, נישט סחורה אויף קליידלעך, נישט קיין געבלימטן שטאָף אויף שערצן. הערשעלע אלעקסאנדערערס קונים, די פּיאַנטקער פּויערים, זענען געוואָרן אָפּגעברענט, א זומער מיט שריפות; כמעט יעדע וואָך ווייענען די נאכט־שומרים מיט זייערע מעשענע טרומייטערס, דער־ציילן די מידע יידן, אז מ׳דאַרף אויפשטיין:

ס׳ברע־ע־ע־נט! ס׳ברע־ע־ע־נט! שאלט פון ווייט, ווייט, שאלט פון דער נאָענט דער אימהדיקער טרומייטער, און פלאמיק־רויט זענען די ווארימע נאכטיקע זומערדיקע הימלען, און קינדער פרייען זיך מיטן שאלן פון די ווייט־נאָענטע טרומייטן, מיט דעם שיינעם הערלעכן ספּעקטאקל פון דעם רויטן הימל, פון די קנאקעדיקע פּריילעכע פלאמען, און פון די העלדישע אויפטועכצן פון „סטראזש־אָגניאָווי".

א פּאָר אזוינע שריפות זינען גורם, אז ר׳ צבי אלעקסאנדערער באקומט אין א געוויסן חמימהדיקן טאָג פון די „דריי וואָכן" א באזוך פון צווי זייער ערנסטע און בכבודיקע מענטשן, איינער אין ציווילן און דער צווייטער מיט א ברייט־פּאָניש־טשינאָווניק היטל. די צוויי מענטשן הייסן חתמענען אַ גאַנצע ריי מיט פּאפּירן, און הייבן אָן תיכף צו לייגן צעטלען מיט בלויע סטעמפּלען פון צווייקעפּיקן אָדלער אויף די סחורות, און אויף די חפצים פון שטוב, מיטן שטרענגן אָנזאָג, נישט צו רירן, ביז ס׳וועט אריבער די ליציטאַציע. ר׳ הערשעלע פּאָרט קיין אלעקסאנדער, דער רבי ר׳ ישראל־יצחק זאָל אן עצה געבן, וואָרום ס׳איז ממש באו מים עד נפש. פון דעם רבינס זאָג, אז: „אם ירצה השם, דער אויבערשטער וועט העלפן, הערט ר׳ הערשעלע ארויס אזוי פיל יאוש און עצבות, אז ס׳נעמט אים אזש אָן א רחמנות אויפן רבין, וואָס איז נעבעך גרוי ווי א

טויב און קוים ס׳חיות האַלט זיך אין אים. און כל ישראל מיט זייערע פעק און בערג יסורים האָבן זיך אָנגעלייגט אויף אים דעם חלוש ר׳ ישראל־יצחק נ״י.

ר׳ הערשעלע אַלעקסאַנדערערס ירידה זעט זיך אָן אויפן מעמד פון זיין ייִנגסטער בתולה, גיטל, וואָס איז שוין קרוב לעשרים. „שוין צוואַנציק יאָר!״ קרעכצן די עלטערע שוועסטערן און פאַרגיסן ביטערע טרערן. דערפאַר וואָס די „מויד״ איז נאָך נישט קיין כלה און מ׳האָט נישט מיט וואָס זי „אויסצוגעבן״. גיי האָב פּרעטענזיעס צום טאַטן וואָס האָט פאַרניצט דעם מיידלס פּאָר אָפּגעשפּאָרטע רובל, וואָס זי האָט פאַרדינט ווי א היטנפּוצערקע, גיי, קריג זיך מיטן אַזוי אויך דערשלאָגענעם טאַטן, וואָס האָט פאַר דעם געלט איינגעקויפט אין לאָדזש גרויסע מציאות רעשטלעך און געמיינט צו האָבן ריוח... גיי, זיי א נביא, אַז די פּיאָנטקער גויים וועלן אָפּגעשרפט ווערן, און אַז די זעלבע בידנע בדיל־הדלדיקע גוויימלעך וועלן נעבעך מוזן גיין ארבעטן קיין לאָדזש אין גייערס און היינצלס פאַבריקן.

דאָס כלה־מיידל, גיטל, פאָרט ארום אויף באַזוך צו די שוועסטערן. „ס׳קינד״ קען נעבעך נישט איינזיצן אין דער היים. זלאַטע האָט זי איינגעלאַדן, זי זאָל זיין אביסל ביי איר. זלאַטע ריכט זיך שוין ווידער אין קימפּעט אריין מיטן דריטן קינד. א יאָר האָט זי זיך „אָפּגערוט״ און איצט איז איר שווער אי זיצן ביים געניי, אי ארומצוגיין מיטן פּעקל סחורה צו די באַקאַנטע גויעס, אי אָפּצוקאָכן דאָס טעפּל געקעכץ, אי אָפּצוהיטן די צוויי „יונגען״.

גיטלען איז אַלצאיינס ווו זי איז, ווייל ביי דער „מומען״ קען זי נישט זיין. זי קען נישט צוהערן די כסדרדיקע יאָדענישן פון דער שטיפמאַמען, דער פרומער קופּקע, אויפן טאַטן, וואָס איז נאָך דער ליציטאַציע געוואָרן ווי איינגעשרומפּן. דער טאַטע זאָגט, אַז זי איז אים מקצר ימים, אַז אין דער קופּקע איז באַהאַלטן אַלע רשעות פון דער וועלט און אַז די מאַמע ע״ה איז געווען די גוטסקייט אַליין. יאָ, די מאַמע ע״ה, גיטל האָט זי לחלוטין נישט געקענט, צוויי יאָר איז זי אַלט געווען, ווען זי איז נעגאַנגען פון דער וועלט. יעדעס יאָר גייען די פיר ברידער און די פיר שוועסטער דורך די טיפע זאַמדן אויפן בית־עולם צו א קבר

מיט א פארשימלט גרין מצבהלע. דער טאטע זאָגט, אַז ער האָט נישט געקענט שטעלן קיין בעסערס, ער האָט געהאַט צו זאָרגן פאר א פולע שטוב לעבעדיקע יתומים. אלע וויינען ביי דעם אָפּגעריבענעם גרינעם פארזונקענעם מצבהלע, גיטל, אויך, אָבער זי וויינט פאר יוצא־זוועגן, דעם מענטש (כאָטש אַ מאַמע) האָט זי דאָך נישט געקענט פּרוזענלעך.

א שטיקל צייט האָט גיטל פארבראכט אין לאָדזש ביי איר שוועסטער דבורהן.

דער שוואָגער מרדכי איז כמעט אַ היינטוועלטיקער, זיין מסחר, קאמגארנס, האָט צו טון מיט „דייטשן" און א קערבל דרייט זיך ביי אים. מרדכי איז א גוט ארומגעפוצט יידל, האלב דייטשמעריש און האַלב יידישלעך געקליידט, די זשיפּעצע מער קירצער ווי לענגער, א הארט קעלנערל מיט א שניפּס, צוליב שיינקייט אַ פּענסנע, דאָס בערדל קיילעכ־דיק ארומגעשוירן, די פּאות אויך נישט געשאַנעוועט. בכלל אַ פריילעך אויפגעלייגט פארשוינדל, פארגינט אלעמען די וועלט; האָט ליב צו עסן געזאַלצענע מצהלעך, אויפשניט, געבראָטענע געגדזערע לעבערלעך, האָט ליב הערשמאַנען, קווארטינען, סיראָטען און סכנות־נפשות יידיש טעאַטער, קען גאַנצע שטיקער פון „שולמית", „בר־כוכבא", „די באָבע יאַכנע" און „בינקע פינקע". דער שווער ר' הערשעלע האָט דערפון שטארק עגמת־נפש, וואָס מרדכי ווינקט מיט א פארשייט אייגל, פּאַטשט אלעמען אויף די געזעסן, אפילו כלה־מיידלעך. — און דאָס שעמט זיך גאַרנישט פאַר לייטן, — וואָרטשעט ר' הערשעלע. מרדכין ארט דאָס נישט, א פריילעכער לונגעלעבער. איר מיינט אפשר, ער האָט אויפגע־הערט צו פאָרן קיין אלעקסאנדער? איינס צום אַנדערן האָט נישט. מישט אוים די אלעקסאנדערער ניגונים מיט די „שטיקלעך" פון טעאַטער, זמירות מיט קופּלעטן, כל מקדש, למשל, מיטן ניגון פון „לויפט און באַהאַלט אייך, ווען דער חשק באַפאַלט אייך". — אַז ס'איז א לעבע־דיקער ניגון, וואָס ארט דאָס אייך, אפילו דעם רבין אליין וואָלט ער געפאַלן...

דבורה זיין ווייב ווייסט, אַז איר מרדכי האַלט נישט פון צניעות, זי קוקט אים טאַקע שטאַרק נאָך. מיט גיטלען צו זיין ביחידות גיט זי אים נישט קיין געלעגנהייט. זי קען איר תכשיט.

א געווייסן אָוונט איז מרדכי אהיימגעקומען פון „גרויסן טעאַטער" זייער אויפגעלייגט, ערשטנס: דאָס שטיק, צווייטנס: די לידלעך, דריטנס: די ארטיסטקע, ווי זי האָט געהויבן די פיסלעך, איי: פיסלעך, און פערטנס: געטרונקען און פאַרביסן מיט זיינע גוטע ברידער... גיטל שלאָפט אין קיך, און דער שוואָגער מוז דורכגיין, ער דאַרף זיין ביים קראַן, טון א טרונק וואסער, פונקט דאָרטן ווו גיטלס בעט שטייט. אין קאָפ און אין די פיס טאַנצט נאָך דער שלאַגער: „מענער, ס'וואָלט געווען פאַר אייך שענער"... און פלוצים פילט גיטל א האַנט אויף איר לייב. ס'איז געווען אי אַ קנייפּ, אין א גלעטן...

דעם צווייטן טאָג פּאַקט גיטל איר פּעקל.

וווהין קלייבסטו זיך, גיטל? פרעגט דבורה...

— ס'האָט זיך מיר פאַרבענקט אהיים...

— אהיים, צו דער „מומען?"

גיטל פלאָמט אין גאַנצן, דבורה וויל זי נישט איבערפרעגן. עפּעס פילט זי, אז איר מרדכי האָט אַ שייכות מיט גיטלס אָפּפאָרן. דאָס מיידל שטאַמלט: — ניין, איך וועל זיין ביי זלאַטען. זי דאַרף שוין ווידער האָבן עמיצן ביי זיך...

— בלייב שוין נאָך א פּאָר טעג. ס'דאַרף קומען עפּעס א פיינער יונגערמאַן...

— כ'וועל נישט פאַרשפּעטיקן די מציאה...

— וואָס איז מיט א מאָל אזא איילעניש? פרעגט מרדכי מיט ליצנות. — גיטעלע, דבורה, וועט דיר רעדן א שידוך, וועט עס זיין דער אמתער שידוך, כפתור ופרח, דער אמתער אלטער תרח... א בחור אַ כּניאָק, מיט פּאהקעלעך, מיט...

נעמט זי העזהדיק ביי דער גאָמבע. גיטל דערמאָנט זיך דאָס הענטל פון איר שוואָגער איבער איר לייב, נעכטן ביינאַכט אין קיך. א ציטער גייט איר דורך: — שוואָגער, נעמט אוועק די הענט!...

דבורה שמייכלט ביטער, אָבער וואָס קען זי טון קעגן מרדכין, וואָס איז קאַליע געוואָרן דורכן טעאַטער־גייעכץ... אויך זי וויל ער אריינגענאַרן אין דעם תהום אריין... שעמט זיך נישט פאַר די קינדער... ביי איר וועט ער נישט פועלן. הערשעלע אלעקסאנדערערס טאָכטער וועט נישט גיין

אין טריאַטער... שטופּט אים אָפּ פון דער שוועסטער מיט אַ לייכטן: נו, גיי, מרדכי...

מרדכי צעזינגט זיך מיט חשק אַ באַליבט קופּלעטל, גייט באַלד אַריבער אויף יאָסעלע ראָזענבלאַטס השכּבֿינו, גלעט זיך דאָס געשווירענע בערדל: — מילא, אַז דו ווילסט, ווילסטו, עט מען אַראָפּגיין קויפן אויפשניט מיט בייגל, זיך געזעגענען מיט דיר... נו, נו, זײַ בײַ זלאַטען...

דבורה גיט צו: ביז זי וועט איבערקומען... נאָך דעם וועסטו קומען צו אונדז...

גיטל האָט גיך, גיך געפּאַקט איר פּעקל...

משיחס טריט

גיטל איז ביי זלאַטען. ביי דער שוועסטער האָט זי נישט קיין סך צייט צו טראַכטן. ס׳איז דאָ אַזויפיל צו טון אַרום דעם קליינוואַרג. קאָכן, ריניקן, אַכטונג געבן, זיי זאָלן זיך נישט מזיקן. זלאַטע די פּרנסה־געבע־רין איז אַזוי פאַרנומען מיטן נייען, שטיקן, שטעפּן און אָפּטראָגן די פּעק צו די קליענטן, אַז גיטל איז די באַלעבאָסטע, די דינסט, די וועשין, די איינקויפערין און אויב ס׳בלייבט עפּעס אַ שעה דורכן מעת לעת, איז זי אויך היטנפּוצערקע. דאָס קליינוואַרג וויינט, שרייט, מאַכט אָן אַ מושב אין שטוב; דאָס קלענסטע מירל ליגט איין וועלטן: סטייטש, אַ מאַמע זאָל זי לאָזן הפקר אַ גאַנצן טאָג אין די נאַסעווינדלען און בלויז מיטן זייגפּלעשל, בשעת דער מאַמעס מילך איז אַזוי געשמאַק.

דאָס מיידל טוט לויט אירע כוחות: איינשטילן מירלען, מיט איין האַנט וויגן ס׳וויגל, מיט דער צווייטער האַנט רייניקן דעם פאַרקאָפּטשעטן קנויט פון דער מאַשינקע, אויף וועלכער ס׳שטייט אַ פאַררוסט טעפּל מיטן געקעכץ; גיסט אָן ס׳פּלעשל מילך, טוט אַ טאַפּ די ווינדלען, צי זיי זענען שוין טרוקן, דאָס קינד זאָל נישט „אָרומשווימען״.

אַז מירל איז איינגעשטילט, מאַכט גיטל מיטן בייכלדיקן צווענגל אַ דראָטענעם „פּאַסאָן״, אַ נייעם הוט פאַרן רבס טאָכטער, אַ הוט מיט ברייטע ראַנדן מיט אַ גרויסער שטרויס־פּעדער. פון הינטן וועט זיין אַ שלעפּ פון טיול. צו פיל אַרבעט איז אין מיעכאָוו פון דעם מין נישטאָ. וויפל מאָל מאַכן זיך תנאימס ביים רבס מיזינקע?... די נגידיתטעס באַ־שטעלן זייערע היט אין לאָדזש, אין וואַרשע, דאָרטן קען מען צוטרעפן זייער „גוסט״, דאָרטן ווייסט מען מיט וואָס צו באַפּוצן, צי מיט קאַרשן, צי מיט אַנדערע פּירות, צי גאָר מיט שטרויס־פּעדער. גיטלס צוואַנציק־קאָפּיקע קליענטן זענען דינסטמיידלעך מיט גראָבע רויטע באַקן פון

לענטשיק, אַזערקעוו, סטריקעוו, אָדער גאָר שטאָפּערקעס, וואָס נעמען זייערע היטן אויף אויסצוצאָלן אַ גילדן אַ חודש.

און נאָך איין זאַך האָט גיטל ליב צו טון אין איר ביסל פרייער צייט: באַטראַכטן מיט כוונה צעשעס פּאָטאָגראַפיע, באַוווּנדערן דעם הוט מיט די געוואַלדיקע ראַנדן, אַ הוט וואָס וואַרפט אַזש אַ שאָטן און פאַרטונקלט די אויגן. אַ, צעשע, ווי אינטערעסאַנט זי איז! וואָס מ'קען זיך אַלץ פאַרגינען אין וואַרשע. בענקט זיך גיטלען אין דער גרויסער שטאָט אריין. על כל פּנים לעבט זיך אַ מיידל אין דער גרויסער שטאָט פרייִלעכער, פרייער, אַ קוק דורכן פענצטער, מ'זעט דיך, דו זעסט יענעם, אַ יינגל ווינקט, ווינקט, לאַכט, לאַכט, און מ'קען אויך מיטלאַכן...

אָבער וויפל געפאַרן לויערן אַזוי אויף אַ מיידל אין אַ לאָדזש אָדער וואַרשע. מ'דערציילט זיך אָן וועגן אַזויפיל אומגליקלעכע מיידלעך, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די „נעץ פון זינד". אַז אַן אייגענער שוואָגער זאָל דיר אַרומגיין מיט דער האַנט איבערן נאַקעטן לייב. זי, גיטל, האָט פון דעם־אָ קיין שום תענוג נישט... איי, אַז מ'שרייבט וועגן דעם אין ביכלעך ווי וועגן „גליק"... זי פאַרשטייט דאָס נישט...

בכלל, ווען זי זאָל אַזוי אַריינטראַכטן, האָט זי דאָך קיין שום ביסל גוטס און קיין נחת אין איר לעבן. דער טאַטע ר'הערשעלע אַלעקסאַנ־דערער איז אַ קפדן. ווען זי איז נאָך געווען קליין, האָט ער זי תמיד געשלאָגן, ווייל לויט זיין מיינונג איז די מויד געווען פאַרשייט. אין וואָס איז באַשטאַנען די פאַרשייטקייט אירע? זי פלעגט אויפעסן דעם גאַנצן צוקער. — „צוקער קאָסט געלד" און צוקער מוז מען צעקלאַפּן אין שטיק־לעך, אָט אַזוי. און אַז מ'טרינקט טיי, מוז מען צובייסן, און נישט לאָזן צו גיך צעגיין אין מויל...

אַלע האָבן אין זינען געהאַט זי, גיטלען, מדריך צו זיין, די עלטערע שוועסטערן, די מומעס און דעם טאַטנס ווייב. אַממיינסטן פלעגט זי וועלן פירן אויפן דרך הישר די „מומע", וואָס פלעגט איר פאַרלייענען מיט אַ וויינענדיקער תחינה־שטים גאַנצע פּרקים פון קב־הישר, פון שבט מוסר, וועגן דעם אַז אַ יידיש קינד טאָר נישט זיין אויסגעלאַסן, ווייל ס'איז פאַראַן אַ גיהנום, אַ כף הקלע אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט וועט מען ברענען און בראָטן, אויפהענגען אויף דער צונג, אויף

די בריסטן, פרעגלען אין קאָכעדיקער סמאָלע פארן ווייזן די זכרים א שטיקל ווייסן אָרעם, דעם מינדסטן טפח פון אן אָפּגעדעקטן פוס. מ׳טאָר נישט דאָס, מ׳טאָר נישט יענץ; אומעטום לויערן עבירות. גיטל זאָל דאַווענען, גיטל זאָל אָפּגיסן די נעגל, גיטל זאָל נישט אויפהייבן דאָס קול, גיטל זאָל זיין פרום, גיטל זאָל נישט גיין וווהין ס׳גלוסט זיך, גיטל זאָל נישט ארויסקוקן דורכן פענצטער, גיטל זאָל נישט אָפּדעקן די האָר פון קאָפּ, גיטל זאָל נישט אוועקוואַרפן די אָפּגעשניטענע נעגל, גיטל זאָל נישט טראָגן פארשייטע קליידער, גיטל האָט זיך פארגאַפּיעט, גיטל עסט נישט ווי א מענטש; גיטל איז א פלאַפּלערין, גיטל, גיטל, גיטל, גיטל, — דער „מומעס״ שפּיציקע אויגן און שפּיציק קול...

גיטל וויל אויף א ווײַלע פארגעסן דער „מומעס״ באַוואָרענישן, שטיין אויפן שוועל, קוקן ארויס אויף דער ברוקירטער אָזערקאָווער גאַס. ס׳איז זומער פארנאַכט. א ווייכער, סאַמעטענער פארנאַכט. יונגען שפּאַצירן אויף און אָפּ מיט מיידן. די יונגען רעדן הויך, ווינקען מיט זייערע פייערדיקע אויגן, טרייסלען מיט די גזשיוועס, נאָר זי, גיטל, טאָר זיי נישט „זען״, ר׳ הערשעלע אלעקסאַנדערערס טאָכטער. די יונגען געאָרעמט מיט די מיידן גייען צום סטאַוו, פון דער וווּיטנס בלישטשעט דאָס וואַסער, נאָר אדורך דעם לוסטגאָרטן קומט מען אָן צום סטאַוו, באַלד וועט זיי אלעמען, די יונגען מיט די מיידן, איינדעקן די סאַמעטענע נאַכט, און די שטאָפּערקעס און דינסטמיידן פון גלאָוונע, בזשעזשין, אָזערקעוו וועלן צוזאַמען מיט די גרינס־פּישער־בעקער־יונגען „גענים אזוי פיל גליק״, ווי ס׳דערציילט זיך אין די ביכלעך... אַלע וועלן „גענים פון גליק״ אין דער גלעטנדיקער נאַכט, נאָר זי, גיטל, נישט...

דער שוואָגער קומט אָן מיט שטילע טריט, שוין אָפּגעדאַווענט, אָפּגעלערנט, גייט ער ווייך אויף זיינע האַלבע לאַטשן און די ווייסע זאָקן לייכטן אין דער בין־השמשותדיקער לויער לופט.

— גוטן נ׳אָוונט, גיטל, וווּ איז זלאַטע? א, אין גאַס, אָפּטראָגן א פּעקל...

טרעט איבער די שוועל, פּאָרעט זיך ביים לעמפּל, וואָס וואַרפט א געלן נר־תמידיקן שיין. גיטל גייט אים נאָך, צוצוגרייטן דאָס ביסל געקעכץ, ווי זלאַטע האָט איר אָנגעזאָגט. שבתי נחומס דערנענטערט זיך

צום וויגל, צו די בעטלעך ווו די יינגלעך ליגן אין אָנגעטועכץ פאַר מיד־קייט. גיטל: — וואָס דאָס האָט האָט אָנגעבראָיעט אַ גאַנצן טאָג.

— ס׳קינד האָט אַ סך געוויינט? געטרונקען ס׳פלעשל?

— איך האָב עס געלייגט טרוקן, איז עס רואיק.

שבתי נחומס ברומט אונטער זיינס אַ האַרצנאַגנדיק ניגונדל, וויגט דאָס וויגל און שאָקלט זיך פאַרדבקהט, פונקט ווי ער וואָלט זיך איינגע־הערט דעם רבינס אַ נייעם חידוש.

— נאָך וואָס וויגט איר עס, ס׳קינד שלאָפט דאָך...

— גיטל, וואָס זאָגט זלאַטע, שטאַרק אין כעס אויף מיר, האַ?

— אַ שווער לעבן האָט זי נעבעך, מיין שוועסטער, לעבן אייך, שוואָגער.

— ס׳לעבן איז בכלל... לויטער עצבות... אוי, וויפל עצבות איז פאַראַן אויף דעם עולם הזה...

זאָג, גיטל, דיר איז אויך אַזוי מרה־שחורהדיק בכלל? פאַרוואָס איז פאַראַן אַזוי ווינציק שמחה אויף דעם עולם?

—צו שווער, שוואָגער, פאַר מיר דאָס צו פאַרשטיין...

ברומט אַ שלש־סעודותדיק ניגונדל, שאָקלט זיך בכל נפשו ומאודו, שפּינט ווייטער די רעיונות: — זאָג, גיטל, דיך איז קיין מאָל נישט באַ־פאַלן אַזאַ שמחה, וואָס זאָל אויפטרייסלען דיין יעדעס גליד, וואָס זאָל איבערגעלאָזן אַזאַ פריילעכן געטלעכן רושם אויף דיין נשמה?...

פּלוצים ווערט אים, דעם שאַרפן חסידישן יונגערמאַן, גאָר שטאַרק פּריקרע, וואָס ער שטייט דאָס מיט אַ מיידל אַ היטנפּוצערקע און שמועסט גאָר מיט איר וועגן דברים העומדים ברומו של עולם. און בכלל: אל תרבה שיחה עם האישה...

זיצט אונטערן לעמפּל מיטן געלן פלאַם, איז מעיין אין אַ ספר און באָמקעט צו עפּעס אַ ווייטן, ווייטן נישט־דאַאיקן ניגון, ביז גיטל הייסט אים זיך גיין וואַשן.

בכלל קומט פאַר לעצטנס אין שבתי נחומס אַ מין ויתרוצצו־בקרבו. זינט ער האָט זיך אָנגענומען פאַר וואָלף רייכמאַנען יענעם ערב שבועות אין גערער שטיבל, איז ער ווי אַראָפּ פון גלייכן וועג... געוואָרן אַביסל מבולבל. אָנגעהויבן טראַכטן, און ווו קען מען אַזוי ריין טראַכטן ווי אין

דרויסן הינטערן שטעטל אין די זומערדיקע כאורס! די גינגאָלדענע בריליאַנטענע זומערדיקע כאורס, ווען „מ׳פאַרנעמט די שירה פון די פייגעלעך און דאָס שעפּטשען פון די גראָזן״. נ׳אַוודאי, ווען זענען די רעיונות אַזוינע קלאָרע, אַזוינע לויטערע ווי אין די פאַרטאָגן, ווען מ׳קען געניסן די פרייד פון דער וועלט. פונקט ווי ס׳האָט דאָס געטון דער ארי הקדוש און זיין חבריא, וואָס פלעגן פּראַווענען התבודדות אין דער טבע.

אַמאָל בעת אַזא התבודדות האָט שבתי נחומס אויפן אָזערקאָווער שליאַך באַגעגנט וואָלף רייכמאַנען, וואָס פלעגט זינט יענער געשעעניש נישט מער קומען אין שטיבל. שבתי איז גראַד געשטאַנען ביים סטאַוו, איינגעקוקט זיך אין די וואַסערן וואָס האָבן זיך געפּעלדלט, געקליבן זיך טובל זיין. וואָלף רייכמאַנס שוואַרץ בערדל האָט געגלאַנצט פון פייכט־קייט, א פריידיקער, אַן אויפגערוימטער איז ער געגאַנגען צוריק אין שטעטל אריין.

— א גוטן מאָרגן אייך, שבתי, וואָס מאַכט איר?

— א פרימאָרגן, ממש מעשה בראשית...

— א מאָדנער חסיד איר, מ׳טאָר דאָך נישט באַוווּנדערן די טבע גלאַט אַזוי... דער פּרק זאָגט...

— איך באַוווּנדער גאָטס מעשים...

— איך קום אייך א יישר־כוח... דעמאָלט אין שטיבל זענט איר געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך מצער געווען פון וועגן די ווילדע מעשים...

— געווען א חילול השם...

— איר געפעלט מיר... איר ווייסט, שבתי, איך קלער צו פאַרלאָזן ס׳שטעטל... ס׳האָט קיין שום זין דאָ צו לעבן... א מענטש מוז האָבן אַן אידעאַל...

— וואָס הייסט דאָס?

— אַזא ציל, צו וועלכן מ׳דאַרף שטרעבן... איר ווייסט, שבתי, איך האָב רחמנות אויף אייך, דווקא אויף אייך, כמדומה לי, האָט איר א ריינע נשמה, וואָס זוכט א תיקון...

—און איר האָט געפונען? איר זענט דאָך אויך געווען א חסיד, און

אפשר זענט איר עס נאָך היינט, זאָגט מיר, וואָלף, האָט איר געפונען די דאָזיקע שמחה, צו וועלכער מיר גייען אויס פון גלוסטעניש צו איר?

— איך בין אויפן וועג, שבתי, מיין תיקון איז ארץ־ישראל...

— איז דאָרט פאַראַן די אמתע פרייד?

— יאָ, מ׳גייט דאָך אויפבויען ס׳אייגענע לאַנד, שיבת ציון, אז ימלא שחק פינו...

— איז עס נישט אמאָל אַ געלעכטער פון חוזק?

— ביים בויען איז תמיד דאָ די אמתע ריינע פרייד...

— איר זענט פון די גרויסע מאמינים...

— אַ ייד בכלל, אַ חסיד בפרט, מוז תמיד זיין פול מיט בטחון...

— ביי מיר וווינט דער ספק. איך גלייב נישט אין יום שכלו טוב...

שבתי פאַרזשמורעט די אויגן. דער סטאַוו איז געוואָרן איין שטיק זון־גאָלד, עלות החמה. פאַרציט שבתי, ווי זיין שטייגער, אַן אומענדלעך חסי־דיש פאַרבענקט אַז־ישרדיק ניגונדל.

וואָלף זינגט בלחש מיט.

— איר, שבתי, וואָלט אויך געדאַרפט מיט... אַלע יידן וואָלטן באַ־דאַרפט אַהין אין לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען... פילט איר דען נישט, אַז ס׳דערנענטערן זיך די טריט פון משיחן. אַלץ ווי פאַראויסגעזען אין אונדזערע הייליקע ספרים.

— אמת, די וועלט איז פול מיט שנאה, פון מענטש צו מענטש, פון אומה צו אומה, כלו חייב, סמנים פון דער נאָענטער גאולה...

— טאָ קומט מיט, שבתי, ווערט אויך איינער פון די אָנזאָגערס פון דער אויסלייזונג.

— איצטער קען איך נישט, ווייל לעת עתה בין איך כולו ספקות.

וואָלף רייכמאַן ווייזט אים אַ בילד פון אַן איידעלן פנים, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד.

— שבתי, איר זעט, דאָס איז געווען אַ ייד פון יענע סביבות, וואָס האָבן שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן די אמונה אין אונדזער פאָלק, עס גע־האַלטן פאַר עצמות יבשות... ער איז איצטער דער, וואָס פירט אָן די יידן און הייסט זיי צוריקקערן קיין ארץ־ישראל.

שבתי קוקט זיך איין אין בילדל:

— אַ שיינער ייד, אַ ייד פון יענע שטאָלצע יידן, פון דער גאָלדענער עפּאָכע, משכמו ולמעלה. אָבער סאַרע מרה־שחורהדיקע אויגן ער האָט דאָס! האָט ער גאָר קיין פרייד פון זיין אייגענעם... ווי רופט איר דאָס?

— זיין טרויער איז צוליב דער עקשנות פון זיין אייגענעם פאָלק נישט צו וועלן ווערן אויסגעלייזט... דאָס פאָלק וויל זיצן אין די שטעטלעך, אין די שמוציקע גאַסן פון די גרויסע שטעט אָן פרנסה, אָן לופט, אָן ערד... דאָס פאָלק וויל נישט זיין קיין פאָלק... זיי ווילן זיין קליינטשיקע באַ־עוולהטע יידעלעך...

— ס'איז ריכטיק וואָס איר זאָגט, וואָלף, אָבער ס'איז זייער טרויע־ריק. איך מצדי וווּנטש אייך, זייט מצליח אין אייער טון...

— זאָגט נישט: לכם ולא לנו, טראַכט אַריין, שבתי, אין דעם ענין מיט כוונה... איר זענט מחויב בכל אופן צו טראַכטן וועגן אַ שינוי אין אייער לעבן. האָט נישט פּאַראיבל, וואָס איך זאָג אייך דאָס... נעכטן איז געווען ביי מיר אין שטוב אייער פרוי, זלאַטע, דאַכט זיך הייסט זי... מיין פרוי קויפט אַמאָל עפּעס ביי איר... איז אייער פרוי כמעט ביי אונדז געפאַלן אין חלשות... אין אַ תמוזדיקן טאָג צו טראָגן אַזאַ שווערן פּאַק. שבתי, ס'איז נישט קיין דרך! אפילו אויף אַ חיה, להבדיל, מוז מען רחמנות האָבן, צער בעלי־חיים. מכל שכן אויף אַ מענטש. חסידים זענען מחויב מכבד צו זיין זייערע פרויען, און נישט פייניקן זיי...

שבתי נחומס איז די רייד מקבל ווי מלקות ערב יום־כפור, ווי מען וואָלט מיט דערנער געשמיסן זיין לייב. זיין שטים איז הכנעהדיק:

— בפירוש אַן עוולה פון מיין זייט, אַ גרויסע עוולה, איך בין עתיד לתן דין וחשבון... דער קרומער סדר־העולם, דער גורל פון דער אישה פון אַ חסיד... ס'איז צו מיר געקומען מחמת רגילות... נישט געלערנט נישט קיין מלאכה און נישט משא ומתן...

איינער פון די צילן פון שיבת ציון איז צו מאַכן פון די יידן, פון פאָלק, אוים פוסטפּאַסטניקעס... איך וועל אייך העלפן צו מסחרן, אייך וויזן דעם דרך, ביז איר וועט וועלן גיין אויפן דרך פון דער גאולה...

שבתים אויגן באַדעקן זיך מיט טרערן, פּאַרציט נישט־ווילנדיק זיין בני־היכלא־ניגונדל, כמעט אַ געוויין; דאָס וויינט פון אים אַרויס די עצבות מחמת דער גרויסער שווערער שולד פון מצער זיין אַ נפש בישראל, בפרט

ווען דאָס איז דאָך זלאַטעלע שתּחיה, די מאַמע פון זיינע קינדער. מ׳וועט מוזן נעמען אויף זיך דעם עול.

וואָלף רייכמאַן דערלאַנגט אים די האַנט: — נעמט מיר נישט פאַראיבל...

— זייט מצליח...

— קומט אַריין אין מיין פאַבריק.

* * *

די טוי־טראָפּנס האָבן אויסגעטרוקנט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין יידישן שטעטל דער לאַנגער אומעטיקער, תמוזדיקער חמימהדיקער טאָג.

אַ זיווג מן השמים

שוין לאַנג טראָגט צעשע דעם יאָך אויף אירע קיילעכדיקע מיידלשע אַקסלען. טאָג און נאַכט איינפּעדימען, טרעטן אויפן אייזערנעם ברעטל פון דער ניי־מאַשין, טאָג ווי נאַכט אכטונג געבן אויף די קורצע אָדער ברייטע שטעפּ, טאָג ווי נאַכט גליטשן זיך דורך די פינגער לייוונט, פעדים, קנעפּ, טאָג ווי נאַכט איינגראָבן די מידע אויגן אין גענייי, טאָג ווי נאַכט פאַרזשמורען זיי איבער דעם שטייף־אָנגעצויגענעם שטיק־ברעטל. און דאָס אַלץ ברענגט אפשר אריין דריי רובל די וואָך. אַז די מאַמע ליגט כסדר אין בעט מיט געלע פלעקן אויפן פּנים און מיט אַזוינע אויגן, וואָס דער טאַטע ע"ה האָט געהאַט, איידער ער איז נפטר געוואָרן. מיט אַזאַ קאָליר אויגן שטייט מען שוין מער נישט אויף: זיי ווערן ביסלעכווייז מוטנער און מוטנער, ביז זיי ווערן פאַרלאָשן אויף אייביק.

דאָס אויסלעשן פון אַ מענטשלעך לעבן אין אַן אָרימער שטוב גייט צו געגוג פּאַמעלעך. קודם כל מוז מען געבן צו לייזן דער אַפּטייק פאַר אַ וועלט מיט מיני געלע, חלשות־קאַלעכווייסע וואַסערלעך, פאַר אַלערליי נודנע טראָפּנס, וואָס שמעקן אַזוי שאַרף נישט־דאָאיק און פאַרכאַפּן אַזוי דעם אָטעם און יאָגן אָן אַ פּחד מיט גסיסה־און מלאך־המותדיקע יסורים. אָ, נישט אַזוי גיך גייט מען לעולמו אין אַ קבצנותדיקער שטוב אויף פּראַנצישקאַנער גאַס! צוערשט מוז זיין אַן אָפּטער גאַסט, חדשים־לאַנג, דער פעלדשער, וואָס שטעלט באַנקעס, פּראָסטע און געהאַקטע, שלעפּט אַרויס פון אַ פלעשל פּיאַווקעס צו „רייניקן די בלוטן", הייסט לייגן גאַרטשיצע, מעסטן די היץ, טאַפּן דעם דופק... די מאַמע, רחטשע, לאָזט ווייליק אַלץ טון מיט זיך, די פלעקן אויף די באַקן ווערן נאָך געלער, די אויגן מוטנער.

און דאָס אַלץ גייט אויס צו צעשעס צוויי־דריי רובל די וואָך. לאָמיר זאָגן, אַז צעשע האָט באַשלאָסן אין גאַנצן מותר צו זיין אַריינצוקוקן אין די געשמאַקע, טשעקאַווע ביכלעך און אויפזיין אפילו ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט, נו, קען דאָס סטייען אויף עסן, דירה־געלט, רפואות, מאַראַנצן, קאָמפּאָטן; יאָ, בפירוש האָט זלמן פעלדשער געהייסן דער חולנית עסן מאַראַנצן.

און אוודאי האָט צעשע וועגן דעם מודיע געווען אירע ברידער, וואָס זענען צעוואָרפן איבער עטלעכע שטעטלעך אין דער פּראָווינץ, בזה הלשון: די מאַמע איז חרוב, זי דאַרף האָבן „לאָבונג" און רחמים...

מ'קען נישט זאָגן, אַז דער מאַמעס ביטערע לאַגע זאָל נישט האָבן גערירט אַלע נחומס זין. אָבער איין זאַך איז רחמנות, און אַ צווייטע זאַך איז קענען. אַלע אָן אויסנאַם, האָבן געצופּט דאָס קאַרטל און די מאָגערע בערדלעך זייערע זענען געוואָרן נאָך מער פאַרשפּיצטער, נאָך מער פאַר־דאַגהטער, און ביי אַלע אָן אויסנאַם, איין מחשבה, איין שקלא וטריא: צי ס'איז בכלל מעגלעך אָפּצורייסן פון אַזוינע דלת־על־דלתדיקע געוועלבלעך רובלס אויף פּאָמעראַנצן און „לאָבונג". אָבער באַין ברירה, און פּיקוח־נפש, און בטחון האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעפּועלט ביי נחומס זין, אַז זיי זאָלן שיקן צו פאָר רובל דער מאַמען פאַר אַ רפואה־שלימה.

און כאָטש די מאַמע רחטשע איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט שוין נישט מער אויפצושטיין, האָט צעשע פאָרט נישט גענומען דעם אַלטן שע־רעשעווסקין, דעם גבר און אויסגעפּוצטן בן־שישים. דער עלטער־פעטער, מנשה, האָט אומזיסט מיט אַ סך שוואַקס געפּוצט זיינע שטיוואַלעס, אומזיסט אָפּגעגלעט דעם פאַרשמאַלצעוועטן קאַשקעט און טאָג־איין, טאָג־אויס זיך אָפּגעלאָפן די פּיס און אַריינגעטענהט צו רחטשען, אַז די „נאַ־רישע מויד" ווייסט נישט וואָס רעכט איז, און אַז ווען זי וואָלט באַ־שטאַנען אויפן שידוך, אַש, אַש, אַש, וואָלט דאָך איר געווען ווויל ווי די וועלט. צעשע, — איז אָבער איין מאָל ניין, איז ניין! „אַ מויד, אַ ווילדער אָקס", האָט דער עלטער־פעטער מנשה אָפּגעפּסקנט.

און טראָץ דעם, איז דער אַלטער שערעשעווסקי פאָרט געבליבן אין דער משפּחה: זיך משדך געווען מיט ר' הערשעלע אַלעקסאַנדערער. ר' מנשה האָט אין דעם פּרט יאָ אויסגעפירט.

גיטל נעבעך האָט זיך געוואָלגערט פון דער היים צו זלאַטען און פון זלאַטען אַ היים. אַ היים? די אמתע היים! טאָג־איין, טאָג־אויס מחלוקותן, אריינזאָגעניש און אריינשעלטעניש. ר׳ הערשעלע איז געווען שווער אויסצוקומען מיט דער „מומען", דער פרומער קופקע. אַלץ איז געווען אַ סיבה פון קריגן זיך: דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט, דאָ זיץ נישט. דאָ ווארפט זי אים פאָר, אז ר׳האָט אַ קבצנישע השגה: צו האַקן אַ קלעצל צוקער אויף זעכצן טיילן און איינשפּאָרן זיך אַ ביסל נאַפט, מיט דעם, אַז אַ פארקאָפּטשעט לעמפּל זאָל הענגען אויפן ביישטידל, צווישן קיך און שטוב און טויגן פאר ביידע. און ער, ר׳ הערשעלע, בלייבט איר אויך נישט שולדיק קיין וואָרט. קודם־כל רופט ער זי נישט אַנדערש ווי: אויס־ברענגערין און מרשעת.

דעם מיידל האָט דערפאר די היים ביים טאַטן אויסגעוויזן אַזאַ מין אויסגעליידיקטע, אַזאַ אָן־ברכהדיקע, מיט ריחות פון אָפּגעברענטע אַרבעס־זופּן, פון איינגעווייקט אַלט ברויט, בלאָט, שוואַך־אָפּגעצוקערטן טיי און איבער אַלץ, דער שאָטן פון דער מומעס קופקע, פון איר שוואַרץ־שפּאַנישן שאַלעכל און דאָס וואָרקען ווי אַן אַלטע טויב איבערן קרבן מנחה־סידור.

גיטל איז דעמאָלט ווידער געווען ביי זלאַטען. זלאַטע איז געווען גאָר אין די הויכע חדשים מיטן פערטן קינד. דער עלטער־פעטער, מנשה, האָט זיך ספּעציעל מטריח געווען אַראָפּצוקומען קיין מיעכאָוו. תחילת האָט עס געהייסן: גלאַט אַזוי, אַן עלטער־פעטער קומט זיך זען מיט זיינע ליבע מחותנים. בלאחר־יד, בלשון־בדיחות: געקומען זען, צי דער זיווג מיט ר׳ שבתי נחומס האָט עולה־יפה געווען... ס׳קומען אים נאָך אַ שיינע עטלעכע רובל אַ רעשט פון שדכנות־געלט.

ר׳ הערשעלע איז גראָד דעם טאָג נישט געווען אויפגעלייגט צו הלצהלעך, ער האָט בכלל פיינט בדיחותלעך, שטעקט אים אויס ס׳דאַרע הענטעלע:

— שלום עליכם, מנשה! וואָס פירט דיך אין אונדזערע מקומות?

— מיינע עסקים, מזווג־זיווגים, דעם רבונו של עולמס מלאכה...

— האָסט עפּעס אַ נייעם גערער איידעם, אַ נייע מציאה?

— ס׳געפעלט דיר נישט גער?

— שייך צו זאָגן! כ׳מיין, צי גער האָט נאָך אַזאַ מין בעל־מזונות

ווי שבתי נחומס, וועט מען אים אויסכאַפּן... יידן האָבן טעכטער ראוי לחופה...

— האָסט, הייסט עס חרטה? חרטה לאחר מעשה, איז נישט מעשה־סוחר...

— אַז דער בעל־פּרנסה היט רק אָפּ ר׳ אַלטער לייבן, דעם נייעם גערער... אָן שבתין קען ער דאָך נישט זאָגן קיין תורה...

ר׳ מנשה איז נישט געקומען זיך קריגן, בכלל איז ער היינט אויפ־געלייגט, שוין אַן איבערגעביסענער. באַלד ווי ער איז נאָר אָנגעקומען קיין מיעכאָוו, האָט ער תיכף דערכאַפּט דאָס הארץ ביי זלאַטען. ער לייגט זיך אויס אויפן שעזלאָן, כאַפּט אַ קוק מן הצד אויף דער פּאַרביסן־שווייגנ־דיקער מומע און גייט צו צום עיקר:

— פּש, פּש, פּש, שערעשעווסקי, יחזקאל שערעשעווסקי! פּאַבריקן, געשעפטן, כ׳לעבן ווי אָנגעמאָסטן, הקדוש ברוך הוא מזמינו לפונדק אחד, איש, איש, איש, יחזקאל שערעשעווסקי, כל עשרו ורוב גדלו. הערשעלע, כ׳ווייס אפילו נישט, צי ר׳וועט וועלן זיך משדך זיין מיט אַן אַלעקסאַנ־דערער חסיד.

— אַזוי, ס׳עט אים נישט אָנשטיין? מ׳ווייסט שוין די גערער למדנים...

ר׳ מנשה זעט איין, אַז ר׳האָט איבערגעכאַפּט די מאָס מיטן אָנרירן ביי הערשעלען דעם „האָנער", זוכט צו פאַרגלעטן: — אַ חילוק סאָרע רבי, גער־שמער, אַלעקסאַנדער־שמאַקלאַנדער, ווייס־איך, דער עיקר איז אַ ירא־שמים... און ס׳איז אָנגעצייכנט מן השמים, וועט עס בלי נדר אויסגעפירט ווערן...

ר׳ הערשעלע אַלעקסאַנדערער האָט פון דעם אַלעם אַ גרויסן האַרץ־ווייטיק, אַן עצבות רינגלט אים אַרום. ער איז דאָך לא עליכם אַ יורד מנכסיו, און ביי אַ יורד איז נישטאָ קיין כבוד, נישטאָ קיין תורה, כדבעי, מוחין קטנים. שוין לאַנג נישט געוועזן אין אַלעקסאַנדער, פּשוט נישטאָ די פּאָר רובל פאַר דער אכסניא, פאַר קוויטל־געלט. שוין לאַנג נישט געהערט קיין ניי דערפרישנדיק וואָרט, זינט דער קופּקע... די תשובה איז, אַז ער פון זיין זייט איז מסכים, אבי די בתולה וועט וועלן:

— נו, מילא, די נדנים וואָס כ׳האָב אָנגעגרייט פאַר דער בתולה...

די נדנים זענען איינגעזונקען אין דער שניטקראַם, ביי די פּיאַנטקער אָפּ־געשרפהטע גויים...

ר׳ מנשה גלעט זיך צופרידן די גרוי־רויטע באָרד:

— די בתולה, כבר הגיעה לפירקה... אַש, אַש, אַש, אַ גלייכע זאַך... מיין עצה איז: די בתולה זאָל קומען קיין װאַרשע. מען קען דאָך נישט פאַרלאַנגען פון אַזאַ כּאַזקעל שערעשעװסקע, אַש, אַש, אַש, ער אַליין זאָל אַראָפּקומען „אָנשאָען" די בתולה. אַ חוץ דעם קען ער זיך דאָך נישט אָפּרייסן פון די געשעפטן... עשרו ורוב גדלו... אַש, אַש, אַש, אַש... איז עצתי, אַז די, די, די, װי הייסט זי דאָס? זאָל זיך אַריבערכאַפּן קיין װאַרשע... מ׳עמען שוין זען, אַז דער בעל־דבר זאָל זי „באַשאָען", אם ירצה השם, װעט דאָס זיין אין אַ מזלדיקער שעה, אַש, אַש, אַש, אַש.

און אַזוי שיטנדיק דעם זאַק רייד, פאַרמאַכט ר׳ מנשה אַ װייל די אויגן פאַר מתיקות, קייט אַ שטיק באָרד, מחמת ער זעט דעם ענין בפירוש אַ דערליידיקטן על צד היותר טוב, אין דמיון ציילט ער שוין אפילו די פינף און צװאַנציקערס, רעדט מיט מער תקיפות און װי מיט דעם נצחונדיקן ויקרא בשם אדושם: — הערשעלע, אַש, אַש, אַש, אַש, מאַכסט זיך־גאָרנישט װיסן, און װו איז כיבוד, כיבוד װו איז? שאַ, שאַ, שאַ, שאַ!

ר׳ הערשעלע אַלעקסאַנדערער װערט נאָך איינגעשרומפּענער, קומט זיך פאָר אַ קליין דאַר חסידל, פון די סאַמע לעצטע שיריים־כּאַפּערס, אויס ר׳ הערשעלע דער מקורב, דער טישזיצער, עס איז געבליבן ר׳ הערשעלע דער יורד. ער װאָלט געזאָגט ר׳ מנשהן, אַז זיין פאַרלאַנג װעגן כיבוד האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ סך חולשת־הלב, איי, װען די צדיקת שרה ע״ה איז געװען די באַלעבאָסטע, װי האָט זי דאָס מכבד געװען אַן אורח, איי, אַ ברייטע האַנט געװען. טוט בלויז אַ זיפץ, און ר׳ מנשה דרינגט פון דעם, אַז ביי דער פרומער קופּקע קען גאָר קיין רייד נישט זיין פון כיבוד.

ר׳ הערשעלען איז גאָר אַ בזיון איבערצוגעבן דעם גאַסט, אַז די „מומע" פּראַװעט היינט איינעם פון אירע געװענלעכע עקשנותן, אָנצולערנען דעם „געשפּאַן" דערפאַר, װאָס ער האָט זי אָנגערופן „קרומער האָקן" און אַז איר געװוינהייט איז אים צו באַשטראָפן מיט נישט קאָכן

קיין מיטאָג און פאַרביסן שווייגן. ר׳ מנשה פאַרשטייט דאָס סיי־ווי־סיי אויפן ווינק, אַז אַ מענטש האָט אַזוי פיל צו טון מיט מזווג־זיווגים־זיין.

— אישה רעה מר ממות, איש, איש, איש, איש, די גמרא יבמות זאָגט: אשה רעה צרעת לבעלה... חיבוט הקבר וועסטו שוין נישט האָבן, הער־שעלע... מאַ, מאַ, מאַ, דער עיקר, דער עיקר...

שטעלט זיך אויף, שטרעקט אים אויס די האַנט:

— לחיים ולשלום... הייסט עס, גיטל פאָרט קיין ווארשע צו רחטשען... זיין מיט מזל!

שאַ, שאַ, שאַ, שאַ, עס מ׳גיין אין גערער שטיבל, עפּעס טועם זיין... אין שטיבל איז היינט אַ יומא דפגרא... יאָרצייט נאָכן, נאָכן... שאַ, שאַ, שאַ, מילאַ־מאַ, מילאַ־מאַ, נישט געדאַגהט, הערשעלע, וועסט זי איבער־לעבן... אים ירצה השם, ס׳וועט זיין אַ זיווג מן השמים, מ־ן ה־ש־מ־י־ם!

קושט די מזוזה און מ׳הערט נאָך פון דרויסן ר׳ מנשהס ברייטע:

איש, איש, איש, איש.

וואָס איז אַזוינס ליבע?

דער פעטער מנשה איז ווידער צו גאַסט.

—איש, איש, איש, רחטשע, ביסט קראַנק? קראַנק? וואָס הייסט ביסט קראַנק? איש, איש, איש, איש, קראַנק גאָר!

דער כיוון פון זיין קומען איז: צי רחטשע וואָלט מסכים געווען, אַז גיטל דעם מחותנס זאָל דאָ ביי איר זיך אויפהאַלטן אַביסל, כדי דורכ־צופירן דעם זיווג מן השמים... אם ירצה השם ביי דער ווילדער עקשנטע. מילא, זי האָט נישט געוואָלט, איז איר זאַך, אַרויסגעלאָזט אַזאַ אוצר ממש פון די הענט...

רחטשע ווענדט אירע מוטנע אויגן אויף צעשען: צירל, צי־רע־לע...

דאָס וויל זאָגן: — קינד, דו ביסט דאָך די פרנסה־געבערין, האָסט דו דאָך די דעה.

צעשע — אדרבא, זי האָט שוין לאַנג געוואָלט איינלאַדן גיטלען צו זיך, ס'וועט זיין צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, גיטל וועט איר אויך העלפן אין געניי.

דער פעטער מנשה שניפּט אַריין די שאַרפע ריחות פון די רפואות, האָט ווידער פּרעטענזיעס צו רחטשען, פאַרוואָס זי איז קראַנק גאָר, וואַרפט צו: רפואה שלימה! שלימה! און איש, איש, איש, איש...

דער פעטער מנשה האָט זיינס אָפּגעטון. גיטל איז אָנגעקומען קיין וואַרשע מיט אַ פּאָר פּאַרפּאַקטע שאַכטלען מיט איר ביסל שמאַכטעס.

צעשע האָט געוווסט, נאָך וואָס גיטל איז געקומען און געלאָזט דער שוועגערינס שוועסטער זיך אויסוויינען און אַריינוויינען אין בשותפותדיקן קישן דעם צער פון די נישט־דערגרייכטע מיידלשע האָפענונגען. דער גביר יחזקאל שערעשעווסקי איז געקומען מיטן פעטער מנשה צו רחטשע

נחומס מכלומרשט צו זען, צי ס'זענען נישט געבליבן צו פאַרקויפן אַ ביסל ספרים פון ר' נחומס ע"ה ירושה... גיטל איז בשעת מעשה געוואָרן „געשאָט" און טאַקע אויך געפעלן דעם בן־שישימדיקן, גאוהדיקן און האָפערדיקן ייד...

דער פעטער מנשה האָט זיך ממש מחיה געווען: — איש, איש, איש, אַז כאַזקל שערעשעווסקע קען אָפּגילטן אַ מענטשן... רוכטשעע, דו וועסט אם ירצה השם ווערן געזונט... שערעשעווסקע שיקט צו דיר גאַרשען לעוועגען אַליין... איש, איש, איש, גיטל, אַלץ אין דיין זכות, איש, איש, איש ברוך השם האָסט נושא חן געווען, איש, איש...

אויף די וואָגשאָלן פון אירע מיידלשע חלומות וועגט גיטל פרייד און צער. די וואָגשאָל פון ביסל פרייד גייט אַרויף, אַרויף, גרינג. דער־פאַר אָבער דריקט די צווייטע וואָגשאָל מיט אַזאַ שווערקייט דאָס צינגל. צער וועגט איבער. דער טאַטע — דער יורד, די פרומע „מומע", דאָס יאָדעניש, דאָס דחקות, דאָס זיין נע־ונד, די ווייטיקדיקע פּלייצעס, די פאַרקרומטע, מידע פינגער פון אַ היטנפוצערקע... און דער אויסוועג: יחזקאל שערעשעווסקע, דער בן־שישים, וואָס זאָגט צו סאַלעס, דינסטן, אַ לעבן אָן דחקות, צו־להכעיס, עמיצן וויל זי דאָ אָפּטון אַ צו־להכעיס, גיטל.

צעשע לאָזט גיטלען אַריינוויינען אין בשותפותדיקן קישן אירע ספקות, אירע ראַנגלעניש. צעשע זעט איין, אַז דאָ איז דער ענין ליבע גאַנץ אַנדערש ווי זי האָט דאָס אַרויסגעלייענט פון די שיינע, זאַפטיקע ביכלעך. זי, צעשע, וואָלט נישט מפקיר געווען אויף אַזאַ אופן איר מיידלש גליק. גיטל האָט נישט געהאַט קיין כוח צו קעמפן. מסתמא איז איר גורל אַזעלכער. צעשע האָט געוואָלט מיט גיטלען רעדן וועגן איר, אָבער ס'איז נישט געווען מיט וועמען, גיטל איז געווען ווי אַ לונאַטיקערן.

פון בערלען קיין שום ידיעה. אפשר איז אים געלונגען אַוועק אין אויסלאַנד... אפשר... נאָר, דערווייל האָט זי פון בילכערע זאַכן צו טראַכטן.

אָבער, ס'טראַכט זיך דאָך, אפילו ביים טויטן־בעט פון דער מאַמען. איר חברטע סאַלטשע איז אַזוי אַ תל, בלאַס, מוטלאָז, וועט מסתמא באַלד חתונה האָבן. פאַרוואָס מאַכט ליבע אַזוי בלאַס?

גרשון, דער ייִנגערער ברודער, איז אויך אַ תּל. ווייל נישט לערנען, ווייל נישט גיין אין די לער. נאָך די אַלע אויסשיטן, קרעצעלעך און פּרישטשעקעס, צו וועלכע מ׳האָט גענוצט שיטערע זייפן און זאַלבן, האָט דאָס ייִנגל סוף־כּל־סוף באַקומען אַ ריינע הויט. צעשע טראַכט וועגן אים כּסדר, ווי אַ מאַמע מוז זי זיין צו דעם לאַנג־אויסגעצויגענעם בלאַסן מאַגערן ייִנגל, וואָס האָט עפּעס אַזוינע הונגעריקע און זשעדנע אויגן. אַ זינדיק ייִנגל. זי האָט אים אַמאָל ביינאַכט געזען אַ היים־אַטעמדיקן, זי האָט זיך געמאַכט שלאָפן, אונטערהייבן די דעק ביי גיטלס זייט. ייִנגלשע נייגעריקייט. סאַלטשע האָט איר דערציילט, אַז זי האָט געטראָפן גרשונען צוזאַמען מיט איר ברודער אַרויסגיין פון „יענע הייזער״ אויף שוויענטע יערסקע. סאַלטשעס ברודער איז דער אמתער תּוך. מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און טרערן אין די אויגן האָט גרשון זיך מודה געווען אין פאַר־שידענע מיאוסע זאַכן. ער האָט נישט געוואָלט, נאָר יאַנקל האָט אים דערצו צוגערעדט; ער האָט אים צוגערעדט אַרויסצוגנבענען דעם האַלבן רובל, וואָס האָט איר דעמאָלט אויסגעפעלט. פאַרן געלט האָבן זיי גע־קויפט נאַשערייען און געשאַנקען דער קליינגעוויקסיקער מויד מיטן היי־זעריקן קול. וועט קען נישט טשאַרנען מיט די אומצאַליקע קרייזעלעך, וואָס גלאַנצן מחמת דעם פעטן שמירעכץ, טשאַרנע וואָס טשאַטעוועט אויף די האַלב־דערוואַקסענע בחורימלעך, פאַרנאַרט זיי אין בוידעם־שטיבל און פאַר אַ גילדן מאַכט זי זיי פאַר מענער...

גרשונען האָט מען ווידער געמוזט פירן צו אַ דאָקטאָר און ס׳האָט גע־שמעקט פון אים מיט אַ האַרבן ריח פון קאַרבאָל, שוועבל־זאַלבן און שאַר־פע, ברענענדיקע זייפן.

אויך דאָס איז ליבע?

ווען צעשע טראָגט אָפּ אַ פּעקל אַרבעט צו אַ קליענטקע, קען זי דערוויילן אויף דער גאַס זען „ס׳לעבן״. זי זעט יונגע געאָרעמטע פּאָרלעך, וואָס האַלטן זיך געטריי ביי די הענט, קוקן זיך וואַרעם אין די אויגן, זענען גליקלעך... דאָס איז דאָך אויך ליבע, נישט אַזאַ ווי די פון דער געלער קלאָציקער מויד, וואָס פאַרוואַנדלט אַ קראַנק תּאווהדיק ייִנגל אין אַן עקלדיק באַשעפעניש.

דאָס זענען אַזעלכע טראַכטענישן אויפן געלעגער, ווען צעשע רוט

אָפּ די אויגן פון געניי, פון די מאַנאַגראַמען, ווען די קראַנקע מאַמע האָט אויך אַביסל איינגעדרימלט.

רחטשע באַלעסטיקט, חלילה, נישט צופיל. אדרבא, זי איז שוין צו שטיל. אָבער די־אָ שטילקייט איז אימהדיק. עס גענוגט בלויז, אַז די מאַמע זאָל אָנהייבן שאַרן מיט די דאַרע פינגער צווישן די רפואות־פלעשלעך, ווי זי וואָלט זוכן אַ רעטונג פון איר קלעם אַרום האַרץ, אַז צעשע זאָל שוין זיין לעבן איר און דערלאַנגען טראָפּנס, רייבן די שלייפן, געבן אַביסל סאָדע מיט מאַלינע־זאַפט.

סיי־ווי־סיי זענען מיט זיכערקייט אָנגעקומען די לעצטע טעג פון דער מאַמען. דער גרויסער דאָקטאָר, וואָס יחזקאל שערעשעווסקי האָט געשיקט, האָט אויך אויפגעהערט צו פאַרשרייבן רפואות, געמאַכט אַזוי מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: צו וואָס מוטשענען אַ מענטש? אַז די נירן פונקציאָנירן נישט, אַז זי שלינגט שוין גאָרנישט אַראָפּ. ער הייסט זי נעמען אין שפּיטאָל. דאָרט וועט מען פּרוּוון אַלע מיטלען, אַלע לעצטע מיטלען. פּרוּוון, צוזאָגן קען ער גאָרנישט. זיי, אויבן אין הימל, קענען העלפן... ווייזט ער מיטן פינגער ארויף־צו...

* * *

פון שפּיטאָל איז די מאַמע נישט מער צוריקגעקומען. די ברידער פון די פּראָווינץ־שטעטלעך זענען געקומען צו שפּעט. די חסד־של־אמת האָט זיך אויף אַ גאַנץ בכבודיקן אופן מתעסק געווען מיטן מת. ווען די זין וואָלטן אוספּיעעט צו זיין ביי דער לויה, וואָלט זיך ביי זיי פּונקט ווי ביי צעשען איינגעקריצט דער מאַמעס פּנים, אַ לאַנגס מיט אַ שאַרפער שפּיציקער נאָז ווי ביי אַ גוססדיקן עוף און אַ מאָגער גופל מיט זייער אויסגעטרוקנטע דאַרע פיס.

שבתי נחומס איז אויך נישט געווען אויף דער לויה. ער איז פּונקט דעמאָלט געווען אין אַ ווייטער פּרעמדער שטאָט. זינט וואָלף רייכמאַן האָט אים אויפגעטרייסלט מיט זיינע מוסר־רייד, האָט דער שבת־יום־טובדיקער שבתי דורכגעמאַכט אַ קריטיש שטיקל צייט, אריינגעלאָזט אין זיין אויסגעחלומטער וועלט אַ ביסל וואָכעדיקייט. און כאָטש ער האָט

געלערנט שפּראַכן, אָנגעהויבן צו מסחרן מיט אויסלאַנד, האָט די וואָכע־דיקייט דאָך נישט אָנגערירט זיין אינערלעכע אָפּגעגרענעצטע תוכנדיקע און דערהויבענע וועלט. אז ער פלעגט צוריקקומען פון אַ געשעפטלעכער נסיעה, איז שבתי נחומס ווידער אריין אין דער זיידענער זשיפּיצע, גע־צויגן דאָס פאַרבענקטע ניגונדל, וואָס ער האָט געירשנט פונעם טאַטן ע״ה.

די מאַמע רחטשע, האָבן די אַבלדיקע זין געזאָגט, וועט נישט האָבן קיין חיבוט־הקבר, איר ערלעכע נשמה וועט תיכף האָבן די אמתע עליה.

ס׳האָט אָבער לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט געקענט אויספירן צו שטעלן אַ מצבה אויף איר קבר. אַלע זין זענען געווען פאַרנומען מיט דער גוואַלדיקער מלחמת־החיים, מיט דער מלחמה קעגן קבצנות דאָרט אין די פּראָווינץ־שטעטלעך, געווען פאַרנומען מיט די מאָזלען, סקאַרלאַ־טינעס, טיפוסן, און גלאַט אַזוי חלאתן פון די טיצן קינדער, וואָס זייערע ווייבער האָבן זיי מזכה־געווען.

ביז שבתי איז נישט אריין אין די פעדערן, געוואָרן דער גרויסער סוחר, איז אויף רחטשעס קבר געשטאַנען אַ ברעטל מיט אַ בלעכענעם פּה נקברת, וואָס איז כסדר אַלץ מער איינגעזונקען אין דער ערד...

יחזקאל שערעשעווסקיס פּראָבלעמען

רחטשע האָט גערוט אונטער א פּריש בערגל ערד פון גענשער בית עולם.

פאַרן טויט האָט זי געבעטן מיט די טרוקענע ליפּן און מער מיט די פאַרגלייזטע אויגן, מ'זאָל פאַרזאָרגן גרשונען. די ברידער האָבן נישט געקענט באַשליסן, ביז זיי וועלן זיך נישט עצהנען מיט זייערע ווייבער.

דאָס קרענקלעכע יינגל איז נאָך לאַנגע שקלאַ־וטריאָס געבליבן ביי שבתין. שבתי האָט שוין דעמאָלט געטראָגן א משפּחה־נאָמען, נישט פּראָסט חסידיש: שבתי נחומס, נאָר שבתי מאַנדלבוים, אַ רייזנדיקער, א סוחר פון שטאָפן, וועמען וואָלף רייכמאַן האָט געהאָלפן שטעלן די ערשטע שריט אין עולם־המסחר. עס האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט הצלחה.

צעשע האָט נישט געקענט בלייבן אין דעם גרויסן אויסגעליידיקטן צימער אויפן ערשטן שטאָק פון דער פראַנציסקאַנער גאַס, ווו די לופט האָט נאָך אַלץ געהאַט אין זיך דעם ריח פון רפואות, טראָפּן און דער שווארצער מיטה. גיטל האָט זי אזוי שטאַרק געבעטן, אריינגעטענהט אין איר: — צעשעשי, ס'פעלט דען ביי מיר פּלאַץ? די קינדער שטערן ביי מיר?

גיטל האָט שטאַרק, שטאַרק זיך ביי איר געבעטן, פּונקט ווי פון דעם וואָלט געווען אָפּהענגיק איר גאַנץ לעבן; עס האָט אויסגעוויזן צעשען, אז ווען זי זאָגט איר אָפּ, וועט זי אָט, אָט זיך צעוויינען.

גיטלס גערוימע נגידישע וווינונג אויף דער דזשיעלנע גאַס איז געווען א שטילע, אַ צו שטילע. קינדער זענען נישט געווען. כאָטש מ'האָט געהאַלטן דעם בן־שישים פאַר אַ ייד מיט כוח־גברא. נ'אוודאי האָט דער נגיד יחזקאל שערעשעווסקי וועגן דעם ענין איינגעלייגט וועלטן: אין

גער ארויסגעוויזן א געוואלדיקע פזרנות מיט פדיונות, ממש אלפים, און דערצו געשיקט ס'ווייב אין די בעדער, און אליין אויך געפאָרן, דאָרטן ווו „ער זאָל־לעבן" פלעגט פאָרן אין די בעדער פון אויסלאַנד: קיסינגען, קארלסבאד, מאריענבאד, געהאט די אמתע מנוחה און דעם רחבת־הדעת; אָבער דער פעטער מנשה האָט געזאָגט: — מן השמים איז נישט באַשערט. איש, איש, איש, אז ס'זאָל קומען א בן־זקונים, איש, איש, איש, א שאָד, איי, איי, א שאָד, סארע סעודת ס'וואָלטן געווען, ווען זי, ווי הייסט זי דאָס דאָרט, איש, איש, איש, לייגט זיך אין קימפעט אריין, פון כאזקל שערע־שעווסקין אַליין, איש, איש, איש... נישט באַשערט מנשהן נחת, איש, איש, איש...

דער בן־שישים מיט דער ברייטער צעקעמטער באָרד, מיט די פיינע פלאמיק־רויטע פעטע באקן איז דערפאר געוואָרן א ביסל ווינציקער האָפערדיק, געוואָרפן אַ שטיקל אומחן אויף דער נייער היים מיט דער אישה. באַלד נאָך דער חתונה מיט גיטלען איז געווען נאָר איין וואָרקען, איין ארומטאנצן: גיטלשי, גיטלשי, אפשר א ביסעלע סאָק, אפשר א מאַנדל, אפשר א „טשעקאָלאַד", ר'וועט איר זשאַלעווען? צירונג איז צירונג, קליידער איז זיידנס, סאמעטס, טיולן, שטרויס־פעדערן... שערע־שעווסקי קען! אָבער אָן א יוצא־חלציו — איז אוים גיטלשי... זי ווערט פון אים וואָס פרעמדער און פרעמדער. דער ייד האָט געפילט בפועל ממש ווי די זיקנה האָט זיך אויף אים באזעצט; דערפאר זענען די סאליעס זיינע פאר אים געוואָרן ווי עפעס וויסטע מדבריות, ווו ער איז איינער אַליין, וואָרום מיט דער אישה האָט ער ממש קיין יידיש וואָרט אויסצו־רעדן. דער געשטאלטנער לייביקער ייד האָט געהאט זייער פריקרע גע־דאַנקען: געוואלד, געוואלד, ער א בר־דעת זאָל אָפּטון אזא נישט־גלייכע זאך! און מיט די־אָ מחשבות פלעגט ער אַנטלויפן אין גערער שטיבל, מכבד־זיין די לערנערס מיט משקה, צופּאַטשן מיט די דלאָניעס ווען די שארפע יונגעלייט זענען געוואָרן אויפגעהייטערט פון די פאָר פלעשלעך. אז גיטל פלעגט קומען פון גאס, איינגעקויפט ווידער אַ שמאַכטע, ווידער אַ קלייד, ווידער אַ הוט, איז דער אלטער שערעשעווסקי געזעסן ביי דער ספרים־שאַפע אין גרויסן טיפן סאמעטענעם קאַפּל און זיך אריינגעשאָקלט אין א ספר מיט א ווייטן זקנישן וויינענדיקן ניגון, וואָס האָט אָפּגעקלונגען

ווי א ווייטער עכאָ, ווי א קול פון א פּרוש אין אַלטן בית־מדרש...

דער ניגון האָט פּייכט געמאַכט די אויגן ביי גיטלען, זי האָט אין אים געפילט א צושפּיל צו איר דאָליע. איין געדאַנק בייביידע: די גרויסע סאַליעס — ענדלאָזע וויסטעס, אָן א פּיצל גרינס.

אז צעשע האָט איינגעוויליקט צו איר צו קומען, איז דאָס פאַר גיטלען געווען א יום־טוב. זי האָט געקויפט וואַזאָנעס אַריינצושטעלן בלומען. די צימערן זענען פול געוואָרן מיט ריחות פון רויזן, וויאָלעטן, פון נעגעלעך.

* * *

גיטל האָט פאַר ווען „אויפצודעקן איר האַרץ". און דאָס האַרץ איז פול, פול, ווי א ברייטער טייך פרילינג־צייט. צעשע איז מיט גיטלען. און ווי לאַנג קען אזא גאָלד־האָריקע מיידל זיין אין טרויער? אז אין זאַקסישן גאָרטן בליט שוין ווידער דער בעז, אז די פרילינג־נעכט זענען אזוינע זיידענע־ווייך־גלעטנדיקע, אז וואַרעמע מאַמישע ווינטלעך פון דער ווייסל צערטלען דאָס פּנים, אז עס מאַניען אין קיישלעך רויטע יאַגדעס, — די מתנה פון זוניקע שמעקנדיקע פּוילישע וועלדער, — און צוזאַמען מיט זיי זייערע עלטערע שוועסטערן — די זאַפטיקע שררהדיקע טרויש־קאַווקעס לאָקן מיט אזוינע גן־עדנדיקע ריחות, אז וואַרשעווער גאַסן, אָרימע ווי רייכע, זענען באַדעקט מיטן שפּיל פון זון און שאָטן פון מחיהדיקן פּוילישן זומער... ווי לאַנג קען אזא מיידל ווי צעשע זיין אַבלדיק, אז דערווייל זענען נישטאָ קיין פליכטן, אז געזונט איז מען, אויסגערוט איז מען, אז פאַרב אין די באַקן, זינגען די גלידער, קיילעכיקן זיי זיך.

פאַרגעסט מען צוביסלעך אין די וואַכנעכט, אין די קאַרבאָל־גערוכן, אין דער מאַמעס לעצטע קרעכצן, אין איר שוואַכן באַוועסטלאָזן ווינקל פון די פאַרגלייזטע אויסגעלאָשענע אויגן, אין דעם שעפּטשען פון דער גוססריקערס לעפצן, וואָס זענען נישט מער בכוח צוזאַמענצושטעלן פאַר־שטענדלעכע ווערטער. צוביסלעך ווערט אויסגעוועפּט די האַרבקייט אין די אויגן און אין האַרצן. יוגנט מאַכט פאַרגעסן, לעבן מאַכט פאַרגעסן.

בפרט ווען מ׳איז אַזוי אָן עול ביי דער נגידיתטע, ווו מ׳קען לאַכן הויך אויפן קול, שטיין ביים פענצטער, אַרויסקוקן אין דער לעבעדיקער גאַס אויף דעם ים פון דורכגייער, און קייען דערביי שאָקאָלאַד און רעדן, רעדן...

גיטל וואָלט געוואָלט, אַז צעשע זאָל זיין מיט איר ס׳גאַנצע לעבן. זי פילט זיך אַזוי גוט, אַזוי באַשיצט...

— צעשעשי, העשעט זי יענער אין אַקסל אריין, — דו ווייסט ווי ס׳איז מיר ביטער און פינצטער, אליין זיך אָנגעהאַנגען דעם שטיין אויפן האַלדז... צעשעשי, מיר קריגן זיך נישט, נאָר ס׳איז מיר וויסט און ביטער...

פאַלט איר אויפן האַלדז און טרערן גיסן זיך. א גבירנטע וואָס וויינט אין סאַלעס, באָדן זיך אין ווילטאָג, וויינט: — צעשעשי, גענומען אַ ייד מיט אַ ברייטער שטעכיקער באָרד, מיט שטעכיקע רייד, צעשעשי, ווי מיט נאָדלען... מיר קריגן זיך נישט, אָבער...

צעשע איז מבולבל. עס דאַכט זיך איר, אַז זי לייענט אַ ראָמאַן וועגן אַ פרעמד צעבראָכן לעבן צוליב אַ נאַרישן אומבאַטראַכטן שריט פון דער הויפּטהעלדין. דאָ, אין דעם ראָמאַן פון גיטלען, קען מען שוין גאָר־נישט אויפטון, אַז דער גורל פון דער הויפּטפּערזאָן אין דעם לעבנסבילד איז שוין לכתחילה געחתמעט.

לייגט אָפּ צעשע איר פאַרלאָזן די חברטע, זי וואָלט פאַרבליבן לענגער; סיי ווי סיי איז זומער, די דריי וואָכן, די היצן, ווינציק אַרבעט, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז דער אַלטער שערעשעווסקי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר מיט שטעכעדיקע בליקן, ווי איינער זאָגט: אַ פּגע־רע, אַ יצר־הרעניצע, דרייט זיך דאָ אַרום און פרעסט מיין ברויט... און זי... איז דורך איר געוואָרן צעלאָזן...

פאַרזשמורעט די אויגן־קישעלעך, גלעט די באָרד און קוועטשט אַרויס ווי כּלאחר־יד: — אַ, אַ, ר׳ נחומס טאָכטער, אַ יחסנטע, פּש, פּש, פּש, דער טאַטע ע״ה פּשפּש... אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן, אַז נישט גייט מען אַרויס לתרבות־רעה... מ׳דאַרף רעדן מיטן עלטער־פעטער ר׳ מנשה...

אָפּגעזאָגט, געקושט די מזוזה און אַוועק אין גערער שטיבל. וועט זיך דאָך נישט אַנידערשטעלן און מרבה־שיחה־זיין מיט אַן אישה. נאָר

מ׳קען זען באַשיימפּערלעך, אַז דער בן־שישים איז אין כעס. וואָרום זינט די יתומה האָלט זיך אויף ביי אים אין שטוב, האָט זיין ווייב באַקומען גאָר אַן אַנדער מראה, אַן אַנדער לשון און, דאַכט זיך, אַז די העזה, די חצופה ליגט איר אויסגעלייגט אויפן פּרצוף־פּנים... אַן אשה דאַרף האָבן אין זיך די מידה פון הכנעה, נישט אַזוי... וואָרטשעט פאַר זיך:
— אַ מאָדע געוואָרן ביי זיי, גאַנצע טעג שפּאַצירן, שמאַנצירן!..

ווען ר׳איז אין כעס, האָט דער אַלטער שערעשעווסקי אַ טבע צו פאַרדרייען די ווערטער: קאווע קומט ביי אים אַרויס „סראַווע״; טיי — „סריי״, שפּאַצירן — „שמאַנצירן״.

— שמאַנצירן גאָר, ווי מיידלעך — פּאַנפּעראַנקעס...

נאָך מער זידט אין אים דער כעס, ווען ס׳איז דערגאַנגען צו זיין געהער, אַז זיי פאָרן אויף דראָזשקעס, גייען אין טאַנץ־זאַלן, אין קאָנדיטערייען, פאָרן אויף שיפלעך אין די לאַזשענקעס, — און ס׳איז פאַראַן אַ חשד, אַז ס׳האָבן זיי באַגלייט פרעמדע מאַנצבילן...

— וואָרום, ווינציק נואפים דרייען זיך אַרום אין וואַרשע, בעלי־עבירות, וואָס זענען מוכן אַלץ צוליב נחומס טאָכטערקע, אַ מויד אַ חצופה, מנעע, וואָס רעדט אָן אַן אשת־איש צו כל דבר אסור, איר איז דאָך מותר, מנעע...

אביסל אמת איז פאַראַנען אין דעם רכילות. צעשע איז ווי אַן אויפגעבליטע רויז, ווי אַ צעפּראַלטע זומער־פייגעלע, וואָס וואָלט געוואָלט אַ בלי טון, אַ פלי טון, האָט זי אפשר אויך משפיע־געווען די פאַרביטערטע גיטל, וואָס האָט נישט געפונען קיין שום טעם אין די זיידענע בעטגעוואַנטן און די סאַמעטענע שלאָפראָקן; בלי ספק איז גיטל געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער פלאַטערנדיקער צעשע, האָט זיך אַרויסגעריסן פון די עקרדיקע אומעטיקע סאַלעס צו עפּעס אַן אויסגעחלומטער פרייהייט. קען זיין, אַז זיי האָבן אויף אַ ווייטער גויעשער גאַס אָפּגעשטעפּערט פריינטלעך אויף אַן איינלאַדונג צו גיין אין אַ „באַר״ אביסל „פלוידערן״, עסן „טשאַסטקעס״, לאַכן און רעדן... גיטל איז אַזוי לאַנג געווען אונטער תפיסה־גראַטעס, פאַר וואָס זאָל זי נישט אַ פּרווו טון אַ פרייען פלי? בפרט, אַז צעשע וויל אויך מיטפליען...

יחזקאל שערעשעווסקי האָט אויגן, וואָס גיבן אַכטונג, ר׳איז מחויב

אָפּצוהיטן זיין כבוד. יענע קען זיך טון וואָס זי וויל, זי איז פריילײדיק, אָבער אן אשת־איש — לא ולא! די צירונג פון א יידישער פרוי איז זיין א היימזיצערקע, א צנועה, שערעשעווסקי וויל דאָס און פאָדערט דאָס!..

* * *

אזוי האָט זיך דער נגיד געהיצט, אָבער צו שפּעט איז געקומען דעם זקנם שטרענגקייט. צעשע, דער קוואַל פון אַלדעס־בייז, לויט זיין מיינונג, האָט שוין נישט געוווינט אונטער זיין דאך, אפשר איז זי גאָר געוועזן ביי שבתי נחומס, דער שוואַרץ־יאָר ווייס זי, האָט שערעשעווסקי זיך געבייזערט, אָבער — דאָס היימישע צעפּלאָשעטע עוף איז אוועק צו וויט, עס האָט זיך נישט געלאָזט פארנארן מער אין שטייגל אריין, אפילו נישט מיט די געשמאַקסטע קערנער, אפילו נישט מיט: — גיטלשי, נאַרעלע, אפשר וועלן מיר פאָרן קיין וויסבאדן, ס׳וועט דיך מאַכן אויס נערוועאיש, גיטלשי...

ניין און אָבער ניין! גיטלס גוף, דער געצווונגען־עקרהדיקער, לעכצט נאָך אמתע לאסקעס... זי קען נישט, קען נישט, איין גאָט איז איר עדות, אז דער ייד מיט דער ברייטער צעקעמטער שטעכעדיקער באָרד איז איר דערווידער, זי קען בשום אופן נישט פארטראָגן זיינע חניפה־ריידעלעך, זיין גיטלשי, זי וויל נישט פאָרן קיין וויסבאדן.

גיטל האָט געזוכט אלערליי תירוצים, אלערליי אויסריידן, צו זיין מחוץ דער רחבותדיקער און פאר איר אזוי ענגער דירה, מחוץ די גע־שניצטע מעבלען, קרעדענצן, מחוץ די זיידענע שלאָפרעק, פלושענע פאָר־האנגען און מחוץ דעם אָטעם פון דעם זקן... זי האָט זיך באַקענט מיט א יונגן צעשויבערטן עסעאיסט, וואָס האָט גערעדט מיט איר וועגן עסטע־טישע קערפער־פאָרמען, וועגן קונסט און ליטעראטור, וועגן מאָניושקים מוזיק, וועגן אלערליי מינים פון עראָטיק. גיטל האָט נישט געזוי אלץ פארשטאַנען, אָבער געוווסט האָט זי, אז מיינען מיינט ער פשוט די צעוואַקסענע הונגעריקע נאָכגיביקייט פון איר, דער נישט־באַפרידיקטער יונגער פרוי, וואָס וויל נישט „אָפּפינצטערן" אזוי אָ איר לעבן...

דער אַלטער שערעשעווסקי האָט געטשאפּעט שפּעט ביי נאַכט אין די

לאטשן איבער די סאליעס, געזוכט טינט און פעדער, כדי אָנצושרייבן אַ בריוו צו „אהובי ידיד נפשי המפואר והנכבד אבי אשתי ר׳ צבי אלכסנ־דערער נ״י, אז בתו גיטל שתחיה האָט אָפּגעקערט פון דרך־הישר" און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער...

דער נאָך האָט ער ארייננגעווײינט זיינע עגמת־נפשן אין א בלאט נדרים מיט א שווערן, שווערן ר״ן, געקנייטשט דעם שטערן און געזוכט צו פארשטיין דאָס הארבע שטיקל ר״ן, און בכלל די וועלט מיט אירע פירעכצן, און דעם אונטערשייד פון גוטס און שלעכטס... און פאר וואָס אזוי און נישט אנדערש...

אין די סאליעס האָט אָפּגעהילכט זיין קול ווי אין א וויסטן זאמדיקן מדבר...

משהל װערט קאַליע

עס איז ב״ה דאָ פּרנסה. יידן פון מיעכאָוו, סטריקעוו, אלעקסאנדער, פּאביעניץ, זגערזש און נאָך שטעט און שטעטלעך האָווען, לויפן, יאָגן, שטופּן זיך אויף די ענגע לאָדזשער טראָטואַרן. די לאָדזשער וועבערייען זשומען, אָן אָפּשטעל, טאָג און נאַכט. א וואלד מיט שלאַנקע קוימענס שפּייען קנוילן רויך איבערן לאָדזשער הימל. עס הודזשען די ברייטע לעדערנע טראנסמיסיעס, שפּינדלען טאַנצן און מיליאָנען ארשין סחורה ווערן אויפגעוויקלט און גייען אין דער „אפּעראטור״, ווו זיי ווערן געפארבט, געפּרעסט און טויזנטער „שטאָפּערקעס״ אין באלוט, נאָוועמיעסקע־גאס נעמען זיך די אויגן ארוים צו זוכן און פארריכטן „פעלערן״; אין לאַגערס, געוועלבער, קעלערס — שטויסן מיט קאמגארן, שעוויאָטן, באַנוול און אלערליי אויסטערלישע סחורות פאר די סוחרטעם פון דער פּראָווינץ און פאר די ברייט־פּלייציקע פּאָניעס פון טיף־רוסלאנד, וואָס קומען אן סעזאָן־צייט מיט שטשעניסטע הארטע בכבודיקע צעפּלאַסענע בערד, מיט טיפע היטלען און קאצאפּישע דאשיקעס, מיט א זינגעדיקן אויסגעצויגענעם רוסישן לשון און דער עיקר מיט אויגפולע בייטלען און טייסטערס איינצוקויפן מיט מזומן ממש הונדערטער טויזנטער ארשין פון ווייבערישע סחורות, ציץ, פארביקע, בלומיקע פאר ציכן, שערצן, קליידלעך, און וואָס לאָדזש ארבעט נאָר אויס דארפן זיי, קויפן זיי: סאמעטן, סחורות מיט אלערליי געמעלעכצן, בארכעטן, סאַמעטן, פלושן, טאַנדעט־ אָנצוגן, סחורות פאר היטלען, העמדלעך, פראנדזן, און אלץ וואָס ס׳אויג גלוסט און זעט נאָר, קויפן זיי די פּאָניעס.

ערגעצוו אין פּעטערבורג זיצט טאַקע א צאר ניקאָליי דער צווייטער, ווען מ׳מוז אלע יומא דפּגראם מאכן הנותן־תשועות, אונטערפּאָנפּען

„באזשע צאריא כראני”; ערגעצווו מושלט ער „ניקאלייקע”, זעטיקט זיך נאך די רעוואלוציעס פון 1905־1906 מיט ”טשערטא אסיעדלאסטי”, מיט תליות, קאטארגעס, פארשיקונגען פון די קראמאלניקעס, אבער צו די גוטמוטיקע פאניעס פון טיף־ראסיי קומט דאס נישט. יידן חלומען טאקע פון דעם „קירעמאק”, דעם עסטרייכישן גוטינקן „פראאים־יאסל”, וואס יעדער גאליציאנער קען מיט אים רעדן פנים אל פנים. יידן איבעררעדן בין מנחה למעריב וועגן די מלחמה פון טערק מיטן איטאליענער אין טריפאלי, א טייל זענען פאר די טערקן, א טייל פארן גוטינקן מלכל עמנואל, וואס, אש, אש, אש, ווי דער פעטער מנשה זאגט, קומט יעדעס יאר אין די גרויסע שיל פון רוים ווינטשן די יידעלעך זיינע א לשנה־טובה... אש, אש, אש.

קיין עין הרע א סך יידן האבן ב״ה אויך טייסטערס מיט געלד, ס׳קומט זומער לעב, פארן זיי אויף דאטשעס, פארן אין די בעדער צו „קירען” און צו „יעקע־נאר”, און ווינטער גייט מען אין טעאטער הערן און זען „שולמית”, „בר־כוכבא”, „ס׳פינטעלע ייד” און לאלא־פאטראנין אין „געקומען איז ער ביינאכט”, און יידן פארן אליין, פאר רובלס ווערט מען „פערווי־גילדע און ווטאראי־גילדע קופצעס”; טאקע דארט אהין ווו מ׳טאר נישט, מיט טשעמאדאנעס מיט מוסטערן פון לאדזשער אלדעס־גוטס, נאך וועלכן ס׳זענען אזוי להוט די ברייטהארציקע פאניעס.

שבתי נחומס אויך. ביי איוואן פאולאוויטשן, וואס האט די גרעסטע שניטקראם אין פעטערבורג, ווערט שבתי פארוואנדלט אין „גאלובטשיק” סאוועלי נאאומאוויטש מאנדעלבוים, א קופיעץ, וואס שטייט איין אין סאמע „גאסטיניצא מעטרעפאל” קעגן איבער דעם ווינטער־שלאס פון דעם קייסער אליין. ווען שבתי קומט נאר אריין אין קראם צו איוואן פאולאוויטשן, לויפט דער קאצאפ אים אנטקעגן מיט ברייטע אפענע ארעמס, הייבט אים אן האלדזן און קושן, און ס׳העלפט נישט: דער „מילינקע”, דער ליבינקער סאוועלי נאאומאוויטש, מוז גיין טרינקען מיט איוואן פאולאוויטשן א פערטעלע אין טראקטיר, וואלט אים געניית אפילו צו פארבייסן מיט עפעס א פליישל, אבער, ס׳איז באוווסט, אז צוליב „רעליגיעזע ענינים” קען דאס נישט סאוועליע נאאומאוויטש, טא פוסט בודיעט פא וואשעמו... אבער אראפרעדן זיך פונעם הארצן נאכן אראפ־

שלינגען צוויי „פערטעלעך" מוז ער, דער שניט־קראָם־סוחר, איידער ער באַקוקט נאָך די מוסטערן און איידער ער מאַכט נאָך די געוועגלעכע באַשטעלונג זיינע אויף פּופּציק טויזנט רובל...

שבתי איז טאַקע דער גרויסער קאַמיוואַיאַזשאַר, אָבער צו יידישקייט קומט דאָס נישט. אין סאַמע גאַסטיניצא מעטראָפּאָל קעגן איבער דעם צאַרס פּאַלאַץ הילט ער זיך איין אין טלית, וויקלט די רציעות און שטעלט זיך מיט כוונה דאַווענען, נעמט זיך אפילו צייט מעין צו זיין אין „תניא", אָדער אין „שפת אמת" וואָס ער פירט מיט זיך אויף זיינע נסיעות. דער עיקר איז נישט די וואָך, נאָר דער שבת־יום־טוב; דער „קאָמיוואָיאַ־זשאָר סאַוועלי נאַאומאָוויטש" אַרבעט פאַר שבתי נחומס רוחניות אין מיעכאָוו, ווו ס'געפינט זיך אַ גערער שטיבל מיט ריקודימלעך, מיט ניגו־נים עד כלות הנפש, מיט אַ ציכטיקער חנעוודיקער אשת־חיל זלאַטע שתחיה, מיט קינדערלעך, וואָס וואַקסן קיין עין הרע... אָט האָט משהל שוין אָנגעהויבן גיין אין חדר, טאַטע טראַכט פון אים, פון זיינע געקר־רייזלטע פּאהלעך, פון זיינע יידישע שוואַרצע אייגעלעך, ער טראַכט פון אים אין קאַלטן פּראָסטיקן מאָסקווע, אין לוסטיקן אָדעס ביים שוואַרצן ים, אין צעזונגענעם ראָסטאָוו אויפן מאַיעסטעטישן דאָן...

* * *

אין מיעכאָוו מאָלט דער פּראָסט גאָר וווּנדערלעכע פּייזאַזשן אויף די געפרוירענע ווייסע פענצטער. וועלדער, פעלדער, פאַנטאַסטישע בלו־מען, שפּיציקע בערג, באַדעקט מיט גלינצערנדיקן שניי און דערנעבן פּאַלמעס, שלאַנקע וויקסיקע פּאַלמעס פון אַ ווייט זוניק מזרח־לאַנד. אין אויוון פּלאַקערן נחתדיק די שייטלעך האָלץ. דער רבי לערנט חומש מיט זיינע תלמידים, מיט טוכענע היטעלעך און וואַטענע זשיפּעצעלעך... אייגעלעך גלאַנצן. אויף די פּראָסטיקע שויבן פאָרט דער קנעכט אליעזר אויף זיינע מיט עשירות־באַלאָדענע קעמלען אויסצוזוכן אַ ווייב פאַר יצחקן, זיין האַרס זון; אָט גייט אין ברענענדיקן מדבר אויף די הייסע זאַמדן, מיט אַ דאָרשטיקן גומען — די פאַראומערטע הגר, מיט אַ מידן טריט, און אויף איר רוקן איר קינד ישמעאל; אָט גייט אברהם אַ שמייכל־

דיקער, אַ מכנים־אורחדיקער אויפֿנעמען די מלאכים־געסט; אַט גלאַנצט, פֿינטלט לעבן ים־המלח די סטאַטוע פֿון זאַלץ: לוטס ווייב; אַט שטייט אין אַ העלער לבֿנה־נאַכט אַ דורכזיכטיקע קרישטאָלענע לייטער — יעקבֿס לייטער, וואָס דערגרייכט מיט אירע שטאַפּלען אין הימל אַריין...

ווינטערדיקע אָוונטן אין מיעכאָוו. פֿון חדר דרינגט אַרויס אין דער ווייסער ווייכער באַשנייטער וועלט אַ באַהאַרצט געזאַנג פֿון קינדערישע קולכלעך, משהלם שטימעלע צווישן זיי. קלמן־מענדל, דער רבי, האָט אַ שטאַרק מענעריש־ברוסט־קול. לערנט, טייטשט אײַן, מיטן גראָבן פֿינגער און געלן טייטל, זינגט צו מיט אַ האַרציקער צעצוויגענער מעלאָדיע:...

„...ואני, און איך בבואי, אַז איך בין געקומען, מפּדן אַרם, פֿון פּדן אַרם, מתה עלי רחל, — איז רחל מיר אַוועקגעשטאָרבן...״ קלמן־מענדל דערציילט זײַנע תּלמידים די אַלטע רירנדיקע געשיכטע פֿון דער שיינער גוטער אָנגעליטענער מאַמע רחל, וואָס ליגט אַליין אין אַ קבֿר, אַ תּחום־שבת אויפֿן וועג קיין בית־לחם; און דאָס האָט דאָך די השגחה אַליין באַשטימט:

„...וואָרום, אַז נבֿוזראַדן וועט פֿאַרטרײַבן די יידן אין גלות אַרײַן, וועלן זיי פֿאַרבײַגיין פֿאַר מוטער רחלס קבֿר...״ דאָ צעבליפּעט זיך דעם רבינס קול, און מ׳זעט באַשײַמפּערלעך: פֿאַרטריבענע יידן גייען, פֿאַרשמאַכטע, הונגעריקע, דורשטיקע, מידע, פֿאַרשטויבטע, צעבלוטיקטע, פֿיס און הענט פֿאַרוווּנדיקטע פֿון דערנער און שפּיציקע שטיינדלעך, — דאָס גייען די גולים־געפֿאַנגענע אין גלות־בבֿל, מיט קייטן אויף הענט און פֿיס, מיט מילשטיינער אויף די העלדזער, מיט טרוקענע, האָפֿענונגלאָזע אויגן... פֿון וואַנען קומט די הילף? איז דאָ אַ האָפֿענונג צו דעם איבערבלײַבעכץ? פּלוצים אַ בת־קול, אַ שטילע זיסע שטים פֿון מאַמע רחלס קבֿר, אַ שטים וואָס וואָרקעט ווי אַ טויב: — זייט געטרייסט, קינדער, זייט געטרייסט: — איר וועט צוריקקערן צו אייער גרענעץ... צו אייער גרענעץ...

בלויז פֿאַר דעם דאָזיקן האַרציקן פּירוש־רש״י אויף פּרשת ויחי זענען די קינדער גרייט מוחל צו זײַן פֿאַר די קלעפּ, סטוסאַקעס און שמיץ אויפֿן נאַקעטן, וואָס דער רבי קלמן־מענדל האָט זיי צוגעטיילט צוליב דעם געשוואָלענעם פּירוש פֿון דער פּרשה משפּטים. אָ, נישט ווייניק טרערן, נישט ווייניק מלקות האָבן די פּיצינקע יידעלעך געהאַט אויסצושטיין

פון אַט די האַרבע אויסטייטשעכצן פון די חוקים און משפּטים, וואָס זיי האָבן אַזוי שוואַך באַגריפן... דאָס קעפּל פון דעם חומש־יינגל ווערט אָבער נישט לויטערער פון דעם פּאַכעדיקן שמאַלציקן קאַנטשיק, וואָס האָט געשניטן פּאַסן אין הוילן לייב... און אַלץ צוליבן דרייגאַרנדיקן פּירוש אויף פּרשת משפּטים...

* * *

שבתי האָט זיך געפּרייט פון דערוויטנס, — ער איז געווען דעמאָלט אין טיפּלים, ווען משהל האָט אָנגעהייבן לערנען גמרא ביי מענדל לענטשיצער.

דער גמרא־מלמד מענדל לענטשיצער איז א ייד מיט אַ געלער גע־דיכטער באָרד, מיט א הייזעריק זעגנדיקן קול, און ‏א כעסן — סכנות נפשות! א פּראָסטער ישראל און אזא בייזער! דער ייד מיט דער געלער טאַבאַק־באָרד האָט די יינגלעך אָפּגעריסן פון דער שיינער פאַרחלומטער וועלט פון תנ"ך, פון די בלויע זוניקע מעשיות פון די אבות, פון די שופטים־גבורים, וואָס משפּטן ס'פאָלק אונטער טייטלביימער, פון די יידישע מלכים — די בראַווע קריגסלייט...

ר' מענדל לענטשיצער דאַרף דאָס די צעניאַריקע חמרה־לייט געבן צו פאַרשטיין די קאָמפּליצירטע פּראָצעדורן ווי אַזוי אָפּצוגטן אַן אשה; די אָנהייבנדיקע גמרא־בחורימלעך מוזן זיך פּאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון דער גילטיקייט פון א גט, וואָס מ'ברענגט פון יענער זייט ים... און נישט בלויז דאָס: משהל און די אַנדערע תלמידימלעך זאָגן נאָך און זינגען מיט מיט זילבערנע זינגעוודיקע קולכלעך: האשה נקנת בשלשה דרכים, בכסף, בשטר... און שטעלן דעם רבין די באַקאַנטע שאלה... און פאַר דער העזהדיקער פראַגע באַקומען זיי פון כעסניק ר' מענדלען א סטוסאַק מיטן הענטעלע זיינעם, וואָס האָט צוויי פאַרבויגענע פינגער, — געווען איז דאָס אַ „פעלער" כדי נישט דאַרפן דינען ביי פאָניען... פון אזא איבערגיין מיט די ביינערדיקע פינגער אויף דער פּלייצע האָבן די יינגלעך געפילט דעם אמתן טעם.

ס'איז זומער אויף גאַטס שיינער וועלט. די פענצטער פון חדר

שטייען אויפגעפּראַלטע. הייסע תמוז־טעג. דרויסן איז אזא ליכטיקע מאַט־בלויע וועלט. ארום דעם יעזשעלקע־בוים ראַיען בינען; דאָרט ווו ס'ענדיקט זיך דער לאַנגער הויף פון חדר, לויפט גיך און מורמלנדיק אַ דורכזיכטיק טייכל; אַ בערדיקער שטריקלפלעכטער פלעכט פון פלאַקס גראָבע געלב־לעכע שטריק; אויף יענער זייט פלויט — דער לוסט־גאָרטן: ברייט־בלעטערדיקע דעמבעס, ווייסע בעריאָזעס און קאַשטאַנעס מיט קאנדע־ליאברע־פאָרמיקע פירות; זאַנוול פורמאַן פירט זיין נייעם קאַפריזנעם לאַשעק מיט אַ נייעם שטריק אָנצוטרינקען ביים טייכל... דעם רבין איז היים, און ער דרייט זיך ארום אין הוילן וועסטל ארום זיינע תלמידים, פאַרשפאַרטע אין דער תפיסה פונעם לאַנגן פינצטערלעכן חדר־צימער, אַ בייזער און אַן אָנגעדרודלטער, ביי אָפּעגע גמרות, אזא המימה און אַזוינע שווערע גמרות... איזה נשך ואיזה תרבית, וואָס איז אַזוינס אַ „ביסיקער" פּראַצענט, און וואָס איז אַזוינס אַ פּראָסטער פּראָצענט?... זאָג, שייגעץ, זאָג! און דאָ האָט זיך משהל, וואָס זיצט ביים פענצטער פאַרקוקט ווי חנהלע דעם רבינס, חנהלע מיט די שוואַרצע צעפּלעך, הענגט אויף וועש אויף אַ שטריקל און אַ מילד ווינטל פונעם לוסטגאָרטן שטיפט מיט איר קליידל...

דעם רבינס קול ווי אַ זשומען פון אַ זלידנער פליג און... אַ פּלעם אונטער די אויערן און אַ בויקער מיט די ביינערדיקע צוויי פינגער; — שייגעץ, וואָס מיינט די גמרא? הע, שייגעץ?

ר' מענדל לענטשיצער לאָזט נישט אָנכאַפּן זיך אין דעם רעטונג־בריקל: דעם פירוש־רשי; דער בייזער ייד מיטן מום לייגט ארויף זיין האָריקע יד אויפן פירוש... נישט איין מאָל האָט די יינגלעך דער גוטער רשי פון פרשת ויחי אָפּגעראַטעוועט די גמרא־בחורים פון פּעטש און פון בזיונות...

לאַנג זענען די זומערדיקע נאָכמיטאָגן אין דושנעם חדר, לאַנג ווי דער פינצטערער יידישער גלות. אַ גליק נאָר, וואָס דער רבי האָט אַ גאָר וואַזשנעם איינגעגעסענעם מיחוש, און זיין „מכין"־זיין געדויערט היפּש לאַנג. און די חדר־יינגלעך כאַפּן אָפּ אַביסל דעם אָטעם... מ'כאַפּט זיך ארויס דרויסן זען, ווי זאַנוול פורמאַנס לאַשעק כראָמדזשעט היי, און פאַרוואָס נישט רייסן קיין האָר פון לאַשעקס ווידל אויף סטרונעס? פאַר־

וואָס נישט פּרוּוון טרייסלען ליעזשעלקעס פון הויכן בוים? פאַרוואָס נישט פּרוּוון רייטן אויף שריבניקס באָק? דערוויילן איז דער רבי זיך מכין, לעבן זאָל דעם רבינס מיחוש! זאָל מען גענישן פון פרייהייט, וואָרום באַלד וועט ער זיך מחמת בייזקייט גאָר נעמען נוקס זיין אין די צעפּלאָ־שעטע תלמידים זיינע מיט א ר״ן, מיט א פאַרפּלאָנטערטן רשב״ם און אפשר גאָר מיט תוספות, וואָס איז גראָד צוגעפּאַסט פאַר אזא חמימהדיקן נאָכמיטאָג...

* * *

יאָרן גייען. משהל געפינט זיך שוין צווישן בחורים פון דרייצן־פערצן יאָר, שוין אריבער די גרענעץ פון ברוך־שפּטרני. מ׳לערנט שוין שיעור פאַר זיך אין גרויסן בית־מדרש; די דינטשיקע קולות פון די מיט התמדה־לערנענדיקע בחורימלעך צעגייען זיך מיט מתיקות ארוים אין שנייאיקן דרויסן פון דער קאַלטער טבת־נאַכט... אוי, זה אומר, אוי זה אומר אני מצאתיהו... איז דער דין, אוי איז דער דין, יחלוקו, יחלוקו... און די יונגע תורהדיקע פּנימער פלאַמען ביים שיין פון די גרויסע בייכיקע בליצלאָמפּן...

משהל טראָגט שוין דעם עול של תורה און געהערט שוין צו די צאַרטע פאַרחלומטע און אין אלערליי מחשבותן זיך גריבלענדיקע בית־מדרש־בחורימלעך... יענע הייליקע ביבלישע געשטאַלטן נעמען אָן די פאָרעם פון פלייש און ביין. די רות פון די פעלדער פון בית־לחם איז א שיינע הויכוויקסיקע בלאָנדע דאָרפישע מויד; מ׳טראַכט פון די תמרים און פון די שולמיתן, וואָס וואַנדערן אין דעם ווייטן־נאָענטן וואַרעמען לאַנד ארץ ישראל, — דעם לאַנד פון טייטלען און פייגנביימער... מ׳ווייסט שוין אלץ... שאַרפע יידישע קעפּלעך, ווערן פרי צייטיק... און אויף חנהלע דעם רבינס, דעם פעטינקען מיידעלע קוקט מען מיט אזא יינגלשער גלום־טעניש; חנהלע — דאָס איז דאָך די שולמית, די שיינע טאָכטער פון ירושלים, וואָס האָט גרויסע שווארצע אויגן, צוויי דיקע שווארצע צעפּ, איר וועט מען דאָס קושן אויפן קאַרשן־מויל, אָט ווי אזוי טוען הינטערן סטאַוו די קצבים־יונגען, די פישער־יונגען מיט זייערע מיידן, אָט אזוי ווי אין שיר־השירים.

משהל ווייסט שוין אפילו, אז רשים אויסטייטש פון שיר־השירים איז זיך א טייטש פאר פרומע אלטע יידן, פאר פרומע ווייבער, פאר דער תהילים־זאָגערין רייצע און פאר דער עלטער־מומען זיסל, וואָס האַלט אים אין איין מוסרן, וואָס ר'איז נישט גענוג פרום, און וואָס ער טראָגט נישט דעםברייטן סאמעטענעם קאַשקעט שבת, ווי ס'פּאסט פאר ר'הער־שעלעם אן אייניקל, וואָס ער פארשלינגט דאָס דאווענען ווי א היים טייגעכץ, און וואָס זי זעט ארויס — הלוואי זאָל זי זאָגן ליגן, — ר'וועט נישט ווערן קיין לייט...

אוי, זי איז גערעכט געווען די עלטער־מומע מיט דער פרומער צדיקת־דיקער קופּקע און מיטן שטרענגן מוסרדיקן האָריקן ווערצעלע אויפן דינעם אויבער־ליפּעלע.

נישט בלויז דאָס בחורל פון פערצן יאָר פארטייטשט שיר־השירים פּשוטו כמשמעו, נאָר ער און גרשון גנבנען זיך אמאָל אריין אין קיך צום דינסטמיידל, דער שיינער שרטשען, א מיידל טאַקע פון שיר־השירים ארויס, א מיידל אַזאַ ליכטיקע, מיט אַזאַ וואַרעמען בויגעוודיקן קערפּער, ווי די פולע אָנגעגאָסענע ווייצנקערנער פון אירע פעלדער ארום אָזערקעוו. און יאָ, פארצאָרנטע מוסר־זאָגנדיקע עלטער־מומע: שרטשע איז א גוטע, זי האָט געגלעט דעם זינדיקן בחורל די געקרייזלטע האָר און געוועקט אין אים הרהורי־עבירה...

משהל האָט זיך טאַקע געפילט אביסל זינדיק, און געוואָלט איבער־בעטן אין האַרצן רשין, דעם גרויסן גוטן רשין פארן האָבן איבערגעביטן דעם וווּנדערלעכן זינג־זאנג־פּירוש אויף שיר־השירים, ווו ער האָט פאר־גליכן די געליבטע שולמית מיט דער כנסת ישראל...

דאָס גמרא־בחורל פון קרוב פופצן יאָר און די שרטשע פון שטעטל לעבן אָזערקעוו האָט נישט אויסגעטייטשט: „...זאָגט די כנסת ישראל צו דער שכינה... ישקני מנשיקות פּיהו".

די עלטער־מומע מיט דער שבת־מוסר־קופּקע און מיטן האָריקן ווער־צעלע אויף דער אייבערשטער ליפּ איז נעבעך זייער גערעכט געווען. — משהל איז קאַליע געוואָרן...

כײקעלען א גנעזאנג

משהל לערנט שױן א בלאט גמרא פאר זיך, א טשעקאװע פארחלומט בחורל, א בחורל מיט פאהקעלעך מיט גרױסע װײסערישע אױגן, א בחורל װאס פארטראכט זיך פארחושט איבער א זאפטיקן מאמר פון סדר נשים, צעשאקלט זיך און צעזינגט זיך: ... אין בן דוד בא, אױ, אין בן דוד בא, משיח װעט נישט קומען, משיח װעט נישט קומען, עד שיכלו, עד שיכלו, ביז ס׳װעלן זיך פארענדיקן, דאס װיל זאגן, ביז זײ װעלן געבױרן װערן, כל הנשמות שבגוף, ביז ס׳װעלן געבױרן װערן אלע נשמות פון אוצר הנשמות... תניא, רבי אלעזר אומר, כל מי שאין עוסק בפריה ורביה, כאילו שופך דמים, פונקט װי ער װאלט פארגאסן בלוט, שנאמר, װײל ס׳שטײט געשריבן: שופך דם אדם באדם דמו ישפך, װעט זײן בלוט פארגאסן װערן... בען עזאי אומר, אױ, בן עזאי זאגט: כאילו שופך דמים, פונקט װי ער װאלט פארגאסן בלוט, וממעט את הדמות, און פארמינערט גאטס געשטאלט... אמר להם, האט ער זײ געזאגט, ומה אעשה, און װאס זאל איך טון, שנפשי חשקה בתורה, אז מײן נפש גלוסט צו דער תורה...?

שאקלט זיך דאס בחורל און צעזינגט זיך אזױ ברײט און אזױ װארעם און זײנע מחשבות װאנדערן אװעק פון דער מסכתא יבמות צו כײקעלע דעם בלאנדן מײדל פון זײן רבין, ר׳ מענדל לאסקער, דעם הױכן בלאנדן סאכאטשאװער חסיד, װאס האט א באזונדערן דרך אין לערנען.

מאדנע דרכים און אױסטערלישע אופנים פון לערנען בײ ר׳ מענדלען לאסקער. װארום דער רבי ר׳ אברהמל סאכאטשאװער האט געזאגט, אז דער עיקר פון לימוד־התורה איז די הנאה פון דער תורה, נישט פײניקן זיך מיט דער תורה, װארום דער יצר־טוב גרױסט זיך מיט דער שמחה, מיטן תענוג פון לימוד התורה.

און ס׳איז שבועות־צייט אויף גאָטס שיינער גרינער, בליענדיקער און שמעקנדיקער וועלט; זאָגט ר׳ מענדל לאָסקער צום טשעקאַוון בחורל, אז ר׳קען קומען צום שיעור כעלות־החמה, אפילו פיר אזייגער, ווען ס׳זע־נען נאָך נאס די גראָזן. און ר׳ מענדלס שטיבלס פענצטער גייען אריין אין סאָד, דעם בלינדן שמואלס סאָד. און שבועות־צייט ווינקען אין ר׳ מענדלס שטיבל אריין גרינע בייכיקע אגרעסן, קארשן פולענקע, און מאַלינע־קוסטעס...

איבער גאסן און געסלעך פון מיעכאָוו שיינט א נייע אויסגעבאָדענע זון און משהל גנבעט זיך אריין שטילינקערהייט דורך דער אָפענער פאָרטקע פון דעם נידעריקן הילצערנעם שטיבל. ר׳ מענדל איז שוין לאנג אויף; כעלות החמה האָט ר׳ מענדל ליב צו פראַווענען התבודדות, ערגעץ אין א ווינקל פון סאָד, און דאָס בחורל גייט אויף די שפיץ פינגער, כאַפּט א גיכן קוק צום בעטל ווו כייקעלע שלאָפט נאָך, אָטעמט היים, — פרילינג־דערוואכט איז משהל, „וויים־שוין" איז ער טשעקאַווע אויפן אָפּגעדעקטן כייקעלע... עס איז זינדיק, אָבער א קוק־טון אין אלקערל, קען זיך ס׳בחורל נישט איינהאלטן...

אן אויסגעבאָדענער, — פון מקוה אָדער פון טייכל, — קומט אָקעגן ר׳ מענדל דעם תלמיד, זיין באָרד איז ווייך, ס׳קול איז א ווייכס, און אָנשטאָט צו זעצן זיך אויף דער לאַנגער באנק ביים טישל, וואָס שטייט ביים פענצטערל, האלט ער גאָר, אז מ׳דארף גיין צווישן די גראָזן הערן די שפּראַך פון די פייגל און באוואונדערן גאָטס גרויסקייט.

ר׳ מענדלס דרך פון לערנען, האָט פיינט טרוקענע הלכה, וואָס די נשמה האָט נישט פון דעם קיין שום הנאה, וואָס דאָס ברענגט לידי עצבות, וואָרום ר׳ פּפּא האָט געזאָגט: אין עצבות לפני המקום, נישטאָ קיין טרויער ביים אייבערשטן, שנאמר, עס שטייט געשריבן: עוז וחדוה במקומו, שטאַר־קייט און פרייד איז ביי אים, ביי אים... און ר׳ מענדל הייבט אָן דעם שיעור אזוי צו זאָגן: — זע, משהל, די וועלט איז אויפגעוואכט פון דער השכות, זע, די וועלט האָט זיך ארומגעוואשן מיט דעם ריינינקן, לויטערן טל השמים, די וועלט איז ציכטיק, קלאָר קרישטאָל־ריין, אָ גרייטע צו לויבן, צו גרויסן, צו אכפערן דעם קודשא ברוך הוא, וואָס האָט זי באַשאַפן מיט חכמה,

מיט פאַרשטענדיקייט, וויסן, מיט גבורה, מיט געגאָר און מיט רחמים. און יעדעס גרעזל, יעדעס צווייגל, יעדעס בלעטל, יעדעס רמשל, יעדעס בלימעלע זינגט א שבח צו דעם וואָס איז מחדש מעשה בראשית בכל יום ויום, בכל רגע ורגע. לית אתר, נישטאָ קיין אָרט, פנוי מניה, וואָס איז ליידיק פון אים. און די שירה איז פון די גראָזן, פון די קוזשאַקעס, די פייגעלעך אין די נעסטן, און דיביימער עד לב השמים, און להבדיל די זשאַבעס אין די ראָוון, די גרילן אין די שפּאַלטן, אַלע זינגען הודיה דעם מלא כל הארץ כבודו; און די זון אין מזרח איז פול מיט שירה, און דאָס טייכל מיט דער מורמלנדיקער שטים; און אוודאי דער ייד, וואָס איז זיך משכים און פלייסיקט זיך אים צו דינען, אים, אים, אים, וואָס מיר האָבן ליב בכל נפשנו ומאודנו, מיט דער זעלבער תשוקה און ליבשאַפט פון א חתן המנשק את הכלה פה אל פה. אזוי דאַנקען מיר דיר, רבונא דעלמא כולא; זע, משהל, ווי שאַף פריש־געוואַשענע, אזוי שיין, אזוי ליבלעך זענען די קאַרשעלעך, די טרושקאַווקעלעך, הקדוש ברוך הוא, דערפאַר אַכפּערן מיר דיך, דערפאַר ליבן מיר דיך, ווי חתן המנשק את הכלה פה אל פה... צעזינגט זיך ר׳מענדל לאַסקער: בכל אתר ואתר, אין יעדן אָרט, איז דאָ דער שעפער פון דער וועלט, צו וועלבן מיר דינען, בכל נפשך ובכל מאודך... און דאָס, בחורל, וואָס מיר רעדן דאָ, איז אויך אַן עבודה פאַר זיין הייליקן נאָמען, דאָס גרויסן זיינע מעשים איז במקום תפילה. מ׳דאַרף נאָר באַוווּנדערן גאָטס ווערק, איז פּונקט ווי מ׳וואָלט אים גע־דינט. בכל אתר ואתר איז דאָ ער, ער, ער, ער איז אפילו דאָ אין ראָזאָוועןרעטעכל, אינעם גרינעם אונערקעלע, און אין דעם פרישן ווינטל, וואָס דו אָטעמסט איין, און אין דינעם קונציקן שפּינוועבעכל, משהל.... און איצט, בחורל, קענען מיר שוין עפּעס טועם־זיין...

אזוי לערנט ר׳ מענדל לאַסקער תורה בעל פה מיט משהל שבתים. און משהל זאַפּט איין אין זיך די זאַפטיקע תורה פון זיין רבין צוזאַמען מיט אברהמל סאָבעטשאָווערס א פאַרבענקטן ניגון, צוזאַמען מיט די ריחות פון דעם בלינדן שמואלס וועלטשינע ניס, צוזאַמען מיט די וואַרע־מע אויגן פון בייקעלען, צוזאַמען מיט די ווייבע קרייזלען אירע, צוזאַמען מיט אַלע אירע פולע געשמאַקע אברים.

און ס׳איז אַלץ נאָך שבועות־צייט אין מיעבאָוו. עס שמעקט מיט

„שטשיפּיאָרעק" מיט סוואָרעך, מיט געדיכטן שמאַנט און קעז, מיט קילער פּוטער געוויקלט אין גרינעם קרויטבלאַט, עס שמעקט מיט נייע קאַרטאָ־פּעלעך, מיט זויער־זיסן קאַרשנבאָרשט; עס שמעקט מיט דערקוויקנדיקער זויער־מילך, מיט בייסנדיקן און דאָרשט־שטילנדיקן שטשאַוו־באָרשט, — און מיט די באַטעמטע ליפּעלעך בייקעלעס.

און ר' מענדל לערנט בעלות החמה, און משהל קומט אזוי גערן צום שיעור... דינען דאַרף מען אים, און ליב האָבן כמו החתן שמנשק את הכלה, פּה אל פּה... כל עצמותי תאמרנה, אלע ביינער, אלע רמח אברים זענען דאָ, דערצו באַשאַפן געוואָרן, צו זינגען דעם שבח־ והודיה ביום ובלילה... און בייקעלע שטייט פון דערוויייטנס און איר גופל ווינקט און מאַניעט.

און זומער־צייט אין סאַד ‏‏לעבן ר' מענדל לאַסקערס איינגעבויגן שטיבל: — ווייסע זומער־עפּל מיט זייער זיסער מעליקייט ווינקען אין פענצטערל אריין; די ערשטע זומער־באַרלעך צעגייען מיט זייער באַ־טעמטקייט אין מויל, דער סאָלאָוויי צעזינגט זיך, די שוואַלב שניידט א פריידיקע אין הימל אריין, דער באַטשאַן האָט שוין קינדערלעך מיט דינע שלאַנקע פיסעלעך אונטער דער סטריכווע פון דעם בלינדן שמואלס סטאָדעלע אויפגעהאָדעוועט; און עס שמעקט מיט זאַפטיקע שבתדיקע יאַגדע־סדאָניקעס, מיט געוויקלטן עפּל־קוכן, מיט פעטן ברעזלדיקן פּוטער־קוכן, מיט זון־אָנגעזעטיקטן, באַשאָטנטן פּרק־דיקן שינה־בשבת־תענוג־דיקן נאָכמיטאָג, מיט קילן קוואַס, שטאַרקן טיי, מיט מאַלינע־זאַפט און סאָדע־וואַסער — און מיט בייקעלעס צעקעמטע פּאַרגלעטע, צעפּלאָכטענע צעפּעלעך, פון דערוויייטנס, ווייל דאָס בחורל איז געזעסן מיט ר' מענדל לאַסקער אויף א באַנק אונטער א ברייטן פּאַרצווייגטן קאַשטנבוים און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד וועגן מעשה מרכבה, וועגן די חיות־הקודש, וועגן די הימלען, צו וועלכע ס'איז א מהלך פון ת"ק יאָר, וועגן קמצא און בר קמצא, איבער וועלכע ס'איז חרוב געוואָרן ירושלים, און וועגן דעם תרנגולא ותרנגולתא, דעם האָן און דער הון פון וועגן וועלכע ס'איז חרוב געוואָרן טור־מלכא, און וועגן דער אשקא דריספּק, דער אקס פון וואָגן, פון וועגן וועלכע ס'איז צעשטערט געוואָרן ביתר, — און: — בייקעלע, שבת־אויבס!

און כייקעלע באותו־רגע ברענגט דאָס קיישל מכל־המינים: פלוימען בלויע, פלוימען ברוינע, קארשן שווארצבלויע, קארשן רויטע און פריציי־טיקע ווייכע בארעלעך. איז ר׳ מענדל לאָסקער מכבד משהלען און צערעדט זיך וועגן די פארשידענע מיני פירות, וואָרום ר׳ מנחם מענדל דער קאָצקער האָט געזאָגט: אזוי ווי ס׳זענען דאָ פארשידענע פרצופים ביי אלע, וואָס דער אויבערשטער האָט געשאפן, אזוי זענען אויך די דעות פון מענטשן, אָבער דער אין הימל פאראייניקט די דעה, ווען מ׳דארף מאכן א ברכה אויף זיין גאָב, און ווער מאכט נאָך אזוי שיין א ברכה ווי עמך ישראל, און כל העולם לא נברא אלא בשביל ישראל, כדי ס׳זאָל זיין ווער ס׳זאָל כנהוג מאכן א ברכה...

און ס׳בחורל האָט גאָר געטראכט בשעת־מעשה וועגן דעם פרישן בלאָנדן ווארעמען שבתדיקן כייקעלען, וואָס איז געשטאנען פון דער־ווייטנס...

און א זמרל א גרינגס איז אויפגעגאנגען אין דעם בחורל אין דעם ליכטיקן נאָכמיטאָג פון דער מנוחהדיקער אויסגעוואשענער, זונגעבאָדע־נער, פירות־באלאָדענער און שבתדיקער וועלט. אין ר׳ מענדל לאָסקערס און כייקעלעס ווארעמער היימישער וועלט...

און די אהבה צום בורא דעלמא כולא מוז זיין, כמו חתן המנשק את הכלה פה אל פה, זינגט זיך ביי משהלען אין הארצן אזוי טיף, אזוי אינערלעך טיף און אלע רמ״ח אברים זינגען כייקעלען א געזאנג...

שבתי-נחומס שבת-יומטובדיקייט

אז שבתי נחומס קומט אַהיים, משוט באַרץ, פון זיינע ווייטע רייזע־מסחרים, פון זיין נישט־קענען תמיד דאווענען בציבור, פון נישט־קענען אָפּהיטן יידישקייט כנהוג, פון טונקען זיך אין גויאישקער וואָכעדיקייט, — אַזויבאַלד ווי ער טרעט נאָר איבער דעם גבול פון מיעכאָוו, פירט ער זיך ווידער ווי אַ יידישער ייד, מיט יידישער הלבשה, יידישע רייד. תיכף ומיד וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ דעם גויאישקן נאָמען: מאַנדעלבוים — דער מסחר־נאָמען. דער ריכטיקער נאָמען איז דעם טאַטנס ע״ה, שבתי נחומס מיט דער זיידענער זשיפּיצע, מיט די זיידענע מחשבות, שבתי נחומס וואָס גיט זיך אַ כאַפּ אַריבער אין גער, ווייל בלויז דער עצם ענין פון פאָרן צום רבין איז אַ תיקון, וואָרום דער שפת אמת, זכר צדיק לברכה, האָט געפלעגט זאָגן, אַז וואָס נענטער דער חסיד איז צום צדיק, וואָס ליכטיקער ווערט אים אויף דער נשמה, וואָס העכער ווערט זיין מעמד־רוחני און די השפעה בחסד עליון.

בלויז דעמאָלט, ווען ר׳איז אין עגול פון זיין יידישער היים, רעכנט זיך שבתי נחומס בבחינת מענטש, בלויז דעמאָלט הערשט אויף אים די קדושה פון שבת־יומטובדיקייט, בלויז דעמאָלט איז ער אַ מענטש.

און אַז די מלכה שבת קומט אַריין אין זיין שטוב — צעוואַרעמט ער זיך מיט אַ ניגון אַזאַ ברייטן, אַזאַ ברוסטיקן, אַזאַ ברומענדיק־ליבלעכן, און אַז ער קומט אַהיים פון שטיבל, עפנט ער די טיר פון שטוב, זאָגט אַריין אין דער שבתדיקער ליכטיקייט: — גוט שבת, זלאַטעלע, גוט שבת, קינדער! און די היים שמעקט מיט פרישן פייכטן ווייסן זאַמד, מיט פרישער חלה, מיט הייליקע פלעמלעך פון זלאַטעס זיבן פינקלנדיקע ליכט, און: גוט שבת, זלאַטעלע, גוט שבת, קינדער!

און די הענט פארלייגט אויף הינטן מחמת שבתדיקן תענוג, און די ליכט גלאַנצן און שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם ברייטן גבירישן שטריימל, מיט דער נייער ווייכער זײַדענער זשיפּיצע. אַלץ זאָגט מיט, די פרישע חלות, די לייכטער אין דער קאַנדעליאַברע, דאָס ווייסע טישטעך, די פריש־איבערגעצויגענע ציכן, אַלץ זאָגט: שלום עליכם, עליכם שלום, מלאכי השלום, זאָלן זיי זײַן געגריסט די מלאכים פון פרידן, און אוודאי שוועבן זיי די מלאכי השלום און שבתים וווינונג, אין יעדער ייִדישער שטוב. און ווער איז די אשת חיל מי ימצא? נישט קיין אַנדערע ווי זלאַטע, זלאַ־טעלע, געוועזן אַזוי ווײַט פון איר, אין פרעמדער גויאישקייט! — גייט שבתי נחומס אַרײַן אין התלהבותדיקער גוטסקייט און צעזינגט זיך, צע־ברומט זיך אַזוי ברייט, ברייטהאַרציק, ורחוק מפּנינים מכרה, טייערער ווי פּערל איז איר ווערט, זלאַטע, נ׳אוודאי זלאַטע... פון הינטער חלה־טישטעכל שמעקן די חלות, דער וויין אין דער קאַראַפינקע זאָגט אויך שלום עליכם, אין קיך שמעקן די פיש, שמעקט די יויך, קילט זיך אָפּ דער ברעזלדיקער פּוטערקיכן, און ווער איז די אשת חיל, זלאַטע, נ׳אוודאי זלאַטעלע! דו האָסט דאָך אַרײַנגעבראַכט אַזאַ הייליקע ליכטיקע קדושה אין שטוב אַרײַן, דו, זלאַטע...

און דאָס איז אַזאַ נישט־דערזאָגט לויבגעזאַנג איר, די קינדערלעך, זינגט אַרום דורכן קידוש, דורכן אומר בשבחין למעל גו פּתחין, די טירן פון פרייד זענען געוועזן געשלאָסן, די טירן פון גן־עדן זענען פאַרבאָרגן, דאַרף מען זיי עפענען, זיי געפינען, כדי אַרײַנצוקומען אינעווייניק. און, אוי, אוי, מ׳דאַרף וויסן, למעל גו פּתחין, ווי אַזוי צו עפענען. און אַרײַנ־קומען אין די טירן מוז מען מיט אַ ניגון, מיט אַ הויכן און אַ נידעריקן און אַ מיטעלן ניגון...

אין אויוון זינגט דער טשייניק, וואַרעם פלעמלען די זיבן ליכטער, די שבתדיקע מאכלים זענען דאָך פול מיט תענוגים, און זלאַטעס מייערן־צימעס, טעם־גן־עדן! און גלעטנדיקע וואַרעמקייט פון אַלע ווינקלען, — היינט געוועזן אַזאַ מחיהדיקע מקוה, ממש מחיה נפשות, אהבה בתענוגים, ומה יפה ומה נעמת. שבתי נחומס נעמט אַרום אַזאַ חדוה, אַזאַ תשוקה, און זלאַטע קומט אים ווי אַ כלה אַנטקעגן, — חדשים־לאַנג נישט־געוועזן אין דער היים, נחומל שוין אָפּגעוווינט, שלאָפט אין ווינקעלע... און מלא

חן איז זי. זלאטעלע... אָבער צוערשט מוז מען מחנך־זיין משהלען, מעין־זיין אין זוהר. — קום אַהער, משהל, דו לערנסט שוין גמרא, מענדל לאָסקער האָט מיר אָפּגעגעבן א גרוס פון דיין קענען, וועסטו שוין אויך פארשטיין, יעדער ייד מוז זיך באָדן אין די רזין דרזין...

און ס׳זינגט דער פלאם אין דעם בליצלאָמפּ, און ס׳פרייט זיך דער בייכיקער טשייניק אין אויוון; הייליקער טשייניק, הייליקער שבתדיקער טיי, בין איך געהייליקט דעם גומען פון שבתי נחומס און זיין הויזגעזונט צו דערקוויקן אים מיט אַ גלעזל מים חמים. שרטשע די אָזערקאָווער דינסט שורשעט מיט דער ווייסער געקארבטער שערץ, און אירע וואַרעמע אָזער־קאָווער קאָרנברויט־באַקן לאכן און ווינקען, משהל ווערט רויט איבער די אויערן; שרטשע וויגט מיט די היפטן, און אלץ לאכט ביי איר: די ביר־אויגן, די ווייסע קיילעכדיקע אָרעמס, שבתי נחומס פארזשמורעטע אזש די אויגן, ווען זי בייגט זיך איין, און מ׳זעט דעם אויסשניט פאָרנט, אָנצוגיסן דעם באַלעבאָס א גלאָז טיי, פארגרויטלט מיט סענץ.

אין דרויסן איז די נאַכט אזוי ווייס, שניי הילט איין מיעכאָווער דעכער, מיעכאָווער גאסן זענען אויסגעבעט מיט ווייסער ווייכער וואטע. שבתדיק איז איינגעשלאָפן מיעכאָוו, קיין מענטשלעכער טריט וועט אים נישט באפלעקן דעם ווייסן ווייכן שניי, וואָס טוליעט זיך היימיש צו די איינגעשלאָפענע שבתדיקע יידישע הייזער... און עס לאכט דער פלאָם אין בליצלאָמפּ, עס זשומעט דער בייכיקער טשייניק, עס טאַנצן שוין דאָס לעצטע טענצל די פלעמלעך אין די שבתדיקע לייכטער, און דער ניגון פון זוהר, שבתי נחומס דבקותדיקער ניגון צעגיסט זיך אין אלע רמ״ח אברים: ... תא חזי, קום און זע, פתח רב שמעון בר יוחאי, האָט אָנגעהויבן ר׳ שמעון דער זון פון יוחאי, אז ס׳קומט אָן די נאַכט, שפּרייט אוים אירע פליגל אויף דער וועלט, אוי, אוי, לילה, וויל די נאַכט אריינ־נעמען אין ממשלה פון שלעכטס, קומט, בוקר, אתא בוקר, הערשט אורא, ליכטיקייט בעלמא דהוי, אין דער וועלט, און לעתיד לבוא וועט קומען אייביקער טאָג, אייביקע זון...

ניגונים מישן זיך, זלאַטע וויגט איין ברייינדעלען:

שלאָף, מיין טאָכטער, שיינע פיינע,
אין דיין וויגעלע...

משהל דרייט זיך אומרואיק די פּאהלעך, ער ווייסט, אין קיך פּאַרעט זיך משה גרשון דער קצב־יונג, דער מיטן גלאַנציקן דאשעק, מיט שרטשען: משהל איז אים מקנא, האָט אים אפילו פיינט, תכלית השנאה. משהל הערט שוין נישט דעם טאַטנס זוהר־ניגון, נאָר זיין געהער איז אָנגע־שאַרפט אויף דעם וואָס פּאסירט אין קיך, ווען ס'געשעט א נס און עפּעס א מלאך שלעפּט ארוים דעם יונג, אוועק פון שרטשען, וואָס קייט זיינע האָניק־מאַנדלעך, פּאטשט אים איבער די הענט; ער, משהל, ווייסט דאָס אלץ. גרשון דעם טאַטנס ברודער האָט אים שוין וועגן דעם אלץ אויפ־געקלערט...

שבתי נחומס וואָלט אפשר אויך פּאראיבל געהאט, סטייטש, אזא הפקרות, אָבער ס'איז נישט זיין מידה זיך ארייננצומישן אין פרעמדע אויפפירעכצן; אמאָל האָט ער געמוסרט זיין יינגערן ברודער, משהל האָט דאָס אויך געהערט, אז א מענטש דארף זיך אויפפירן ריין, מיט ריינע מחשבות, ווייל דאָס איז דער עיקר; איצט איז ער אין עולמות און האָט תרעומות, וואָס דאָרטן אין קיך פירט מען אים אראָפּ פון די ריינע קדושהדיקע רעיונות.

שבתי נחומס ניגון זאָגט דעריבער מוסרדיק: — אמר ר' אליעזר, האָט ר' אליעזר געזאָגט, תא חזי, קום און זע, דער מענטש דארף זיין שטאַרק ווי א לייב, כדי עס זאָל נישט קענען שולט זיין אויף אים דער רוח הטומאה, דער בר־נש מוז אָפּהיטן זיין מדרגה, זיינע ניצוצות, די פונקען של קדושה, ועוד אמר ר' אליעזר בר יוחאי: דער יצר־הטוב גע־ניסט די שמחה פון לערנען תורה און דער יצר־הרע, בעונותנו הרבים — די שמחה פון שכרות ניאוף רחמנא ליצלן...

די פלעמלעך פון די שבתדיקע ליכט האָבן שוין אָפּגעצאַנקט, געענ־דיקט זייער קורץ לעבן, בריינדעלע איז איינגעשלאָפן; משה־גרשון איז שוין אוועק און זיינע שטיוול לאָזן טיפע צייכנס אין דעם ריינעם שבת־דיקן שניי; משהל ליגט אויפן געלעגער און קען נישט איינשלאָפן; זלאטע דרעמלט אויפן ראנד פון בעט אן איינגעקאַרטשעטע און מחשבות זרות באַמבלען זיך אין די רעיונות: — זלאַטע, זלאַטעלע, פּתח ר' עקיבא, האָט ר' עקיבא אָנגעהויבן: צריך בר־נש, עס דארף דער בר־נש, לאהוב את יוצרו, ליב צו האָבן דעם שעפער, אוי, אהבה, אהבה... מחשבות

זרות: און ווער ס׳באַהעפט זיך מיט זיין פרוי, דאַרף ער פאַר דעם, צריך לפּיסה, רעדן צו איר רייד פון ליבע, זאָגן איר, למשל, ס׳איז נישטאָ קיין שענערס אויף דער וועלט, אַזוי אַרום וועלן ווערן געבוירן בנים הגונים, רעכטפאַרטיקע קינדער...

שבתי נחומס דערנענטערט זיך צו איר, ברומט דעם חידושי הרי״מס אַ ניגון: השמים, שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם, כדי זי אויפצוהייבן צו די הויכקייטן פון די הימלען... דער טשייניק זידט לעבעדיק און פריילעך: — איר שלאָפט און איך בין אויף... דער פלאַם אין בליצלאָמפּ טאַנצט און ווינקט, ווינקט: — איך גיי אויס, כ׳גיי, גיי־אויס, כ׳גיי אויס, אויס, אויס, אויס... שבתי נחומס טאַפּט אין דער פינצטער דעם וועג צום געלעגער, מורמלט, זלאַטע, זלאַטעלע, צריך לפּיס אותה... און ס׳הילט זיי איין די וואַרעמע פּרייטיקצונאַכטיקע פינצטערניש...

דער יום-טוב פֿון פֿרייהייט

פֿריילינג־ווינטלעך טראָגן זיך איבער פּוילן דער מדינה; די זון איז שוין אַ וואַרעמע, אַ לינדע און איז שוין בכוח בייצוקומען די האַרטסטע פֿאַר־עקשנטסטע ווינטער־שנייען, וואָס אַ טאָג מער גריזשעט זי פֿון זיי שטיקער, נאָגט זיי, שמעלצט צו וואַסערן, וואָס רינען רווישיק און רעשיק אַראָפּ, אַראָפּ צו די טייכן, וואָס ווערן געשוואָלן און ברעכן די געקאָוועטע ווינ־טערדיקע דעקן; די לינדע סוף־מאַרץ־ווינטלעך לאָזן נישט מער צו די קאַלטע צפֿון־ווינטן, האָבן פֿיינט די ווינטערדיקע טויטע ווייסקייט. קודם כּל: לאָמיר זען ערד און דערנאָך וועלן שוין איילן שפּיצעלעך גרעזעלעך, מיר וועלן זייערע קעפּעלעך קושן, טאָ וועלן זיי שוין וואַקסן, וועלן זיי שפּראָצן די קנאָספּעלעך ביי די בעזביימער, עס וועט שוין זיין אַ גרינע באַקליידטע און זינגענדיקע וועלט. די לינדע ווינטלעך בלאָזן איבער די פּוילישע דערפֿער, און אין פּיאַנטקע קוואַקען די עופֿות, שיטן אַ וועלט מיט אייער, שאָקן אייער פֿאַרן יידישן פּסח, כּדי די באַלעבאָסטעס זאָלן האָבן מיט וואָס צו מאַכן קניידלעך, כרעמדזלעך, מצה־ברייען; די לינדע ווינטלעך דערלויבן אויפֿצוגראָבן די בערג בוראַקעס, וואָס די פּיאַנטקער פּויערים ברענגען אין מיעכאָוו, כּדי די באַלעבאָסטעס זאָלן האָבן מיט וואָס צו מאַכן דעם פּסחדיקן רויטן באָרשט; פֿורן פֿירן שאָקן אייער, בערג מיט בוראַקעס, מיט קראַנצן ציבעלעס, מיט רויטע רעטעכלעך, די ערשטע שוואַלבן קרייזן שוין אין לופֿטן, און באַלד וועלן קומען די ווילדע קאַטשקעס און די באָטשאַנעס אין שיינע פֿליענדיקע שנירלעך. און די סאָלאָווייען וועלן זיך איינגעסטיקן אין דעם בלינדן שמואלס סאָד, און ס׳וועט זיין אַ געצוויטשער, און אַ געזאַנג ביי טאָג און ביי נאַכט... די לינדע ווינטלעך מאַכן שפּאַר רירעוודיק די מיעכאָווער באַלעבאָסטעס,

וואָס מיט טיכלעך פארבונדענע קעפּ, מיט וויעכעטשעס, בעזעמער, און שאַר־באַרשטן, שאַרן זיי, שטויבן זיי, בינדן איבער די טעפּ גענדזנשמאַלץ, כשרן די באַרשט־פּעסלעך, מאָלן, בייטן די שאַפעס, בעטן, קוקן איבער ס'פּסחדיקע געפעס, קויפן צו נייע טעלערס, נייע כוסות פאַר א נייעם כוסה־טרינקער... די לינדע ווינטלעך ברענגען אריין דעם פאַר־פּסח אין שטעטל אריין. און שניידערס זענען געוואלדיק פאַרנומען, שוסטערס שטעפּן, מעסטן שטיוועלעך, היטלמאַכערס פלייסן זיך מיט נייע שיקאַרנע היטעלעך פון סאַמעט און טוך. פון די בעקערייען דרינגט ארויס אין גאַס א געזאַנג פון די מצה־רעדלערס, פון די וואַלגערינס, פון די שיבערס:

איך בין גלית, דער גרויסער העלד,
פאַר מיר מוז ציטערן די גאַנצע וועלט,
איך בין איינער און נישט קיינער,
צען אָדער צוואַנציק, אָדער דרייסיק פאַר אָקסן,
איז ביי מיר ווי א שיסעלע לאָקשן...

און שיקעלע דער וואַרשעווער דערלויבט זיך גאָר און פאַרציט בריוט־פאַרשייט:

טראַם־טאַטאַם־טאַם, טראַם־טאַטאַמטאַם, זיבן מיידן מיט פערצן ציצן... און אַן אנדער געזאַנג ברענגען די לינדע ווינטלעך פון קלמן־מענדלס חדר, דאָס איז דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען; קלמן־מענדל מיט זיין שאגת־הארי־קול פירט אָן מיט דעם גאַנצן חדר קינדער ווי א גענעראַל מיט זיינע סאָלדאַטן, ווי זאַנוול רייב מיט זיינע קלעזמאָרים. און די קאַפּעליע זינגט מיט פרייד דאָס געזאַנג פון דער כנסת־ישראל צו דער שכינה, ווייל מ'איז פריי פון די טאָפּלטע פענצטער, פון דער ווינטער־תפיסה, פריי, פריי, און זומערלעב שטייט אויף דער שוועל...

דער קאָמיוואָיאַזשאָר מאַנדעלבוים געפינט זיך ערגעץ אויף זיינע ווייטע נסיעות מיט די קופערטס מיט מוסטערן פון לאָדזשער סחורות אין וולאַדיקאַווקאַז, ערגעץ ווו ביי דער וואָלגאַ און האַנדלט, מסחרט מיט די פאַרשידענע לאַנג־קאַפּאָטעדיקע „שווילים”, מיט די ברייטפּלייציקע און ברייטבערדיקע אַנדרייס און איוואַנס, און צו זיינע נאָזלעכער דערטראָגט זיך אויך דער ריח פון פאַרפּסחדיקן מיעכאָוו, געטראָגן אויף די פלינקע ווייכע פליגלען פון די מחיהדיקע פרילינג־ווינטלעך, איילט ער זיך גיך,

גיך אפצוּוויקלען זיינע געשעפטן, כדי בייצייטנס צו נעמען זיך צו דער הייליקער עובדה העלפן צוגרייטן דעם יום־טוב פון זמן חרותנו, עפּעס האָט ער שוין געטון פאַר דעם פון דערוויטנס, געהייסן צושיקן קיין מיעכאָוו זיינס אַ קעשענעווער קונה אַ הונדערט־קוואַרטיק פעסל מיט הארב־זיסן בעסעראַבער וויין, וואָס משהל וועט דאָס אויסצאַפּן מיט אַ גומענער קישקע אין פלעשער אַריין. אזוי באַלד ווי די לינדע ווינטלעך קומען אָן אין דער פרעמדע, איילט ער זיך שטאַרק צו, דער קאַמיוואַיאַזשאָר, אָפּשליסן די חשבונות, מילא: וועט זיין ווינציקער באַשטעלונגען, ס'איז דאָך פאַר פּסח, און צו טון איז דאָ אַ וועלט; שטויבן די ספרים, גרייטן די מצה־שמירה, דעם יין־צמוקים, מיטהעלפן דעם רב ביים מעות־חיטים; איילט ער זיך, דער קאַמיוואַיאַזשאָר, פון פאַרגויאישטן טיף־רוסלאַנד אהיים, אַהיים צום יידישן מיעכאָוו, צו ווערן ווידער דער ייד שבתי נחומס און צו פּראַווענען פּסח כהלכתו...

ערב פּסח מבעוד יום איז שבתי נחומס פאַרטיק מיט אַ סך טועכצן, דאָס חמץ מבער געווען, פאַרקויפט קאַטשמאַרקען פאַר סך הכל שני זוזים; שוין מקיים געווען טאַקע אַליין העלפן צוגרייטן די מצה־שמירה, אַליין ברענגען אין אַ צוגעדעקטן עמער ס'מצה־וואַסער פון דער פּלומפּ אין מאַרק, אַליין קנעטן, וואַלגערן, אַליין רעדלען, און אַליין שיבן, אַלע הייליקע מלאכות פאַרבונדן מיט מצוות מצה; שוין דעסטילירט דעם ראָזשינקע־וויין, שוין פאַרזיסט דעם יין־שרף כשר לפּסח; ביי שבתי נחומס פירט זיך, אַז ס'מוזן זיין פאַרשידענע וויינען לכבוד פּסח, סיי צו די ארבע כוסות, סיי אזוי אַ ברכה צו מאַכן, און אַז פון ראשון לציון זענען אָנגעקומען די ערשטע ארץ־ישראלדיקע וויינען אין די שלאַנקע פלעשלעך, כרמל־וויין, מיט דער עטיקעטע פון די צוויי בערדיקע יידן, וואָס האָבן געטראָגן אויף אַ שפּאָרן שטעקן שווערע טונקל־פלוימענקאָלי־ריקע שטענגלען ווינטרויבן, — איז שבתי נחומס געווען פון די ערשטע קונים.

דער פּסח איז שוין געווען אַריינגעפירט בהרחבה. מ'מעג שוין עפּעס פאַרזוכן פון די יומטובדיקע מאכלים, כאָטש ביי זיין טאַטן ע"ה האָט מען געפּלעגט מחמיר זיין, ביז צום סדר נישט פאַרזוכן קיין שטיקל מצה, נאָר אָפּקומען דעם גאַנצן טאָג מיט שה"י פה"י, איז שבתי געווען אַ

שטיקל מקיל: די קינדער, וואָס גייען שוין אַרום יעדער אין זיין נײַ פּסחדיק גאַרניטורל, משהל, אין אַ גביריש געהאַקט זשיפּיצל, דערלויבט ער צו טועם זיין אַ יויך מיט כרעמזלעך, מאַקאַראָנדלעך, אָדער גאָר באָרשט מיט קאַרטאָפל; די מאַמע האַלט אין איין שרייען, אַז די קינדער זאָלן זיך נישט פאַרפלעקן די נײַע מלבושים, זיי זאָלן כאָטש אָנהאַלטן די מדרגה די ערשטע טעג פּסח.

שבתי נחומס איז שוין צוריק פון דער מקוה, טועם געווען אַ מאַקאַ־ראָנדל, אַ טעלער ווייניקן באָרשט, נישט צופיל, ווייל דער דין איז, אַז מ׳מוז זיין צום שולחן ערוך הונגעריק. איז מעין אין די דיני פּסח פון „אורח חיים", צעזינגט זיך מיט אַ ברייט קול מיט אַ ספּעציעלן פּסחדיקן ניגון, וואָס דער טאַטע ע"ה האָט זיך נוהג געווען צו לערנען די מסכת פּסחים, און טאַקע אויך, כדי זיין נשמה זאָל האָבן אַן עליה, דעמזעלבן דף, כהאי לישנא: ...תנו רבנן, האָבן די רבנן געלערנט, ר׳ אליעזר אומר, ר׳ אליעזר זאָגט: כל שירות ותשבחות שאמר דוד בספר תהילים, וואָס דוד המלך האָט געזאָגט אין ספר תהילים, כנגד עצמו אמרן, אויף זיך אַליין האָט ער זיי געזאָגט: ר׳ יהושע אומר, ר׳ יהושע זאָגט: כנגד ציבור אמרן, אויפן פאָלק ישראל האָט ער זיי געזאָגט... וחכמים אומרים: לדוד מזמור, מלמד, ס׳איז אַ באַווייז, אַז די שכינה האָט גערוט אויף אים, ששרתה עליו שכינה, ואחר כך אמר שירה, נאָך דעם האָט ער געזאָגט שירה, ללמדך, עס קומט דיך צו לערנען, שאין השכינה שורה, אַז די שכינה רוט נישט, הער, משהל, לא מתוך עצלות, נישט ביי פוילע נשמות, ולא מתוך עצבות, און נישט ביי מרה־שחורהניקעס, ולא מתוך קלות ראש, אלא מתוך דבר שמחה של מצוה, נאָר אויף איינעם, וואָס איז עוסק אין אַ מצוה־זאַך מיט שמחה, משהל, מיט שמחה דאַרף מען טון אַ מצוה, און אפילו אַז ער גייט שלאָפן אַ פריידיקער, זעט ער פריידיקע חלומות...

אַזוי גייט שבתי נחומס מתוך שמחה, מתוך חדוה פון מצוה צו מצוה, מיט התלהבות גרייט ער צו די האַרטע געקאָכטע אייער, דעם כרפּס, די חרוסת און דעם מרור פון געריבענעם כריין, מיט פריידיקער כוונה לייגט ער אוים דאָס אַלץ אויפן טאַטנס פּסחדיקער קערה, וואַשט אוים די כוסות, גלאַנצט אוים דעם כוס של אליהו, לייגט אַריין אין טאַש

די מצה־שמירה, און דער מוח איז אזוי קלאָר, אזוי מזמור־שירהדיק, אזוי חרותדיק, ווייל דער פסח איז שוין אינגאנצן אריבערגעשפרייזט די שוועל און אפילו זלאַטע קען זיך שוין פארגינען אנידערצוזעצן אביסל, און שרטשע די דינסט צו כאַפּן א שמועס מיט משה־גרשונען, וואָס האָט שוין אפילו אָנגעפּאָיעט דעם באַלעבאָס פערד. זלאַטע האָט שוין אָנגעטון איר ניי קלייד מיט די קלאָשלעך, שפּיצלעך און העפטעלעך ארום האלדז, און שבתי נחומס במחשבה: אזוי ווי א בת־מלכה, ווי אן אמתע מלכה...

שבתי נחומס פראוועט דעם סדר מיטן טאַטנס ברען, מיטן טאַטנס ניגון, פּאַוואָליע, פון אָנהייב לאַנגזאַם, נישט געאיילט זיך, פּארטייטשט יעדעס וואָרט, די קינדער זאָלן פארשטיין, פארן אורח ביים טיש, פאר משהלען דעם גמרא־בחור מיט א שטיקל מלבים אָדער מיט אן אנדער וואָגיקן פּשט, כל דכפין יתי ויכל, ממש, יעדער וואָס וויל נאָר, קען זיך זעצן צום טיש, ס'איז געגרייט גענוג, ביד רחבה, ס'פעלט ב"ה גאָרנישט, נישט געפילטע פיש, נישט הינערנס, נישט קניידלעך, נישט אייער איינ־צוטונקען אין זאַלצוואַסער, נישט קאָמפּאָטן, און אוודאי נישט קיין וויין.

נחומס דעם וואַרשעווערס ניגון שוועבט דאָ ארום ביי זיין זונס סדר־טיש, ער זאָגט אים, זינגט אים, פּארטיפּט אים מיט פארזשמורעטע אויגן, מיטן פּאַלצעטל, מיט א טריומפירנדיקן הללדיקן קול. השתא הכא, דאָס יאָר זענען מיר דאָ, אין גלות, לשנה הבאה, דאָס קומענדיקע יאָר, בני חורין, פרייע מענטשן, על ארצנו, אויף אונדזער לאַנד, דאָס לאַנד פון אונדזער האָפענונג... וואָלף רייכמאַן האָט טאַקע געשריבן, געשיקט א פאָטאָגראַפיע מיט א ברייטראַנדיקן הוט; ער האָט, זאָגט ער, לעבן יפו אויפגעשטעלט א פּאָר שטולן, און דער אויבערשטער וועט העלפן ס'וועט זיין אן ארץ ישראל, ווען די יידן זאָלן נאָר וועלן... דאָס יינגסטע בחורל, נחומל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו לערנען ויקרא ביי פישל דעם לאָמען, פרעגט די קשיות, שבתי נחומס הערט זיך צו ערנסט און שטאַרק אויפ־מערקזאַם, קוקט אויפן חומש־בחורל זיינעם און זאָגט מיט א ברייטן דער־קלערערישן קול: — דער תירוץ איז: עבדים היינו, קנעכט זענען מיר געווען ביי פּרעה אין מצרים, גייט אוועק שילדערן מיט א וויינענדיקן הכנעהדיקן קול די פּיין און באַדרענגעניש, וואָס יידן האָבן געליטן פון די נוגשים און שוטרים, און מיט רעזיגנאַציע: אזוי איז עס. אין יעדן

דור שטייט אויף אן אומברענגער און דער אויבערשטער איז אונדז מציל פון זיינע הענט... און זי איז אונדז בייגעשטאַנען די תורה, אין יעדן אומשטאַנד, אין יעדן אָרט... און דערפאר לויבן מיר דיך, און זאָגן דיר דיינו, דיינו אויף אַלץ, אויף אַלע ניסים, וואָס זענען געטון געוואָרן אונדזערע עלטערן און אונדז, על אחת כמה וכמה, אויף אַלץ דאַנקט דער ייד, אויף גוטס און אויף שלעכטס; ווען ס'איז חלילה געגאַנגען שלעכט, איז שבתי נחומס אויך געווען דערזעלבער ייד, קיינער האָט אים נישט געקענט אראָפפירן פון אמתן דרך.

אזוי האָט דערציילט ר' נחום ז"ל די מעשה פון יציאת מצרים, ברייט, נצחונדיק, באריכות, מיט א טייטשל, א הלצהלע, א שווערערן פירוש, און גלאַט אזוי אן אָפּוועגן וועגן גלות, וועגן דער גאולה שלימה אם ירצה השם בימינו בקרוב. דער ערשטער טייל פון סדר איז פארענדיקט, די קינדער לעכצן נאָכן מאָמענט, ווען דער טאַטע וועט אויסרופן מיטן הרחבהדיקן און לייטזעליקן טאָן, געוועגדט צו זלאַטען: שולחן ערוך: עס און טרינק און לאָז זיך ווויל גיין, א ווינק, אז שרטשע מעג שוין אָנהייבן צו דערלאַנגען די פּסחדיקע סעודה, וואָס זאָל דערקוויקן דאָס פארחלשטע הארץ פון ר' שמאין דעם אורח פון קרעמעניץ, וואָס יעדן פּסח צום סדר דערציילט ער איבער די מעשה, ווי אזוי ר'האָט באפרייט פון מיליטער זיין הארשל און האָט בפירוש צוליב דעם געמאַכט די נסיעה קיין ניזשני־נאָוואָגראָד, און אז מ'האָט אים ביי א פּאָניע מכבד געווען מיט חמצדיקן טיי, האָט ער דעם טיי, אז קיינער זאָל נישט זען, ארייגעגאָסן אין די בלומענטעפּ...

דער צווייטער טייל פון דער הגדה לאָזט זיך שבתי נחומס געניט צייט, דער מנהג אין גער איז מאריך־זיין, הלל מוז מען זאָגן מיט גרויס כוונה, אָפּשטעלן זיך אויף יעדן פּסוק, א קלייניקייט: אָז ימלא שחוק פינו, און דעמאָלט וועט מען זינגען שירה־חדשה, דאָס נייע געזאַנג פון באחרית הימים. ווייט אריבער איבער חצות און שבתי רופט ערשט אריין מיט אברהם אבינודיקער הכנסת־אורחימדיקייט דעם אָנגעלייגטן גאַסט אליהו הנביא, און זאָגט הויך וואָרנדיק, די אויגן געווענדט צום הימל דעם שפוך חמתך, הייבט אָן צו דערציילן פון די אָן א שיעור ניסים וואָס ער האָט געוואונדערט אין דער נאַכט פּסח, א ווייט מיסטיש געזאַנג

וועגן די באַשערטקייטן פון עם ישראל אין דער דאָזיקער נאַכט... די שכנים האָבן שוין געענדיקט אָפּריכטן דעם סדר... בלויז אין שבתי נחומס שטוב איז מען נאָך אויף. שבתי צעזינגט זיך ערשט וועגן דעם, וואָס דער שטאַרקער גאָט וועט טון אין די קומענדיקע טעג, גייט אַריין מיט אים, מיטן הקדוש ברוך הוא אין אַ טריומפטויער, וואָס איז כלו נאה, כלו יאה, אין גאַנצן שיין, און צו דיר, אדיר במלוכה, לך ולך, נאָר צו דיר זינגען מיר, זינגען מיר, און מיר זענען ווי דיינע קינדער, און ווער ווייסט, ווער ס'איז איינער, איינער ווייס נאָר דער ייִד, איינער איז: אונדזער גאָט אויף הימל און ערד... שכנים שלאָפן שוין מידע, דריי אַזייגער פאַר־טאָגס, און שבתי נחומס צעציקלט זיך ערשט מיטן חד גדיא און ענדיקט דעם סדר מיט קעניגלעכער ברייטקייט, מאַניפעסטירט מיט שטאָלץ און יידישן בטחון, אַז געלויבט דער אויבערשטער: חסל סידור פסח כהילכתו, געענדיקט דער סדר פסח ווי ס'דאַרף צו זיין; ביים צווייטן סדר ליגט געוויין אין קול, אַ שאָד אַזאַ גוואַלדיקע מצוה האָט גאָט געגעבן, אַזאַ שיינקייט איז אין דעם פאַרבאָרגן, דער אור הגנוז, און אַ שאָד, וואָס ס'איז חסל, צו ענד...

פרילינג־ווינטלעך שטיפן אַרום אויפן פּסחדיקן ליל־שמורימדיקן הויף, אַ יומטובדיקע פרומע פולע לאַבעדיקע לבנה שפּאַצירט אַרום און שבתי נחומס מיט משהלען דעם גמרא־בחורל זאָגן — זינגען אַזוי הייליק־סודותדיק שיר השירים אשר לשלמה... די פולע גוטע ריינע אין פרילינג־הימל געבאָדענע לבנה הערט זיך צו... אין אַזאַ נאַכט, ווייסט משהל, איז נישט שולט קיין שום שלעכטס אויף קיין שום באַשעפעניש, אפילו לאַחר חצות, אפילו נישט אין דער וויבערישער שול, וווּ די מתים רופן אויף צו דער תורה, אין די סדר־נעכט איז נישטאָ קיין שום פחד.

דער טאַטע נעמט אָן משהלען ביי דער האַנט, זאָגט אויסעווייניק גאַנצע פסוקים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ליל חרות, אַ וואַרעמקייט גייט דורך איבער אַלע גלידער, פון דעם טאַטנס גוטסקייט, וואָרום דער זוהר הקדוש זאָגט: זעסט, מיין קינד, די סודות פון דער בריאה, זעסט ווי אַלץ איז בחסד עליון, זעסט ווי אַלץ פוצט זיך אויס יומטובדיק לכבוד דעם עם ישראל, עם ישראל קדושים, און די שכינה רוט אויף יעדן גרעזל, אויף יעדן בלעטל, און איצט אין דער נאַכט פון פסח קושט זי ממש

אויפֿן פּנים יעדן ייד, וואָס האָט מקיים געווען סדר פּסח כהילכתו, כן נזכה לעשותו, לשנה הבאה...

משהלען איז געבליבן גוט איינגעקריצט אין זכרון דעם טאַטנס שבתי נחומס פּסחדיקער פאַרחלומטער, פאַרבענקטער הימלישער שיר־השירים־ניגון, און עד היום, שוין אויף אַמעריקאַנער ערד, זינגען זיינע רמח אברים דעם טאַטנס געזאַנגען, דעם טאַטנס חרותדיקע ניגונים פֿון יענער פּסחדיקער פול־לבנהדיקער נאַכט אין פּרילינגדיקן מיעכאָוו...

פאַרגריסט דאָס פּנים — רייַן דאָס האַרץ

צו רפאל הענעכן איז נישט אָנגעקומען אפילו א קליין חלקל פון דער שפע פון די לאָדזשער שעוויאָטן און קאַמגאַרנס. ר'האָט טאַקע זיך געדרייט ארום חסידים־גבירים, וואָס האָבן אים געקענט אריינגעמען אין ריכטיקן עולם המסחר, אָבער רפאל הענעכס קאָפּ איז נישט געווען דערביי; — וואָס איז דער חילוק דאָס עשירות אויף דער וועלט, דער עיקר עשירות דאַרף מען אָנזאמלען פאר עולם הבא. אז מען האָט אים אָפּגעענטפערט, אז: השמים שמים לה׳, די הימלען זענען פאר גאָט, והארץ נתן לבני אדם, און די ערד איז געגעבן געוואָרן פאר מענטשן, מען זאָל האָבן א הנאה פון דער וועלט, כל זמן מ'איז דאָ, פלעגט ער אָפּפרעגן, אז דער חידושי הרי"ם פלעגט דאָס אויסטייטשן: — די ערד איז געגעבן געוואָרן צו די מענטשן, כדי זי אויפצוהייבן צו די הויכקייטן פון די הימלען, אָט, בכן, צו וואָס דאַרף מען זוכן עשירות, צו וועלכע מ'ווערט פארשקלאַפט. און ער, רפאל הענעך, וויל נישט זיין קיין עבד כנעני צו געלט־שמעלט, ס'וועט אים נישט לאָזן לערנען, ס'וועט אים מבטל זיין צו דינען גאָט לשמה, ער וועט ווערן א בעל־גאווה, וואָרום, אז מ'ווערט איבערגעגעבן צו דער תאוה פון געלט, הייסט דאָך, אז מ'ווערט אָנגעבונדן צו א זאַך, צו הייזער, פאבריקן, געלט, און דאָס איז שוין בבחינת עבודה־זרה, און דער עיקר, ס'זאָל זיין פרנסה פאר דער נשמה לעתיד לבוא, דער גוף איז דאָך א טפל: וואָרום אפילו דינען גאָט קען אן עושר אויך נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אן עושר, אז ער פרייט זיך, אז ער טאַנצט אפילו א ריקודל, איז עס נישט לשמה, ער פרייט זיך, אז ער און זיין בני בית האָבן א סך אכילה ושתיה, א סך ווילטאָג, אָבער נישט מחמת אהבה צום בורא דעלמין, אָבער א ייד אָן געלט קען דינען צום שעפער פון אלע וועלטן אָן

פניות, מיטן רצון טוב, מיט דער גאַנצער ליבשאַפט, מיט דער גאַנצער שמחה. טאָ איז שוין בעסער, אז רפאל הענעך זאָל האָבן די פארשווארצטע שווארצע פרנסה, פארזאָרגן יידן מיט קוילן אויפן גאַנצן יאָר.

מילא זומער איז טאַקע די פרנסה זייער געשלאָגן; זומער קאָכט מען ס׳ביסל געקעכץ אויף שפּענדלעך; אויך מיר א קאָכן דאַרט; שטשאַור־באַרשט, נייע קארטאָפל, קארשן־באַרשט, ס׳גייט א סדרה מילכיקס, דריי וואָכן... ווער דאַרף קוילן? דערפאר, אז אלולדיקע ווינטלעך הייבן אָן בלאָזן, שויבן אין שטיבן ווערן פארלאָפן, הייבן מיעכאָוווער באַלעבאָסטעס אָן אין זינען האָבן רפאל הענעכן מיט קאַטשמארעקן. ימים נוראים־צייט ווען אין די סעדער נעמט מען שוין אראָפּ די ווינטער־עפּל, ווען די פלוי־מען־ טרוקענערס האָבן שוין פארטיק זייערע סחורות, ווען פון די חדרים הערן זיך ארויס די פאריאושטע האזינו־שמים־ און קוהלת־ניגונדלעך, פארצירעוועט און פארלאַטעט קאַטשמארעק און רפאל הענעך די קוילן־זעק, ווארום די באַלעבאָסטעס הייבן שוין אָן דארפן צו פינטלעך קוילן. דאָס קוילן־ענגלהלע שלעפּט א מאָגער שקאַפּקעלע; דאָס פערדל איז נישט פע־טער ווי זיינע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ביידע די זעלבע איינגעריסטע פנימער, געבויגענע פּלייצעס. רפאל הענעך איז דאָס דער באַלעבאָס, אָבער מיט קאַטשמארעקן, דעם פּיאַנטקער גוי, טיילט ער זיך מיטן פארדינסט גלייך אויף גלייך. דערפאר איז קאַטשמארעק אים איבערגעגעבן בלב ונפש, וואָלט געגאַנגען פאר רפאל הענעכן און פאר זיין חוה־איטען אין פייער אריין. אז ס׳הייבט זיך אָן דער סעזאָן, ווען די גאַנצע שטאָט פאר־זאָרגט זיך מיט קוילן אויפן ווינטער, טיילן זיי זיך מיט דער ארבעט. קאַטשמארעק האָט איינזעעניש מיט רפאל הענעכן, פאָרט א שטיק ראבין. רפאל הענעך שיט אָן די קוילן מיטן שויפל, וועגט אָפּ די זעק, הייבט זיי אונטער און קאַטשמארעק שטעלט אונטער די פּלייצעס, כדי זיי אריינ־צוטראָגן אין די קעלערס אָדער אין די קאַמערס, ווו די באַלעבאָסטעס וועלן נאָר הייסן. און אז ס׳קומט פרייטיק, נאָכמיטאָג, אז ס׳שמעקט שוין מיט די געפילטע פיש און יידן גייען שוין מיט נאַסע בערד און פאות פון דער מקוה, דעמאָלט שרייט קאַטשמארעק אויף זיין באַלעבאָס, ער איז ממש אויפן גוזר: — אידזשׁ, פאלקא דאָ מיקווי! גיי דיר אין מקוה אריין!

רפאל הענעך האָרכט, וואָרום ר׳ווייסט, אַז קאַטשמאַרעק וועט שוין באַזאָרגן ס׳איבעריקע, אויך אָפּשטעלן דעם מסחר, אויסשפּאַנען ס׳שקאַפּעלע און אים געבן דאָרט ס׳ביסל גראָז, אָנפּאָיענען וכדומה. קאַטשמאַרעק איז זיך באַוווּסט, אַז איצט איז אַ צייט פאַר אַ יידן אהיימצוגיין צום ווייב, בעטן אַ ניי העמד, אַ האַנטעך און אַ שטיקל זייף, און פאַר אים — אַריינכאַפּן זיך אין דעם „מאָנאָפּאָל" אויסצוטרינקען אַ פערטעלע זיבן־און פופציקער, וכדומה אַזוינע גשמיותדיקע זאַכן...

רפאל הענעך אָבער לאָזט זיך וואַלגערן אין מקוה, פאַרעט זיך, גיסט אויף זיך נאָך אַ שעפל קאָכעדיק וואַסער, זייפט זיך איין פון קאָפּ ביז צו די פיס, גיסט אַרויף אַ צווייט שעפל אויפן וואָכעדיקן גוף און פאַ־מעלעכדיק כאַפּט זיך אין אים אַריין די נשמה־יתירה, בפרט אַז ער טובלט זיך אָפּ, אַזוי שלשה פעמים, און נאָך יעדן טובל־זיין פאַרנעמט די שבת־דיקע נשמה אַ וואָס ברייטערן פלאַץ, און ווער שמועסט נאָך, אַז ער טוט שוין אָן ס׳פרישע העמד מיט די צוויי לאַנגע שפּיצן, די ווייסע זאָקן מיט די חסידישע לעטשלעך, פוצט אַרום דאָס שטריימל און חוה־איטע טראָגט אים אַקעגן אַ היים גלאָז שמעקעדיקע טיי, אָדער אַ טעלער פלוימען־קאָמפּאָט מיט אַ סך יויך, — דעמאָלט פילט זיך רפאל הענעך גאָר, גאָר שיר־השירימדיק. זופּט און זינגט זיך אונטער אַ ניגון, זופּט הרחבהדיק: אַ! אַ! אַ! און טוט זיך אָן די צעדרויבלטע אַטלאַסענע זשיפּיצע, פאַר וועלכע מ׳האָט אין גערער שטיבל שטאַרק דרך־ארץ. (יאָסל באַלוטער זאָגט, אַז גאַנצע שבתדיקע זשיפּעצעס האָבן די „שוואַכע" יידעלעך, וואָס „ניצן" ווינציק זייער יידישקייט.)

אַז רפאל הענעך קומט אָן אַ שבתדיקער אין גערער שטיבל, איז ווי אַ מלך וואָלט אַריינגעקומען איבערנעמען די מלוכה. ס׳שטיבל ווערט פול מיט אים. דאָ עפנט ער אַ גמרא שבת און זיין קול צעקלינגט זיך ברייט: תנא דבי רבי ישמעאל, האָט מען געלערנט אין בית המדרש פון ר׳ ישמעאל; שש תקיעות, זעקס תקיעות, תוקעין, בלאָזט מען ערב שבת, התחיל לתקוע תקיעה ראשונה, אָנגעהויבן בלאָזן די ערשטע תקיעה, נמנעו העומדים בשדה מלעדור ומלחרוש ומלעשות כל מלאכה שבשדות, האָבן אויפגעהערט די פעלד־אַרבעטער צו גראָבן און צו אַקערן און צו טון אַלע מלאכות אין די פעלדער, תנא דבי רבי ישמעאל, אמר ר׳ יוסי בר׳ חנינא... און דאָ שטייט

ער שוין ביים עמוד און זאָגט מיט כוונה, ציילט יעדעס וואָרט: כגוונא, וואָרום צוערשט דאַרף זיך רפאל הענעך, וואָס ווערט ממש אַ גאַנצע וואָך פאַרשוואַרצט מתיחד זיין מיטן שבת און דערנאָך זאָל עס טון די גאַנצע עדה. און בשעת רפאל הענעך הייבט אָן מיט אַ ברייט נצחונדיק קול דעם לכו נרננה, האָט חוה־איטע שוין אָפּגעבענטשט ליכט און איז אריין אין דער שבתדיקער מדרגה מיט אַ שטייפער, געפּרעסטער שערץ, מיטן שנירל קרעל, מיט די האַלב־לבנה־אויערינגלעך, מיט אַ מינעלע: „געלויבט דער אייבערשטער, די פיש געראָטן, דער צימעס טעם־גן־עדן", גלאַנצן באַנייט־שבתדיק אירע דיקע באָרשט־באַקן: „געלויבט דער אייבערשטער, מ'זעט נישט אָן, ווי מ'שטופּט אדורך מיטן ביסל פּרנסה", וויגן זיך ממש פּרוכפּערדיק אירע באָקעס: „קיין עין־הרע, א האַלב טוץ קינדערלעך אים געבוירן, געלויבט דער אייבערשטער", — גייט חוה־איטע זעצן זיך צוזאַמען מיט אַנדערע שכנהטעס אויף די הילצערנע טרעפּ פון ר' ליפּעס הויז. א פרום גאָטספאָרכטיק מינעלע, א ביסעלע רעדן, באַרעדן, „מאָטלען", אפילו די מאַטקע־באָסקע אַקעגנאיבער אויפן פאַראַדנעם אַריינגאַנג פון דעם קאָש־טשיאָל וואָלט אויך אַראָפּגעגאַנגען פונעם פיעדעסטאַל אַריינכאַפּן אַ מאָטל... אויף ר' ליפּעס הילצערנע סקריפּנדיקע טרעפּ זיצן אויסגעזעצט ווייבער אין שייטלען, אין טיכלעך, אין קופּקעס. אַלע קוויקן זיך מיטן „מאָטלען", אַ תענוג! עס זיצט זלאַטע שבתי נחומס, מ'האַלט זי שוין איצט פאר א נגידות־טע, ער, שבתי נחומס, זאָגט מען, האָט שוין געלט אין די בענק; עס זיצט דעם הויכן עליעס ביילע־חיה, געהאַט אַן אייזנקראָם און געמוזט עוקר זיין, ערגעץ אין אויסלאַנד, ביז דער „שטורעם" וועט אַריבערגיין, עס זיצט די גרינס־הענדלערקע משה־גרשונס מאַמע. שבתדיקע גענאָד ליגט אויסגעגאָסן אויף די יידענעס, וואָס באַרעדן גאַנץ מיעכאָוו, לאָזן נישט איבער קיין גאַנץ ביינדל ביים רבס טאָכטער, וואָס פאָרט עפּעס צופיל קיין לאָדזש: „וואָס טוט דאָס אַ רבס אַ טאָכטער אזויפיל אין לאָדזש", מ'באַרעדט שלמה סירקעסן, וואָס באַרייסט די שטאָפּערקעס, מ'באַרעדט זלמן פעלדשערס זונדל, וואָס „קריכט צו די דינסטן". די ראש־המדברניצע איז חוה־איטע, וואָס באַרעדט נישט חלילה מחמת שלעכטקייט, נאָר פשוט, זי האָט הנאה דערפון, בפרט, אַז זי קען דערציילן פון אַלץ געגווי, וואָרום זי האָט קאטשמאַרעקן, וואָס קען יידיש ווי וואַסער, ווייסט וואָס ס'טוט

זיך ביי יעדן אין טעפּל, אויף דער פּעדערנער דעק און אונטער דער פּע־דערנער דעק; אָט — ר׳ הערשעלע אַלעקסאַנדערערס גיטל... ווייבער גראַגערן: „זיך פאַרגלוסט אַ שמאַליץ־גרוב, אַן אַלטן בעל־תאוה, אַ כאַזקל שערעשעווסקי, מיינט, אַז מענטשן־פלייש קען מען קויפן פאַר געלט... איצט האָט ער זיין באַצאָלעכץ... האָט נישט געקענט נעמען אַן אַלמנה, נאָר דווקא יונג פלייש האָט זיך אים פאַרגלוסט... און איצט האָט זי קאַטשמאַרעק געזען אַרומדרייען מיט דעם פּאַצעטל מיט די לאַנגע האָר... דער וואָס שרייבט... וואָס שרייבט ער? אַזעלכע לידלעך, וואָס מ׳דרוקט דאָס אין גאַזעטן... וואָס וועט ווערן דערפון? וועט ברענגען דעם אַלטן טאַטן פּרי אין קבר אַריין... אַ ליידיקגייער, עפּעס אַ משוגענער, רעדט העבּרעאיש און שרייבט מיט קורצע שורהלעך... ווער דאַרף דאָס?״

מ׳באַמאַטלט, מ׳באַרעדט די גאַנצע וועלט. נו, אַוודאי איז זלאַטען ביטער, וואָס זי מוז זיך קנייפּן די באַקן, ס׳איז דאָך איר שוועסטער, וואָס האָט זי געקענט טון, אַז דער פעטער מנשה האָט געהייסן טון אַזאַ „גלייכן״ שידוך... אַז מ׳האָט קינדער אין די וויגן זאָל מען לאָזן לייט צופרידן... ווּאָרום: מ׳ווייסט קיין מאָל נישט, וואָס ס׳טוט זיך ביי איינעם אונטער דער סאָמער נאָז. דהיינו: די גרינס־הענדלערקע, וואָס טייטלט אַזוי שפּי־צעכדיק אויף גיטלען, מאַכט זיך נישט וויסן, אַז משה גרשון, איר בנאָק, האַלט שוין גאָר ווייט מיט שרהטשען, דער אָזערקאָווער דינסט. קאַטש־מאַרעק האָט זיך געשווווירן ביי דער מאַטקאַ־באָסקאַ, אַז ר׳האָט זיי געזען שפּעט ביינאַכט אין גלחס גאָרטן... ווי אַזוי מען קען אַריינקומען אין גלחס גאָרטן, אַז דאָס טירל איז אַן אייזערנס און דער געמויערטער פּלויט האָט איינגעמויערט שפּיציק גלאָז, און ס׳דרייען זיך דאָרט אַרום אַ גוזמא מיט בייזע בייסיקע כלבים... שפּילט זיך מיט משה־גרשונען? ער, נאָכצוגעבן זיין טריפהנעם האַלדז, געפינט שוין אַן המצאה צו אַלץ. דאָס שטעכעדיקע גלאָז אין דער מויער האָט ער אָפּגעפּיילט און די כלבים אונטערגעקויפט מיט שטיקער פלייש... הלוואי, שרהטשע זאָל נישט ברענגען אַ ממזר אין דער שטעט...

משהל איז נישט געגאַנגען צו קבלת־שבת, שטייט ערגעץ אין אַ ווינקל, און הערט זיך צו צו דעם שמועס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם... די ווייבער באַמערקן אים, האָבן שטאַרק פאַראיבל:

— ס׳טייטש, אַ יינגל זאָל נישט זיין אין שול, בשעת מ׳דאַוונט, נאָר האָבן אַ טבע זיך אונטערצוהערן וואָס ווייבער רעדן!... אַ גמרא־בחור...

זלאַטע ברעכט זיך די הענט, קנייפּט זיך די באַקן: — אַז אַ טאַטע איז נישטאָ אין דער היים, גייט אַ קינד אויס לתרבות רעה... אַ טאַטע דאַרף זיין אין דער היים, נישט האָבן פּרנסות אין דער פרעמד...

די ווייבער וואַרפן איר פאָר, זי זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ערגער איז געווען, ווען איר שבתי איז אָפּגעלעגן חדשים־לאַנג אין גער. היינט האָט זיך כאָטש ס׳מזל געביטן...

עפּעס איז דער מער מיט משהלען, עפּעס שפּילט עס אין זיינע בליטן, עפּעס יערט ווי אין אַ פאַס וויין, וואָס האַלט ביים צייטיק ווערן. עפּעס נעמט אַרום דעם זעכצן־יעריקן אַזאַ אומדערקלערלעכע ווייטיקדיקע בענקעניש, אַ געפיל פון איינזאַמקייט, פון נישט וויסן וואָס מ׳טוט מיט זיך, פון פלוצלינגדיקער מרה־שחורה, פון עפּעס וועלן און נישט וויסן וואָס. גייט אַרום אַ פאַרחושטער, אַ פאַרטראַכטער, די חושים וואַך. אומרו אויפן געלעגער, וואָר מישט זיך אויס מיט חלום. פון די סאָסנאָווע וועלדער אַרום מיעכאָוו דרינגען אַריין שאַרפע ווירציקע ריחות, די אַקאַציעס בליען בלוי־ווייסע, און פאַר די אויגן מיניען מיידלשע צעפּלעך, לופטיקע פאַלדיקע קליידלעך שפּילן זיך אַרום ווייכע גלידער. ס׳איז גוט אַזוי צו ליגן האַלב וואַך און פאַרצושטעלן זיך שרהטשען, די דינסט, מיט איר געדיכט הייזן קול, כייקעלען דעם רבינס, ווי זי ליגט אַן אָפּגעדעקטע אין די זומער־פאַרטאָגן... אַמאָל האָט אים דער רבי געטראָפן אַזוי אומגעריכט, דעם תלמיד זיינעם, האָט ער אים אַ שטאַרקן שלעפּ געטון, עפּעס אַ מורמל געטון פון אַ „הצנע לכת״, אַז אַ מענטש דאַרף זיך נישט איינריכטן די נשמה מיט אומריינע געדאַנקען. האָט זיך משהל שטאַרק פאַרשעמט. און איצט רייזל, דעם קוילן־הענדלערס... רייזל האָט אַזעלכע גרויסע, וואַרעמע אויגן, שוואַרצע, געדיכטע צעפּעלעך, וואָס זי האָט ליב צו שפּילן זיך מיט זיי, זיי נעמען אין מויל. ס׳גלוסט אים כסדר צוצוגיין צו איר, אַ גלעט טון... אָבער ווי אַזוי רעדט מען דאָס צו אַ מיידל? וואָס וואָלט זי אים געענטפערט? און ווי אַזוי קען דאָס שבתי נחומס משהל צוגיין צו אַ מיידל און מיט איר רעדן בפני כל עם ועדה? וואָס וואָלט דערויף געזאָגט די מאַמע, און דער זיידע ר׳ הערשעלע?

פון דער צווייטער גאַס הערט זיך רפאל העניעכס רעשיק קול, גייט אין דער מיט פון אַ כאַפּטע יידן, די פּאַלעס פון דער צעריסענער זשי־פּעצע פליען, דאָס שטריימל און די באָרד איין שטיק שוואַרצס, אָבער אין קול איז דאָ אַ ליכטיקייט פון שלום־עליכם, מלאכי השלום, אַ חדוה פון ישמח משה; די ווייבער צעגייען זיך צו זייערע טעפּלעך; חוה־איטע אביסל אַ צעטראָגענע, וואָרום אנשטאָט זי זאָל האָבן אַ שטיקל הנאה פונעם „מאַטלען", האָט מען גאָר איר אַריינגעמאַטלט אין אויער, אַז זי זאָל האַלטן אַן אויג אויף רייזלען. ישובט זי זיך אין רעיון: זאָל זי יאָ, צי זאָל זי נישט דערציילן איר מאַן וועגן דעם. דערציילן, הייסט דאָך פאַרשטערן אַ שבת, נישט, ווער ווייסט ס'אַרא סכנה ס'לויערט אויף אַ „כלה־מיידל". אָבער שוין שפּרייזט רפאל העניעך אַריבער מיט אַ מלכות־דיקער שטאָלצקייט די טרעפּ פון ר' ליפּעס הילצערנעם טויער, גייט אַריין צו זיך אין שטוב ווי להבדיל אַ מלך אין פּאַלאַץ אַריין.

ווו איז אַהינגעקומען רפאל העניעכס פאַרריסט וואָכעדיק פּנים? קיין שפּור דערפון! עס איז אַ שיינענדיק לויטער פּנים פון אַ מלך אין זיין רויזן־גאָרטן; דער גוט־שבת, חוה־איטע, גוט־שבת, קינדער, איז אַ מין באַגריסונג פון אַ זייער לייטזעליקער, גוטמוטיקער מאַיעסטעט. דער מלך איז גוט אויפגעלייגט, אויסגערונען יעדעס ביסל בייזקייט, דערצערנט־קייט און: מה יפה ומה נעמת אהבה בתענוגים, ווי ליבלעך ביסטו, חוה־איטע, מלכה מיינע, מיט די אַלע תענוגים, מיט די געפילטע פיש, מיט די פאַרפל־אַרבעס־יויך, מיט דעם מייערן־צימעס, און דאָס אַלץ אַרומגעפּוצט מיט ים־זמירות, וואָס הייבן זיך אָן מיט קולות וברקים און ענדיקן זיך בקול דממה־דקה, ווייל רפאל העניעך איז פון גרויס מתיקות איינגעדרימלט ביי אָן אָפּענעם „שפת אמת". קאַטשמאַרעק קומט אַריין דרך־אַרצדיק צו דערפילן זיינע פונקציעס פון שבת־גוי, באַקומט פאַר אויסלעשן דעם לאָמפּ אַ היפּש שטיק חלה, אַ פּאָרציע פיש און אַ גלעזל קידוש־וויין...

אָבער, ווי קען קאַטשמאַרעק באַהאַלטן דאָס, וואָס ער האָט געזען, פאַר דער גוטער חוה־איטע, אַז שבתי נחומס בחורל מיט דער רוזשקאַ... זיי זענען אַזוי געשטאַנען... שושקעט שטיל, זאָל „פאַלקאַ" שלאָפן... צייט האָבן עס צו הערן נאָך שבת.

זי, חוה־איטע, האָט שוין געהערט די נייס, זי וועט טאַקע נישט פאַר־שטערן די שבתדיקע מנוחה פון איר רפאל הענעכן, וואָס דרימלט אַזוי זיס. אם ירצה השם נאָך שבת וועט זי רעדן מיט זלאַטען, איר געבן אָנ־צוהערן אָן רוגזה: וואָס האָט איר משהל צו רייזעלען? ס׳איז דאָך אַ מיידל, און אַ מיידל מוז דאָך זיין אָן אַ פלעק...

* * *

ביי זלאַטען האָבן די באַקן געפּלאַמט פאַר בושה און האַרץ־ווייטיק. אַז איר שבתי איז ערגעץ אין מרחקים, האָט אַ ייִנגל אין זינען אַזעלכע זאַכן... ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס שטיק מוסר, וואָס דער זיידע ר׳ הער־שעלע האָט אים אַריינגעזאָגט, אַז ער האָט געמיינט, אַז ער, משהל, וועט זיין אַן עילוי און אַז מיט זיין נאָמען זאָל קלינגען די גאַנצע גובערניע.

אַז שבתי נחומס איז צוריקגעקומען פון זיין נסיעה — געוועזן דריי חדשים אונטערוועגס — האָט זלאַטע משהלען צוגעשטעלט „אַ בענקל״.

שבתי נחומס האָט זיך מיטן בעל־עבירה אויסגעטענהט מיט ווייכע רייד, כרחם אב על בנים, האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז טומאה לויערט אויף אַ מענטש פון אַלע זייטן.

— פאַרשטייִ דאָך, משהל, דו האָסט שוין געלערנט אַ פּאָר מסכתות, אַז בכלל איז „דאָס״ נישט דער עיקר פון לעבן... דער מענטש מוז אויס־פירן דעם ווילן פון כביכול. בכדי דער מין האנושי זאָל חלילה נישט אונ־טערגיין... האָט די השגחה שוין אַזוי געמאַכט, אַז עס זאָל זיין אַ תשוקה צו באַהעפטן זיך, אָבער דאָס איז נאָר אַ „טפל״, די חכמים זאָגן, אַז בשעת מעשה זאָל דאָס זיין כמי שכפאו שד, אַזוי ווי אַ שד וואָלט אים געננייט... בכלל מוז מען חס זיין אויף דעם כבוד פון אַ ייִדישער טאָכטער... רייזעלע איז דאָך דאָס איינציקע שעפעלע פון רפאל הענעכן דעם יגיע־כפּימניק, וואָס הגם זיין פּנים איז שוואַרץ, איז אָבער די נשמה זיינע ריין ווי ווייסער שניי, אַ נשמה ממש אויסגעהאַקט פון אונטערן כסא הכבוד. טאָ פאַר וואָס קומט אים דאָס מצער זיין? באשר די טומאה האָט אים, משהלען, דערצו אָנגערעדט? און וויפל מאָל איז אים, שבתי נחומס, אין משך פון זיינע נסיעות אויסגעקומען ממש בייצושטיין אַלערליי

נסיונות? על כן איז ער אים, משהלען, מזהיר, אז מהיום והלאה, — ער נעמט ביי אים תקיעת־כף, — זאָל ער זיין ריין און געוואָרנט, ביז ס׳וועט קומען די צייט, אז ר׳וועט ראוי זיין כדת משה וישראל...

משהל האָט מיט טרערן אין די אויגן און מיט חרטה־געפיל צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך איבעראַנדערשן, אז ער וועט זיין ריין אפילו במחשבה... און שבתי נחומס האָט זיך געזעצט לערנען מיט זיין זון דעם זוהר פון פרשת קדושים... הייליקע זאָלט איר מיר זיין, הייליקע און ריינע, ריינע רייד און ריינע מעשים...

משהל האָט צוגעזאָגט...

מרימס ברונעם

אין יענע יאָרן 1908 - 1910 איז אין מיעכאָוו געווען שטיל. די וועבשטולן האָבן געזונגען זייער אייביק מאָנאָטאָן-ליד, סוחרים האָבן די אויפגעוויקלטע פּעק שטאָף געריסן פון די הענט. מעקלערלעך האָבן געמעקלט, יידן - באַלעבאַטים האָבן מויערן אויפגעשטעלט, טעכטער, זין חתונה-געמאַכט, ברייטע נדנים געגעבן. זומער-צייט אין די בעדער, אויף זומער-וווינונגען אין די טונקעלע ווישנעגורער וועלדער געפאָרן. מיעכאָוו האָט געהאַט פּרנסה בריווח. ס'איז געוואָרן ליכטיק אין די מיעכאָווער גאַסן און געסלעך, וואָרום אין איין העלן טאָג זענען אַראָפּגעקומען דייטשלעך מיט גרינע מלבושימלעך, געגראָבן טיפע גריבער, אַריינגעשטעלט הויכע סלופּעס, באַפּוצט זיי מיט אַזוינע פּאָרצעלאַנע צאַצקעס, דורכגעצויגן גלאַנציקע, גילדענע געפלאָכטענע דראָטן, — און פרומע יידן האָבן מיט התפעלות געזאָגט: בורא מאורי האש, און געפרייט זיך, אַז אין מיעכאָוו וועלן נישט זיין מער די נעבעכדיקע פאַרחושכטע נאַפט-לאַמטערלעך, נאָר ווי די זון ליכטיקע עלעקטרישע לאָמפּן. אין מיעכאָוו איז געווען פונקט אַזוי ליכטיק ווי אין לאָדזש. אויך אין מיעכאָוו האָט מען געקענט זען „זשיווע אָבראַזי", די לעבעדיקע בילדער, וואָס ווייזן, ווי אַזוי יידן בויען אין ארץ-ישראל קאָלאָניעס; די מענטשעלעך אויף די „זשיווע אָבראַזי", פאַר וועלכע מ'האָט באַצאָלט צען קאָפּיקעס אַריינטריט, האָבן זיך אַזוי געאײַלט, אויסגעזען ווי צאַפּל-מענטשעלעך, אָבער דערפאַר זענען די ביימער, די פּאַלמעס, דער כותל המערבי, דער מוטער רחלס קבר, די בערג און בערגלעך פון ארץ-ישראל געווען אַזוי זוניק-ליכטיק גרין און האָבן געוועקט ביי די יינגלעך, ביי די ישיבה-בחורימלעך באַגערן צו רייזן, צו זען די וועלט.

אין יענע יאָרן האָבן אין איראָפּע געהערשט קיסריים, גוטע קיסריים, שלעכטע קיסריים, לויט ווי ס'איז זיי איינגעפאַלן. משהל האָט זיי געקענט פון די פּאָסט־מאַרקעס, וואָס ער האָט געזאַמלט. לויט ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז דער גרינער פאַרשוין מיט די באַקן־בערד, וואָס אויף דער עסטרייכישער מאַרקע, אַ נישקשהדיק מענטשל, עפּעס אַן עלטער־פעטער פון קראָקע האָט פון אים געלעקט די פינגער, אים אָנגערופן „פּראַאים־יאָסל", געזאָגט, אַז פאַר יידן איז ער אַ שטיק גאָלד, לאָזט האַנדלען, וואַנדלען, גיט מעדאַלן, אפילו יידן מאַכט ער פאַר באַראָנען און גרויסע שררות. און אָט ווידער אַ גרין־וויאָלעט מאַר־קעלע מיט אַ וואָנסעוואַט קעניגל, וואָס הייסט גראָד עמנואל. מ'זאָגט אויף אים, אַז ראש־השנה קומט ער אין רוימער שול דאַווענען. משהלען ווייזט אויס, אַז דאָס גוטע מלכל פון איטאַליע שיילט אָפּ מיט זיין קעניגלעך שווערדל די זיסע איטאַליענישע מאַראַנצן. משהל האָט גע־חלומט וועגן לענדער און שטעט, וועגן מלכים און הערשער, אָט איז דער כעדיוו פון עגיפּטן, דער סולטאַן פון טערקיי, מיט זייערע טויזנט ווייבער אין די האַרעמס, וווּ ס'שפּריצן פאָנטאַנען און מ'עסט גאַנצע טעג טייטלען, פייגן און שיסלען מיט כאַלווע. די ברייטע גערמאַניא אויף דער בערלינער מאַרקע האָט משהלען גאָרנישט געפאַלן: צו וואָס שטעלט מען דאָס אַוועק אויף אַ מאַרקע אַ מין ברייט באַשעפעניש, ספק מאַן און ספק פרוי, וואָס טראָגט עפּעס אַ פּיצל קרוינדל; פאַרוואָס גיט מען נישט ווילהעלמס פּאָרטרעט אַליין? ס'מוז זיין אַ בייזער מלך, פּונקט ווי די סעריע ראָמאַנאָווס, וואָס האָבן אַלע אַזעלכע אָנגעדרודלטע קצבישע פּנימער, פּונקט ווי די בערדיקע קיילערס, וואָס מאַכן קאָלבאַס אויף דער לאַנגער גאַס.

משהלעס וועלט איז געווען אַ גוטע. אין 1908 - 1910 האָבן די אימ־פּעראַטאָרן נאָך געוואָלט, לכל הפחות כלפי חוץ, אויסזען צירלעך־מאַניר־לעך. אין די דאָזיקע יאָרן זענען מענטשן נאָך געפאָרן פראַנק און פריי פון איין לאַנד אין אַנדערן, פּעסער און חתימות האָט מען געגעבן, ביי גרעניצן האָט מען אין יענע קסרים־צייטן אויפגענומען מענטשן מיט לאַכנדיקע, פריינטלעכע פּנימער. מען האָט נאָך געחלומט פון גוטסקייט איינער צום אַנדערן, געגלויבט אין שיינע ווערטער, אין געפּליגלטע

פראַזן. ערגעץ־ווו אין טערקיי, אין וויטן טריפּאָלי האָבן מלחמות זיך געגרייט, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ווייט, אַפּילו דאָס וואָס איינער, א באָגראָוו, האָט עפּעס דאָרטן, אין א קיעווער טעאַטער, געוואָלט משלח־זיין אויף יענער וועלט א סטאָליפּינען, האָט נישט אָפּגעהאַלטן די מיעכאָ־ווער יידן צו מסחרן מיט קאַמגאַרן, שעוויאָטן, זשיראַרדאָווער לייוונטן, לאָדזשער ציכן־ און שערצן־סחורות, און יידן, יידענעס מיט קאַליעדיקע מאָגנס, גאַלשטיינער, איינגעגעסענע קאָפּ־ווייטיקן און גלאַט אַזוי מיחושן זענען געפאָרן קיין קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד, באַד קיסינגען, געטרונקען ביטערע וואַסערן, און אָנגעפּילט גוואַישע קור־ערטער מיט ברייט־צע־קעמטע יידישע בערד, מיט ווייסע זאָקן און חסידישע לאַטשן, מיט אַלערליי ווייבערישע שייטלען, קופּקעס און שטערן־טיכלעך, מיטן פלינקן יידישן לשון, מיט תורה־רייד. און פון האַפּן־שטעט, פון ליבאַווע, דאַנ־ציק, פון האַמבורג און ברעמען האָבן טויזנטער יידן, משפחות גאַנצע זיך געזעצט אויף שיפן, זיך אָוועקגעלאָזט למרחקים קיין ניו יאָרק, פי־לאַדעלפיע, טשיקאַגאָ, יאָהאַנעסבורג, בוענאָס איירעס און נאָך אַנדערע שטעט מיט ווייטע נעמען.

די בחורימלעך אין שטעט און שטעטלעך פון מדינת פּוילן האָבן דאָס אַלץ נאָך נישט באַנומען, טייל פון זיי האָבן נאָך געבענקט, גע־חלומט, טייל פון זיי זענען געוואָרן זינגערס בישראל, געשניטן שמאָלינקע בלעטעלעך, געטונקט פעדערלעך אין שיינע בלויע טינטן, און אויף די בלעטעלעך אָנגעוואָרפן קונציקע שורהלעך מיט שמאָלינקע לידעלעך. האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט די געגראַמטע שורהלעך, פון א רייזעלע ביים טאַטנס הייזעלע, פון א פייגעלע מיט אַ ווינקענדיק אייגעלע, פון פאָלק ישראל און זיין לאַנד מיטן וואַנדער־שטעקן אין זיין האַנט; אַס מיינסטן האָט זיך אויסגעצייכנט וואָווע, דעם מצבה־קריצערס, וואָס האָט באַשריבן מיט גראַמען שטעטלשע טיפּן, משה גרשונס ליבע מיט שרטשען דער דינסט, דאָס לעבן פון די שטאָפּערקעס און אַפּילו דאָס אַלטע בית־הקברות.

משהל האָט אים מקנא געווען, און האָט אויך געפּרוווט ווערן א זינגער: די פּאָסט־מאַרקעס, דעם טאַטנס נסיעות, ווייטע לענדער, פּאַלמעס, און זעט, זעט: צעשעם ווונטשן זענען מקוים געוואָרן: בערל האָט זיך

באַקסער־ביימער און שולמיתן, האָבן אים אינספּירירט צו לידער.

געוועזן אין מיעכאָווער מארק אַ ברייטער הילצערנער פּלומפּ מיט אַזאַ שעפּעדיקן שטראָם לויטער וואסער, אז מיעכאָווער יידן האָבן געזאָגט, אז דאָס וואסער האָט אין זיך זיכער אַן אָפּצווייגל פון מרימס ברונעם, וואָס געפינט זיך באהאַלטן ערגעץ אין הייליקן טבריה און שבת־צונאכטס ציען זיך שטראָמעלעך צו אַלע יידישע ברונעמער פון דער גאַנצער וועלט און, כידוע, כחצות, נאָך מלוה־מלכה, ווען יידן דערקוויקן זיך מיט אַ קילן, פרישן טרונק, קען מען אויסבעטן ביים ברונעם אַלדעס־גוטס. אויך משהל האָט געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי צוצוטרעפן די ריכטיקע שעה, בכדי אויסצופּועלן ביי מרימס ברונעם, צו וועלכן מ׳דאַרף זיך ווענדן מיטן שפּרוך „באַוויַיז, באַוויַיז זיך, זיסער קוואַל״. אַלערליי וויכטיקע זאכן. קודם־כּל פּליגל צו פליען אין די אַלע לענדער פון די פּאָסט־מאַרקעס, אין כינע, אביסיניע, סאָמאַלי און האָנגקאָנג; צו זיין אַ דואה ואינו נראה, צו קענען זען אויף מיילן ווייט, פאַרשטיין יענעמס געדאַנקען, צו האָבן קפיצת־הדרך, למשל אַוועקפליען גלייך צו ראָטשילדס וויינקעלערס און זיך אָנטרינקען מיט שמעקעדיקן געווירצטן כרמל־וויין, און פון דאָרטן, אַזוי ווי מ׳וואָרט אביסל שלעפעריק נאָך אַזוי פיל געשמאַקן ארץ־ישראל־וויין, טאָ קען מען אַרויפפליען צום שנייאיקן חרמון, כדי זיך אָפּצוקילן און באותו הרגע זיך אָנצושמעקן מיט די בשמים־ריחות פון די טענען־ביימער פון לבנון...

אויך צעשע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין היים און געוואַנגלט פון ברודער צו ברודער, האָט ביי איר שווּעגערין זלאַטע, אַזוי אין טיפער בענקעניש, געטון אַ טראַכט פונעם זיסן קוואַל, וואָס דערפילט אַזוי פיל וווּנטשן. שוין דריי יאָר, ווי איר „טייער לעבן״, בערל, איז פון איר אַוועק, און זי האָט זיך מיט נסים אַרויסגעדרייט פון פעטער מנשהס תרעומותן: „ווי איז דאָס געהערט און געזען געוואָרן, אַז אַ מויד, שאַ, שאַ, זאָל פאַרזיצן״. צעשע האָט פאַרשוויגן און טאַקע נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג ווי צו בלייבן אַליין אין העלער לבנה־נאַכט מיט דער פּלומפּ שבת־צונאכטס און צו זאָגן דעם שפּרוך: „באַוויַיז זיך, באַוויַיז זיך, מרימס ברונעם״ און אין שעת הכושר אים זאָגן, אַז: „איר הארץ איז פול מיט אים, איר נשמה גייט אויס פון בענקשאַפט צו אים״.

אָפּגעזוכט. בערל האָט שפּעטער, ווען ער האָט שוין אַראָפּגענומען צו זיך זיין צעשען, איר איבערגעגעבן אַלע פּרטים ווי אַזוי ער האָט זיך ארויפ־געאַרבעט, ביז ער איז שוין געווען בכוח איר צו שרייבן: „הארצנסגע־ליבטע, קום!"

מיט פינף רובל אין קעשענע איז בערל אָנגעקומען קיין צירין און זיך דערפרעגט צו גאָדלען, זיין חבר, וואָס איז אַ פּאָר יאָר פריער פון אים אוועק פון פּאָניען און וואָס האָט שוין געהאט אן אייגן געשעפט פון פּארטיקע קליידער אויף דער טעל־גאַס.

גאָדל האָט געכאפּט אַ בליק אויף בערלס יונגע פּלייצעס און אפּנים אויסגעפּונען, אז זיי טויגן אוים צו דעם „פאך", וואָס יעדער ייד מוז אָנהאַלטן אין דער שווייץ, ביז ער אַרבעט זיך ארויף. בערלס פּלייצעס זע־נען געווען מאסיווע, פעסטע און ווי אָנגעמאָסטן אויף צו טראָגן די וואַ־ליזקעס, זעק און פעק מיט צעלניק איבער די דערפער פון דער בארגי־קער שווייץ.

בערל האָט באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט פון אַ וואנדערנדיקן הענדלער. טראָפּנס שווייס, ווי באָב די גרויס, האָבן זיך געגאָסן פון שטערן, אָנגעפילט די אויגן און אַראָפּגערינען אין מויל אריין און מיט זייער געזאַלצענעם טעם נאָך מער פארגרעסערט דעם דאָרשט. דער וועג פלעגט גיין איבער די הויכטאָלן פון די אַלפּן, בארג־ארויף און בארג־אראָפּ, שי־פּועים, און דאָס האָט געפירט אין דאָרף רודלבאך.

די רודלבאכער זענען געווען גוטע קונים פון די וויאָלעטע זייפעלעך, פון די קנעפּלעך, קעם, האָר־נאָדלען, זאָקן, טאַשן־טיכלעך, ציגארן־שפּיצ־לעך, ליולקעס, קרעלן, סחורה־רעשטלעך, תנכלעך, פארביקע קאָנווערטן און שרייב־פּאפּיר.

בערלס נסיונות זענען געווען שווערע. ער וואָלט אפשר אין גאנצן פארגעסן אין צעשען, ווען נישט די פּאסירונג, וואָס האָט אים צוריק־געבראכט צו זיין שורש, ווען נישט דאָס, וואָלט ער, פּונקט ווי גאָדל, חתונה געהאט מיט אַזאַ דיקלעכער שווייצערקע.

דאָס איז געשען אין אַ געוויסן זומער־פרימאָרגן. בערל האָט גע־אָטעמט שווער, זיך אָנגעשפּארט, בעת אַ שווערן אויפשטייג, אויף אַ

שטעקן מיט אן אייזערנעם שפיץ. ער האָט געשפּאַנט גיך, כדי אָנצוקומען פּריצייטיק קיין רודלבאך צו זיין פריער אין דאָרף ווי די מעגלעכע קאָנקורענטן.

פון דער ווייטנס האָבן געשימערט די בארג־שפּיצן, ווי פּוכיקע וואָלקנס שניי. די „יונגפרוי", דער בארג מיטן קאָלפּאַק האָבן איינגעלאַדן צו זייערע הויכקייטן. אָבער בערלען זענען נישט געלעגן אין זינען די שיינקייטן פון דער בארגיקער לאַנדשאַפט. ער איז געווען פארשוויצט פון די פּעק און פּעקלעך, געאײַלט זיך אָנצוקומען קיין רודלבאך, איידער אנדערע וועלן אויסנוצן דאָס פיינע פריינטלעכע דאָרף, ווו מ'קויפט, ווו מ'זידלט נישט דעם הויזירער און מ'זאָגט אים נישט קיין שטעך־ווערטלעך, כאָטש רודלבאך איז געווען א סכנותדיק פרום קאַלוויניסטיש דאָרף. אָבער א פּראָסטער ישוב אין הויכלאַנד, וואָס האָט נישט געהאט קיין האָטעלן פאר טוריסטן, נאָר אָרום און אַרום שטילע רויטדאַכיקע פּויערים־שטיבלעך, פעטע לאָנקעס, וואו ס'האָבן זיך געפּאַשעט די ברוין־געפּלעקטע צאַמע קי מיט גלעקער אויף די געקאַרבטע העלדזער, בייטאָג אויף די טיף־גראָזיקע לאָנקעס און אין אָונט געטראָטלט צוריק אין זייערע גערוימע, ווארעמע, שטיינערנע שטאַלן לעבן די גערוימע באַלעבאַטישע קיכן, אויף וועלכע ס'האָבן תמיד זיך געקאָכט און געזידט טיפע פולע טעפּ, בייכיקע טשייניקעס און מיט פּאָליצעס, ווו ס'זענען געווען אויסגעלייגט פּירעקיקע קעזן די גרויס פון טישן.

היינליין האָט געהייסן דער ערשטער פּויער, וואָס האָט געוווינט אין דער ערשטער הייזקע פון רודלבאך. ער און די היינלעכע האָבן אויפגענומען בערלען מיט ברייט־שמייכלענדיקע פּנימער. די היינלעכע האָט אים מכבד געווען מיט פרישע קארטאָפל געטונקט אין פּוטער און אים געגעבן צו פארטרינקען פּוטער־מילך און צו פארבייסן מיט חתיכות פון די צען־פונטיקע היימיש־געבאַקענע ברויטן. און קריסטל איז געזעסן דערביי און געקוויקט זיך מיט דעם, וואָס דער פרעמדער האָט הנאה געהאט.

קריסטל איז געווען א מויד א געשטעל, א ברייט, א הויך, אלץ איז ביי איר געווען מיט שפע, די אָרעמס, בריסטן, היפטן און די פרישע צייטיקע פאָרמען האָבן געאָטעמט דירעקט אין פּנים אריין, פונקט ווי זיי

וואָלטן זיך אויף איינעם אָנגעלענט. ס׳האָט געשמעקט פון איר מיט פריש אָפּגעקאָכטן היי מיט א ביימיש פון די אלערליי געווירציקע בארג־בלומען, ס׳האָט געשמעקט פון איר פון פערלדיקן פעך פון די יאָדלע־ביימער, פון פריש־פּוכיקן געלעגער אויף ברייטע, גערוימע דאָרפישע בעטן. און אָנגעגעסן איז מען געווען, און א זאטע מידקייט האָט דורכגענומען אלע אברים, האלב פון די פעק און פעקלעך אויסגעפּאַרקויפט און אזא שטיק קריסטל אָטעמט דיר אין פנים, גייט אויף דיר מיט איר גאנצער ווייבלעכקייט. און אז דער היינלײַן מיט דער היינלעכע האָבן שוין געשנאָרכט אונטער די בעלקעס פון צווייטן צימער, האָט בערלען אָנגענומען אזא חשק צו זיין וואָס נענטער צו די ווייכקייטן און ווייסקייטן, וואָס ווינקען צו דיר פון בלוזע און קליידל, פּונקט ווי ס׳גלוסט אמאָל צו קנעטן מיט די פינגער א יערנדיקע טייג־מאַסע. און די בלאָנדע קריסטל איז געזעסן נעבן אים אויף דער באנק. די בערג ארום האָבן געשטומט, א קו האָט פארבענקט אַ מוקע געטון, א קוואל האָט געמורמלט און קריסטל האָט געפּלוידערט, דערציילט די נייעסן פון דער ווירטשאַפט: די מורי האָט זיך אָפּגעקעלבט, ס׳קעלבל, ווי די מאמע; די פּוסי האָט געהאט קעצלעך; די ציג בענצי האָט צוויי נייע ציגעלעך, און די קוואָקעס דאָס יאָר האָדעווען זייער גוט די עופהלעך. קריסטלס פנים האָט זיך פארשאָטנט, זי האָט זיך צוגעטוליעט צו בערלען, מ׳וויל זי חתונה מאכן, ווענצלי וויל זי נעמען, דער וואָס האלט דעם קהלשן בוהיי, אָבער ער געפעלט איר נישט, ער איז מיאוס, ער האָט א געשטופּלטע צורה, ער זויפט... ווען ער, בערנארד, וואָלט זי געוואָלט, וואָלט זי באַלד איינגעשטימט. איר חברטע יאָזעפי האָט אויך גענומען א פרעמדן, אלע פרעמדע האָבן ליב די פרויען זייערע, שיכורן נישט... ווען ער וואָלט איר געזאָגט, וואָלט זי באלד געפרעגט טאטע־מאמע...

פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל ווען בערל איז אמאָל אזוי א טאנצנדיקער, אַן אויפגעלייגטער געגאנגען טאָל־אראָפּ פון רודלבאך, האָבן אים אָפּגעוואַרט ביי אן ענגער בייגונג פונעם שטיינערדיקן משופּעדיקן וועגל א כאָפּטע יונגען, אריבערגעוואָרפן אַ זאק איבערן קאָפּ, אים דורכגעקלאפּט מיט שטעקנס און אים אַריינגעשריגן אין די אויערן:

— דאָ האָסטו דיר פאר קריסטל, איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל

(און אזוי ביז צען מאָל): דו וועסט, דו וועסט, דו וועסט נישט קומען מער, צונעמען אונדזער קריסטל... א פרעמדער ביסטו, סחורה פארקויפסטו, דארפסטו נישט צונעמען ס׳בעסטע ווייבשטיק פון רודלבאך... קריסטל איז אונדזער... פארשטאנען? אויב דו נייטיקסט זיך אין דעם, טאָ גיי דיר אין דיינע ערטער! פארשטאנען? און דאָס איז נאָר אן אויפגאָב...

דאָס גוטע שטראָמל פון מרימס ברונעם האָט זיך פאר צעשען גע־מיט. בערל האָט שוין מער נישט אָנגעקוקט נישט רודלבאך און נישט קריסטלען. מהיום והלאה איז ער מיט זיינע פּעק צעלניק געגאנגען אין אנדערע דערפער, ביז אין א ציריכער באַנק זענען שוין געלעגן איבער טויזנט פראנק, האָט בערל געהאָרעוועט און געשוויצט און צונויפגע־שטעלט א בריוו לויטן נוסח פון בריוונשטעלער און אים געשיקט צו קימעלמאנען אין ווארשע, ער זאָל אויפזוכן צעשען, אויב זי איז נאָך פריילײדיק.

דאָס בריוול איז אָנגעקומען קיין מיעכאָוו. משהל האָט געהאַט א נייע פּאָסט־מארקע און צעשע האָט גוט איבערגעלייענט די קאָטשערעס און לאָפּעטעס, אָבער דער עיקר זענען דאָך געווען די לעבנס־וויכטיקע ווערטער: „ענגעל", „זון מיינע", „איינגעבאקן אין הארצן", „אייביקע ליבע", „גליקלעך מאכן", „איך שטיי אויף די קני און בעט דיך, דו זאָלסט ווערן אויף אייביק מיינע", „דיין דיך ביזן גרוב ליבנדיקער בערל".

סוף זומער 1908 האָט שבתי מאנדלבוים באַגלייט זיין שוועסטער צו איר באַשערטן. וואָרום דער עיקר האָט שבתי נחומס געזאָגט, אז ביי א מענטש דארף מען זוכן אַ ריין הארץ, כאָטש מיט ווינציק תורה און אז ער, בערל, האָט אויף צירלען אזוי לאַנג געוואַרט, איז עס מסתמא מן השמים.

א סך וווּנטשן זענען דאָס יאָר מקוים געוואָרן. רייזל האָט געפונען איר זיווג, אַזוי ווי חוה־איטע האָט אַרויסגעזאָגט איר ווונטש אין א הייסער תשעה־באב־נאכט ביי מרימס ברונעם: אַ געפּוצטן יונגנמאן, תורה וגדולה במקום אחד, א פאפירן קראַגנדל, פאפירענע מאנישקעס, די פּאה־לעך פארבויגן הינטער די אויערן און אַ געשעפטל אויף נאָוואָמיעסקע גאַס. אויך גיטלס באַגער איז דערפילט געוואָרן. זי איז געוואָרן אן אלמנה

נאָכן גביר כאַזקל שערעשעווסקע און ס'האָט געקענט זיין א רייד פון חתונה האָבן מיטן לאַנגהאָריקן פּאָעט.

נאָר איין ר' הערשעלע אַלעקסאַנדערער האָט שוין נישט געהאַט נישט די אמונה און נישט דעם נייטיקן בטחון צו גיין עפּעס בעטן פאַר זיך ביים לויטערן קוואַל פון מרימס ברונעם, און שוין יאָ בעטן, וואָלט ער דאָס געדאַרפט טון פאַר זיינע זין שמעלקע, איטשע־מאיר, וואָס אמת גרויסע למדנים, שאַרפע חסידים, אָבער נאָך גרעסערע מחסרי לחם. פאַר זיך האָט ער וויניציק וואָס צו פאַרלאַנגען. סיי־ווי־סיי קרוב לשבעים; וואָלט ער אפשר געבעטן צו האָבן ריינע כוונות ביי דער תפילה, נישט קיין מחשבות זרות, קענען לערנען לשמה...

נאָך דעם ווי ר' הערשעלע איז זיך צעגאַנגען מיט דער „קופּקע", איז עפּעס אריין אזא מין גרינגקייט איז זיין גוף, דער טריט איז געוואָרן גרינגער, וואָלט זיך כ'לעבן געקענט באַגיין אָן שטיקל שטעקן, וואָס האָט אים געדינט אָנצולענען זיך אין אים. אפילו די מחשבה איז געוואָרן פּעדערלייכט. ממש פּורק עול עולם הזה: נישטאָ קיין קראָם, נישטאָ קיין גריזשליווע יידענע, וואָס בפירוש האָט אים כסדר מבלבל געווען פון די רעיונות. גייט זיך א גרינג פריי יידל, גרינג אזוי ווי די נשמה אליין, גייט ער, שוועבט ער אויפן מיעכאַוווער ברוק, אויף די הויקערדיקע טראָטואַרן, פון זלאַטען אין שטיבל, פון שטיבל צו זלאַטען, פון זלאַטען צו א שלום־זכר, א יאָרצייטל, א יומא־דפגראַלע, געטרונקען אביסל יי"ש, פאַרביסן א שטיקל לעקעך, — גייט זיך א בגלופנדיק יידעלע און ברומט א ניגונדל פון רבינס ניגונדלעך, געטרונקען האָט ער אן עוקצל, אָבער בגלופנדיק איז ער פאַר א פערטעלע.

זלאַטע האָט געוואָלט, דער טאַטע זאָל בלייבן מיט איר. שבתי פאָרט דאָך אַרום, איז גוט צו האָבן עמיצן, וואָס זאָל וואַרפן א בליק אויף די קינדער, זיי פאַרהערן, פּריוויטיק־צו־נאַכטס קידוש מאַכן, היינט, געלויבט דער אויבערשטער, קען זיך א טאַטע ביי איר אַרומדרייען אין שטוב אָן דאגות, מ'דאַרף שוין נישט זשאַלעווען ס'שטיקל צוקער, פלייש ב"ה אַלע טעג, און עפּעס מער, און אפילו מעבל ווי ביי א גביר... ר' הערשעלע שאָקלט מיטן גרויען גרינגן בערדעלע אויף ניין, ניין און ניין! אריינקומען בכל יום ויום, עסן א לעפל וואַרעמס, מהיכי תיתי, כאַפּן א קוק אויף

משהלען און אויף די אַנדערע סמאַרקעס, מהיכי תיתי, אָבער ווינען לאַ ולאַ. וואָרום יעדער מענטש מוז זיין פאר זיך, טראַכטן אין זיין ווינקעלע, וואָרום יעדער מענטש האָט זיך זיינע התנהגותן, זיינע פארקרומטקייטן, על כן קען מען דאָך ווערן א משא כבדה אויף עמיצן. מהיכי תיתי: עונג שבת אין איינעם, אָבער אזוי בכלל מוז א ייד האָבן אן אייגן ווינקל.

געדונגען די פאציאַטקע ביים חיים זלאָטשעווערן און זי אָנגעפּילט מיטן הון־רב, וואָס איז אים געבליבן פון איינטיילן זיך מיט דער מומען. דאָס הילצערנע בעט מיטן ביסל בעטגעוואַנט, א קאָמאָדע מיט די דריי צעפּאָרענע שופלעדער, א שמאָל טישל מיט צוויי בענקלעך און ווי אן איבערבלייבעכץ פון דער אמאָליקער גדולה א פּאָטערשטול און אן איילבילד פון „חכם צבי", ר' הערשעלעס יחוס. כטוב לב המלך, אז ר' הערשעלע איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער משהלען באַוויזן געגוי, אז דעם גאון חכם צבים יחוס ציט זיך אין דירעקטער ליניע פון דוד המלך, א קלייניקייט פון דוד המלך! און דאָס איילבילד אראָפּגעכאַפּט בעתן דאַווענען, עפּעס א גוי האָט דאָס געטון גיך, גיך... אונטער א בלומיקן פארהאַנג זענען געווען אויסגעסדרט ס'ביסל מלבושים: די וואָכעדיקע אלפּאַקענע זשיפּעצע, און די שבתדיקע אטלאַסענע, וואָס איז ממש געווען צעדריוולט און אזש גרין פאר אלטקייט; אויף א טשוואַק — דאָס אויסגעקראָכענע שטריימל, וואָס איז געוואָרן ביסלעכווייז אזוי איינגעשרומפּן ווי הערשעלעס גופּל; אויף צוויי דריי פּאָליצעס — לעבן קאַכלנעם אויוון ס'ביסל איבערגעבליבענע ספרים, אָן טאָוולען, בלויז ר' יעקב עמדינס סידור האָט געהאַט לעדערנע טאָוולען, אָבער דאָס אָפּגעלייטע גאָלד איז געווען אָפּגעבליאַקעוועט, פון זאַץ חקלעך האָבן געפעלט בלעטלעך; אויך האָבן זיך געוואַלגערט דעם „חכם צבים" א חיבור, צוזאַמענגעבונדענע אין איינעם — א פּאָר פון די קליינע מסכתות; די בבאָס, דעם סדר מועד און אנדערע גמרות מיט די ריזיקע פרושים האָט ר' הערשעלע, נישט היינט געדאַכט, געמוזט פארזעצן, נאָך פאר דער ליציטאַציע פון דער קראָם. אז ר' הערשעלע איז אליין, דרייט ער זיך א צייט ארויף און אראָפּ איבער די דלת על דלת פון דער פאציאַטקע, צינדט אָן די ספּירט־מאַשינקע, קאָכט אויף א טשייניקל וואַסער, צעשניידט א הערינג, בייסט צו דעם ווייכן טייל פון אלטגעבאַקענעם ברויט, געטונקט אין טיי און ברומט

מיט א אין־זיך־שטימעלע אַ ניגונדל, א ויאתיו־געזאנגל, אָדער גאָר ארשת־שפתינו...

ר׳ הערשעלעס גופל ווערט וואָס גרינגער און גרינגער, און וואָס לייכטער אָן־וואָגיקער דאָס גשמיות, וואָס שטאַרקער זינגט עס אין אים, וואָס פריילעכער פּראַוועט ער די מלוה־מלכה. אָבער וואָס רוחניותדיקער ר׳ הערשעלע ווערט, האָט זלאַטע ממש מורא אים צו לאָזן אליין אין דער פּאַציאַטקע פון חיים זלאַטשעוער, משהל מוז מיטן זיידן איבערנעכטיקן, וואָרום מחמת חולשות קען מיט אים, חלילה, עפּעס פּאַסירן, א מענטש אליין אין אן אויבערשטיבל, וואָס גייט ארוים אויף א גויאישער פאבריק־גאַס.

משהל שלאָפט מיטן זיידן, פארנעמט זיינע התלהבותדיקע „אוי־טאַטע־פאָטער״ דביקותן, בעת ער פּראַוועט די סעודה, וואָס דוד המלך האָט מתקן געווען (פון חכם צבים זייט שטאַמט ער דאָך אָפּ אין דירעקטער ליניע פון דוד המלכן, איז דאָך אויף אים מוטל דער חוב צו פּראַ־ווענען מלוה־מלכה כהלכתו). אויפן שמאָלן טישל, וואָס איז באַדעקט מיט פּאַפּירן, ליגן אויסגעלייגט די שיריים פון די שבתדיקע סעודות: אַ שטיקל געפילטע פיש מיט געגליווערטע פיש־יויך, א שטיקל לאָקשנ־קוגל, א האַלבע חלה און א ביסל ראָזשינקע־וויין. ר׳ הערשעלע זאָגט און זינגט, א בים און א זאָג, א בים און א זינג, א זינג און א שפּרונג אונטער... „אין דעם אויסגאַנג פון טאָג פון רו, געפין פאר דיין פאָלק אַ ברייטקייט, שיק אונדז אליהו הנביאן, וועלן פארשווינדן טרויערן און קרעכצן...״ נעמט דער זיידע פלוצים אונטערטאַנצן מיט דריבנע קורצענ־קע טענצעלעך, דאָס גרויע שיטערע בערדעלע טאַנצט מיט, ארויף און אראָפּ. אהער און אהין, דאָס פלעמל פון קאפּסל דוכט זיך טאַנצט אויך אונטער, עס איז גאָר העלער געוואָרן, „... וואָרום דער שומר ישראל טוט די פינצטערע נאַכט באַשטראַלן, דער דערבאַרעמדיקער גאָט איז געווען אַ הילף אונדז...״ און א לעבעדיקער, פריילעכער! מילא־מאַ, איז מען נישט קיין נגיד, האָט מען נישט קיין ממון, ווי זאָגט דאָרט די גמרא חגיגה: „שיין איז אָרימקייט פארן ייִד, עס פּאַסט אים ווי א רויט ציימל פאר א ווייסן פערד״... וואָרום וואָס איז דער חילוק אָרים צי רייך, סיי ווי סיי הערט מען שוין די טריט פון משיחן, באַלד וועט קומען דער

מבשר און אָנזאָגן די גאולה. טאַנצט ר׳ הערשעלע מיט פריילעכע בטחונ־דיקע טריטלעך, טאַנצט מיט זיך אַליין אין קרייז, טאַנצט אוים די מעשה פון איש חסיד היה: געווען אַמאָל אַן אָרימאַן, אַן אָרימאַן אָן ברויט, קיין שוך, קיין קלייד געהאַט צום לייב... האָט זיך אליהו התשבי געלאָזט פאַרקויפן דורך אים פאַר אַ קנעכט און דער חוסר־כּל איז געהאָלפן געוואָרן... ר׳ הערשעלע טאַנצט אַרום זיך אין עגול, ממש פייער, פאַר־נעמט, פשוטו כמשמעו דאָס קול של משיח, ווערט אַזוי גרינג, פעדער־דיק גרינג, און בעט משהלען, ער זאָל אים דערלאַנגען אַ טרונק, כאַפּן אַ לויף צו דער מאַרק־פּלומפּ; קוויקט זיך דער זיידע: אַ, אַ, אַ, טעם גן־עדן, אַ וואַסער ווי זיסער ווייַן, יין המשומר, מרימס ברונעם, וואָס קוואַלט אַזש פון טבריא, פון ארצנו הקדושה...

און ר׳ הערשעלע זעצט זיך לערנען אַ פּרק מועד קטן, ער האָט ליב די קליינע דינע באַוואָלהטע מסכתלעך, וואָרום די גרויסע דיקע גמרות לערנען דאָך אַלע, אַלע בלעטערן זיי, אָבער ווער קוקט זיך אום אויף אַ מועד קטן?

און פּונקט האָט דער פּרק שלישי אָקעגנגעווינקען, פּונקט צו דער לעצטער מלוה־מלכה זיינער איז ר׳ הערשעלען אויסגעקומען מעין צו זיין אין דעם פּרק וועגן די ספדנים, די באַקלאָגערס אויף דער פּטירה פון תלמידי חכמים; האָט ר׳ הערשעלע געברומט אַזוי טרויעריק־כּל נדרי־דיק: „...אַז רבה בר רב חונא איז איינגעגאַנגען, האָבן די באַקלאָגערס אַזוי־אָ באַקלאָגט: אַ זון פון חכמים וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין דער מלחמת התורה... און אַזוי איז ר׳ הערשעלע שטילינקע הלך לעולמו געוועזן, בלויז דאָס פעדערלייכטע גוף האָט לייכט אַ צוק געטון, אַ מענטש איז איינגעגאַנגען...

גאַנץ מיעכאָוו האָט באַגלייט ר׳ הערשעלען צו זיין אייביקער רו...

די פּאַפּירענע בריק

פאַרשידענע וועגן האָבן זיך געצויגן פון מיעכאָוו און דורכגעקרייצט דאָס שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט, טראַקטן צו אַלע זייטן פון פּוילן. שאָסייען ווי ריזיקע שרינטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן און צעקעמט קויאַוויע, אַ רייכע אין ברייטע שטראָמיקע טייכן, שנירלענדיקע זילבער־טייכלעך דורך גרינע פעטע פּאַשע־פעלדער, רייכע אין טאָפּאָלעס־גיבורים; וועגן לופטיקע ברייטע, וואַלד אַריין און וואַלד אַרויס צו אָזער־קאָוו, לינטשיץ, קוטנע, וולאָצלאַוועק, וואָס פאַרלירן זיך ביי די רוישיקע ווייסל־ברעגעס מיט זייערע זאַטע דערפער מיט פּאָלוואַרקן, מיט סעדער באַלאָדענע מיט אַ שפע פון פּירות, מיט שווערע זומער־שפּרענקלענדיקע באַרנעס, מיט בשמימדיקע עפּל פון כל־אַלערליי מינים, מעליקע זומער־עפּל אויף באַלד צו געניסן, עפּל מיט האַרטע שאָרסטקע שאָלעכצן, וואָס ווייניקן און צייטיקן ערשט ווינטער אין די קעלערס, עפּל צו קאָמפּאָטן, עפּל האַרטע טיפרויטע (אַ רויטקייט שווער צו מאָלן) פאַר שמחת־תורה־דיקע פאָנען; סעדער מיט וויינשל גרויסע ווי פלוימען און פלוימען גרויסע ווי עפּל, פלוימען פון אַזויפיל פאַרבן, אַזויפיל שאַטירונגען, פלוימען פוטער־ווייכע (שלינג זיי, שטיקער זיסער ווייכער בשמימדיקער בורשטין), פלוימען אָוואַלע בלוי־וויאָלעטעדיקע מיט אַזאַ איידל דין טויעלע אויף זיי (געניסן זיי פון בוים צום מויל, אַ גיכן קוועטש צווישן גראָבן און ווייזפינגער), פלוימען צו טרוקענען פאַר קאָמפּאָטן פאַרן פּשוטן ייד, וואָס וויל האָבן אַן עונג־שבת, פאַרמאַכן די אויגן, זופּן די יויך די רויטע, אויסרופן פאַר תענוג: אַ, אַאַ, אַ; און פלוימעלעך קלייניקע האַרטינקע פאַר די גרויסע טעפּ, אין וועלכע באַלעבאָסטעס פּרעגלען פּאָווידלע צו באַשמירן דאָס ברויט פון חדר־ייִנגלעך; וועגן צו גרינצייג־

גאָרטנס מיט דינשאָליקע באַטעמטע שבועות־קאַרטאָפּעלעך, מיט זאַפטיקע בייכיקע פּאָמידאָרן, מיט מאַסיווע קרויט־הייפּטלעך, שווארצע רעטעכער, ראָזעווע קילריבן, יוסטע טיפוואָרצלדיקע מייערן, מיט הארבע ראבארבערן, מיט ארבעס־שויטן צו כראָמדזשען, מיט שטשיפּיאָרעק צום סוואָרעך; וועגן, שטעגן אלערליי: באָטשנע, טיפזאַמדיקע, בלאָטיקע, האַרטע און באַזוימטע מיט קזשאַקעס פון שטענגעלעך, אגרעס און האָזענניסלעך; וועגן, אויף וועלכע ס׳שאָקלען זיך טאָג און נאַכט פוילע הויכע בוידן, וואָס גייען קיין מאזאָוויע דער בלוי־כאַטעדיקער מיט זיינע גרינגראָזיקע לאָנקעס מיט זיינע ראבע פול־אייטערדיקע קי, מיט זיינע געשמאַקע קאָרנברויטן, מיט זיינע פויערטעס מיט די פיל־קאָליריקע כוסטקעס, מיט זיינע אויפגעוועקטע מאַזורקעס. וועגן־שטעגן האָבן זיך פארלוירן אין די סאָסנאָווע וועלדער פול מיט זשיוויצע־ריחות, אין די וועלדער פון בעריאָזע־זאפטן וואָס מאַכן ווייך און גאָלדיק די מיידלשע האָר, וועגן אין די טיפע שווארצע סודותדיקע פוילישע וועלדער וואָס היטן די האָריזאָנטן...

און אלע וועגן האָבן זיך אריינגעריסן מיט באַנען, טראַמווייען, מיט בעלי־עגלהשע קולות אין לאָדזש דער טויזנטקוימענדיקער, אין לאָדזש דער פאררייכערטער, אין לאָדזש דער רווישיקער, לאנגסגאסיקער, לאָדזש דער לויפנדיקער, שמייענדיקער, הודזשענדיקער, טרייסלענדיקער, זשומענדיקער, אין לאָדזש דער פולער פון מיליאָנען קולי־קולות, פון דאמף־טורבינען, פון פּאַטשענדיקע רימענס, פון שתי־וערבדיקן קעט־און שום, פון שפּינדלען־ און פּאָדים־שפּיל. לאָדזש דאָס אייביק־פארנומענע, בהלהדיקע האָט פון דער הויך פון אירע קוימען־שפּיצן פארכישופט מיט זיין פיבערדיקן אָטעם אלע שטעט און שטעטלעך ארום און ארום, איינגעזויגן אין זיך ווי מיט אן אומגעהייערן מעכאַנישן זויג־אפאראט אין משך פון דער וואָך די אלע תמימותדיקע יידן פון סטריקאָוו, אלעקסאנדער, לוויוויטש, סקערניעוויעץ, אלע שטילע יידן, פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, כדי אין משך פון דער לאנגער וואָך זיי צו פארוואנדלען אין שמייענדיקע, רעשנדיקע, האַנדלענדיקע, שפּעקולירנדיקע, פּרוונדיקע, זיך שטופּנדיקע ברואים, וואָס ניוכען, ווערן געוווּיר אָדער ווילן געוווּיר ווערן, ווו ס׳געפינט זיך ערגעץ ווו דאָס מין פרנסה. לאָדזש האָט זיי איינגעשלונגען אין

אירע שווארצע איינגעווייִדן די אַלע פּראָווינצער יידן מיט זייערע בערד, מיט זייער הדרת־פּנימדיקייט, מיט זייערע לאַנגע אָן פּגימהדיקע זשיפּע־צעס, מיט זייערע תורה־אויגן — איין מאַסע, וואָס האָט זיך געקנוילט, געשטופּט, געשטויסן, געוויכוחט, געפּרוווט מוסטערן, געשמעקט וואָלן, געדרייט בייוולען, געדונגען, אראָפּגעדונגען, אויפגעוויקלט שטויסן סחורה, באַטאַפּט ראַמשן, רעשטלעך, בארכעטן, סאַמעטן, קאַשעמירן, פּערקאַלן, שפּיצן, פּליושן, סערוועטן, טליתים, גאַרדינען, באַדרוקטע און באַמאָלטע טיכער און אַלץ וואָס לאָדזשער וואַרשטאַטן, פאַבריקן, קלייטן, געוועלבן האָבן ארויסגעכישופט.

געשמט האָט זי: לאָדזש די פּרנסה־שטאָט, וואָס האָט געמאַניעט איידעמס אַראָפּ פון די קעסט, תכלית־זוכער, נשרפים, געזעלן, און אַלע וואָס האָבן אין מיעכאָוו, לוטעמיערסק, פּיעטרעקאָוו, קינסק, טאָמאַשאָוו גאַרנישט געהאַט צו טון — זענען זיי געקומען קיין לאָדזש, פורמאַנעס האָבן זיי אויסגעשפּיגן פון זייערע בריטשקעס, בוידן, די פּרנסה־זוכער, ווער מיט א פּאָר מאות, ווער מיט צענערלעך און ווער מיט עטלעכע גילדן אין א קניפּל.

אויך סתם באַלעבאַטישע קינדער האָבן נאָך אויף די בית־המדרש־בענק, אין די שטיבלעך געחלומט פון לאָדזש, ווי „מ׳לעבט". עפּעס איז דאָרט פרייִלעך, פרייִלעכער ווי אויף א יאַרמאַרק; יינגלעך־שקצים, ליידיק־גייערס, וואָס די מאַמעס האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה־טון מיט זיי, ווייל די טאַטעס האָבן די גאַנצע וואָך געשמאַכט, געניוכעט נאָך פּרנסה אויף די טראָטואַרן פון פּיעטרעקאָווער אָדער נאָווימיעסקער גאַס, — האָבן זיך דערביוועט צו די מאַמעס טאַשן, ווו ס׳האָט זיך געפונען א לעצטער גראָשן און עוקר געווען דערמיט קיין לאָדזש, כדי צו זען אַ וועלט, אריינקוקן אין די זאַלן מיט די „לעבעדיקע בילדער", נאַשן די אויסטערלישע לאָדזשער נאַשערייען, אָדער גאָר אויספּרוּוון זייער צאַפּל־דיקע אומצייטיקע מענערישקייט.

משהלם מיעכאָווער שטילע פאַרחלומטע וועלט איז אַנדערש גע־וואָרן. די פרומקייט, וואָס דער זיידע ר׳ הערשעלע האָט מיט אַזויפיל עקשנות אין אים אריינגעפלאַנצט איז ערגעץ ווו אויסגערונען. ביכלעך, חברים, כסדר זיך פאַרשטאַרקענדיקער סעקסועלער הונגער האָבן אפשר

דערצו גורם געווען, וואָס דאָס דאווענען, דאָס לערנען, דאָס שטיבל האָבן אָנגעוווירן זייער רייץ. אויך דאָס וואָס דער טאַטע איז חדשים־לאַנג געווען אונטערוועגס מיט זיינע גרויסע הילצערנע געשמידטע קאָפערס פולע מיט קאָלעקציעס פון מוסטערן פון די לאָדזשער און דייטשע וועבשטאָפן, און אויך דאָס וואָס דאָס יינגל איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון גרשונען, שבתים ברודער. גרשון האָט זיך עפּעס נישט געהאַלטן אויף קיין שום פּלאַץ, נישט געקענט זיין אפילו א פריקאַזטשיק ביי אווראָמטשע לייבטשעס, ווייל ער איז געווען אַ צעהושטער, פלעגט זיך פארקוקן אויף א פארבייגייענדיק מיידל און איר נאָכקוקן מיט אזוינע גלאָצנדיקע אויגן, אז ס׳איז אזש געווען אויפפאַלנדיק. אווראָמטשע לייבטשעס האָט זיך באַקלאָגט פאר זלאַטען, אז גרשון פעלט גאנצע טעג פון געשעפט, ווען ער וואָלט זיך אויסגעטויגט, וואָלט ער אים באַצאָלט א רובל א וואָך. זלאַטע האָט זיך געקנייפּט די באקן פאר בושה און פאר זאָרג. זי האָט געוווסט, אז דער „יונג" מאַכט אויך קאַליע משהלען, זיי „פליאָנדרעווען" ארום אויף די הינטערגאַסן פון מיעבאָוו. גרשון פּאַקט אוים פארן געפילפולן יינגל די פאָרשטעלונגען, איינבילדונגען פון זיינע אומגעזעטיקטע און אומדערפילטע גלוסטענישן, מיידלעך, מיידלעך, מיידלעך... און אין משהלען — דערוועקט אזוי מאָדנע באַגערן, א ים פון טרויער און אומ־דערקלערלעכער מרה־שחורה.

ווי האָט זלאַטע שבתין געקענט אין א בריוו אַלץ ארויסשרייבן, וואָס זי ליידט זיך אָן פון דעם „יונג", וואָס רעדט אָן משהלען צו אַלדעם בייז. אָט די מעשה פון אַרויסגנבענען א פינף־רובל־שטיק און פארשווינדן אויף צוויי וואָכן אין תהום לאָדזש. זלאַטע האָט געוואָלט גומל בענטשן, ווען משהל איז נאָך די פערצן טעג צוריקגעקומען, אוי־וויי אין סאַ׳ע צו־שטאַנד! דאָס געלט, א שיינע ריינע כפּרה, אָבער וואָס האָט דער אויס־וואָרף געוואָלט פון „קינד"?

זלאַטע האָט אַ פּאַטש געטון מיט די דלאָניעס, געקנייפּט זיך די באַקן און אויסגעשריגן נישט מיט איר קול: — ווי איז מיר! ווינד איז מיר! ווו ביסטו געווען? ווי האָט דאָס א יונג א „יאַנעם" אזוינס אָפּצור־טון?

זי האָט געוואָלט מאַכן א גוואַלד, אז אַלע זאָלן הערן, אז אַלע זאָלען

וויסן, אָבער זי האָט עס נישט געטון, ווייל משהל איז געווען אַזוי אַ תל, אַזוי מאָגער, אַזוי שמוציק (ממש פּאַרלייזיקט), אַז זלאַטע האָט אים גיך באַטאַפּט דעם קאָפּ, זען צי ער האָט נישט קיין היץ, איין מאָל און נאָך אַמאָל און זיך איבערצייגט, אַז דאָס קינד איז „פּאַרביי״. גרשון האָט פון אים געמאַכט דעם אמתן תכלית...

משהל איז געשטאַנען פאַר דער מאַמען ווי אַ פאַרמשפּטער און האָט זיך ערשט איצט אָפּגעגעבן חשבון וועגן די פּרטים פון זיין ערשטער נסיעה, פון וועלכער ס׳איז אים געבליבן ווי אַ ביטערער נאָך־טעם אין מויל און אינעם גאַנצן לייב־און־לעבן.

דער אָנהייב איז געווען אַזוי וווּנדערלעך. דאָס געגנבעטע גאָלדשטיק איז נאָך געלעגן אין אומבאַרירטס אין גרשונס הויזן־קעשענע. גרשון איז געווען דער פירער איבער די לעבעדיקע גאַסן. געגאַנגען טענצלנדיק איבער דער ברייטער פּיעטרעקאָווער גאַס, איינגעטווישט ס׳גאָלדשטיק און באַקו־מען פאַר אים אַזויפיל קליינגעלט, אַז די קעשענעס זענען אַזש שווער געוואָרן. קודם כל אַ נאַש געטון. משהל האָט ליב האָניק־קיכלעך, טשאַסט־קעס, שאָקאָלאַד... גרשון האָט זיך געקויפט פּאַפּיראָסן, געגעבן צו פאַר־רייכערן משהלען. משהל האָט געשלונגען אין זיך דעם רויך און ס׳איז אים געוואָרן זייער איבלדיק, אַלץ האָט איצט געשמעקט מיט רויך און ער האָט געפּרוווט דעם ריח פון זיך אויסצושפּייען און נישט געקענט. גרשון האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער, משהל, איז נישט גענוג מענעריש, דערפאַר קען ער נישט געניסן און הנאה האָבן פון אַ פּאַפּיראָס. דאָ אין לאָדזש וועט ער אים אויסלערנען אַ סך וויכטיקע זאַכן, אָבער צוערשט דאַרף מען אַריינגיין זען ווי מ׳הייבט אַ „פּוס״.

אין טעאַטער „אַפּאָלאָ״ האָבן עפּעס אַ מאַן און אַ פרוי געטאַנצט אין געפּאַסטן ראָזעווען טריקאָט, פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען יאָ נאַקעט, נישט נאַקעט. גרשון האָט געקוואָלן, משהל איז געווען צעמישט, וואָרום גרשון האָט אים געזאָגט, אַז דאָ אין לאָדזש קען מען זען מיידלעך אין גאַנצן אויסגעטוענע. דערווייל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער בינע אַ זשוואַווע יידל, וואָס ס׳האָט אים נאָכגעהאָנגען אַ געוואַלדיק גרויסע רויטע פּאַטשיילע פון שליץ, פון דער געהאַקטער זשיפּיצע און

ער האָט אקעגנגעטאנצט א יצר־הרעדיקער יידענע אין א שייטל,ביידע האָבן געזונגען מיט אַזעלכע קרייענדיקע לאַמטירעדאַם־שטימעלעך:

אַזוי האָט אויך געטון מיין טאַטע,
וואָס האָט געהאַט אַ ווייב אַ מאַמע זלאַטע,
אוי, אוי, לאַמטירעדאַם, אוי, אוי, אוי...

מ׳האָט געזונגען נאָך אַנדערע לידלעך, אַלע האָבן געלאַכט, משהל האָט נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון צופרידענעם געלעכטער... די ערשטע נאַכט איז מען געשלאָפן אויף נאַוואָמיעיסקע גאַס, אין אַ שטוב פון אַ צען בעטן, ביידע אין איין בעט. גרשון האָט פאַרזיכטיק אַרונטער־געלייגט די הויזן אונטערן קישן: מ׳דאַרף אָפּהיטן ס׳ביסל מינץ... אין איין טאָג איז אוועקגעגאַנגען אַ רובל. געבליבן זענען נאָך פיר רובל. אין אַ פּאָר טעג וועט ער זיך אָפּזוכן אַן אַרבעט. דערווייל זאָל מען נאָך אַ לעב טון. דאָס פינפערל האָט ער „גענומען", ווייל ער האָט געהאַט חשק צו באַווייזן משהלען ווי אַזוי מ׳קען הנאה האָבן פון לעבן. אַזוי באַלד ווי ער וועט פאַרדינען, דאַ אין לאָדזש צאָלט מען אַ פּריקאַזטשיק מער, נישט ווי ביי אַווראַמטשע לייבטשעס, אַז ער וועט האָבן געלט, וועט ער זלאַטען אָפּגעבן ס׳גאָלד־שטיקל און נאָך מיט אַ סמיטשיק. ער, גרשון, איז נישט קיין גנב... ער וויל נאָר זען די פאַרגעניגנס פון לעבן. דעם צווייטן טאָג האָבן זיי זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער גערטנער, פּלעצער, געקוקט ווי מ׳שמייסט פערד אין שווערע לאַסט־וואָגנס איינגעשפּאַנטע, געשלונגען בייגל, פאַרביסן מיט אויפשניט און פאַרטרונקען מיט סאָדע־וואַסער מיט זאַפט און אַקעגן אָוונט צו האָט גרשון משהלען אַרויפגעפירט אויף אַ צווייטן שטאָק פון פּאָלודניאָווע גאַס. ער זאָל נישט זיין קיין נאַר, קוקן און זען ווי מ׳פאַרזוכט פון עץ־הדעת... נאָך דעם האָט משהל לאַנג געוואַרט אויף גרשונען אויף די שטיינערנע פאַרבלאָטיקטע טרעפּ... נאָך דעם ווי גרשון האָט זיך סוף־כל־סוף באַוויזן, איז עפּעס אַ פרוי אַרויס־געקומען פון אַ פאַרדרייבערטער קיך, זיי אָנגעהויבן שעלטן און זידלען:

— ראָציונגען, שיקסע־קריכערס... זי וואָלט אַזעלכע... אַ שאָד וואָס אַזעלכעם טראָגט די ערד.

גרשון האָט זיך געלאָזט באַליידיקן, און משהל האָט זיך געפילט ווי אַ טמאַדיקער, ווי אַן איינגעניאָרעטער אין טויזנטער אומריינקייטן, מיט

אַזאַ גוף קען מען שוין מער נישט אַהיימקומען, קוקן אַן ערלעכן מענטש אין די אויגן אַריין, וואַשן וואָלט מען זיך געדאַרפט אין טויזנט ריינע, קילע שטראָמען... עס האָט אים דערנאָך אַ גאַנצן טאָג געעקלט פאַרן עסן, די זעמל האָבן געהאַט אַ טעם ווי לעדער, די לופט אַפילו האָט אויסגעזען ווי מוטנע. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אַלע קוקן אויף אים, פאַרשן אים מיט אָפּלאַכערישע אויגן... כּייקעלע פון מיעכאָוו ווײנט ביטערלעך: אַזעלכער און אַזעלכער איז ער?! דאָס מיינט אהבה, וועגן וועלכער ס׳זינגט שיר השירים? און היינריך היינע? אַזאַ מויד מיט אַזעלכע רייד, מיט אַזאַ כריפּעדיקער שטים, און אַזאַ שאַרפער ריח, אַן אויסמיש פון... ניין, כּייקעלע, מער וועל איך נישט, מער וועל איך נישט...

עס זענען געבליבן צוויי רובל... גרשון האָט באַפוילן משהלען אַהיימצופאָרן. ער איז נישט פאַר לאָדזש, ער ווייזט אויס צו זיין אַ צעקראָכענע בריה, והא ראיה: איין מאָל געגאַנגען צו אַ נקבה, פילט ער זיך אַזוי ווי... כ׳ווייס וואָס. נאָך נישט געקומען זיין צייט, זאָל ער זיך האַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטוך... אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט דער מאַנספּערשוין זיך אין אים צעשפּילן. ער, משהל, מוז צוריק אין מיעכאָוו. ער, גרשון, וועט בלייבן, זוכן אַ שטעלע, אַרומדרייען זיך, ביז ער וועט געפינען... אין מיעכאָוו קען ער מער נישט זיין, ווייל זי, זלאַטע, משהלס מאַמע, וועט אים מאַכן דעם אמתן שם, זאָל ער זאָגן, אַז דאָס פינפערל איז זיכער, ר׳האָט עס נאָר אויסגעבאָרגט. מיט צוויי רובל קען ער נאָך אויסקומען אַ שיינע פּאָר טעג, ר׳האָט אַן אָרט, וו מ׳קען שלאָפן פּאַר צוויי קאָפּיקעס אַ נאַכט...

זלאַטע וואָלט דעם יונג געמאַכט דעם אמתן ברוך־הבא, אָבער איצט האָט זי געציטערט איבער משהלס געזונט. געגומען שרייבן אַ בריוו שבתין קיין טיפלים, אַראָפּגערעדט זיך פונעם האַרץ, אַז זי פאַלט פון די פיס צוליב די קינדער, בפרט צוליבן בכור, וואָס האָט אַ בעל־יועץ אַ גרשון, וואָס שלעפּט אַריין אַ ריין קינד אין דער נעץ פון זינד... די לעצטע פּראַזע האָט זי אַרויסגענומען פון דעם פאַרכאַפּנדיקן ראָמאַן אין „היינט", וואָס שטעלט פאָר ווי אַלפאָנסן לויערן אויף אומשולדיקע מיידלעך, וואָס רעדן אַן טאַטעס־קינדער צו פירן אַן אויסגעלאַסן לעבן מיט פאַרשלייערטע דאַמעס, וואָס האָבן די טבע דווקא זיך צו פאַרליבן אין זעכצן־יעריקע

בחורימלעך און מאַכן זיי זינדיקן. און לאָדזש איז דאָך, כידוע, אַ שטאָט מיט בעל־עבירהניקעס...

משהל איז נאָך דער־אָ פּאַסירונג אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָפקייט. זלאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געקומען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעגעסן מיט גרינע האַליקע עפּל. משהל האָט באַקומען פּערציק גראַד, נישט געוווּסט וואָס ער רעדט, עפּעס געבאַלבעט וועגן אַ געלער מויד פון פּאָלודניאָווע... די מויד האָט אויסגעשטשירעט אויף אים אַ פּאָר ציין ווי די שלאַנג פון מעדיצין־פלעשל, די מכשפה האָט זיך אָן בושה פאַר אים אָפּגעדעקט און אים אַריינגעאָטעמט מיטן עקלדיקן ריח אין פּנים אַריין... ס׳פּנים האָט געפלאַמט. דער דאָקטאָר העסנער האָט גע־הייסן שטעלן געהאַקטע באַנקעס, פּיאַווקעס, צולייגן גאָרטשיצע. דער קריזיס איז אַריבער בשלום. משהל איז נאָך זעקס וואָכן ליגן אין בעט, אויפגעשטאַנען. בעת ער האָט געמאַכט די ערשטע טריט, האָט די שטוב זיך מיט אים געדרייט ווי אַ קאַרוסעל. די קילע טאַטעשע האַנט האָט אונטערגעהאַלטן, זאָרגנדיקע, גלעטנדיקע ווערטער האָבן אַריינגעגעבן אַ חיות אין די ביינער. אַ ניי־באַשאַפענע וועלט האָט זיך באַוויזן פאַרן געזונט־ווערנדיקן חולה, נייע לינדן־ביימער, אַ נייע דורכזיכטיקע לופט, אַ נייע בלויקייט... ניי־געבוירן, אָפּגעצאָלט פאַרן טובל־זיין זיך אין די געדיכטע מוטנע וואַסערן פון דער טומאה, פון איצט אָן איז ער ריין, ריין, און ער וועט להבא זיין ריין... דער טאַטע איז מיט אים פּאַמעלעך געגאַנגען איבערן לוסט־גאָרטן און עפּעס געפּלאַנעוועט פאַר משהלס צו־קונפט. די געשעפטן זיינען נישקשהדיקע. דאָס יאָר איז צו דערוואַרטן אַ גרויסער אומזאַץ, און אם ירצה השם וועט מען אים שיקן לערנען אין יפוער גימנאַזיום, אָדער אין ראַבינער־סעמינאַר אין פראַנקפורט, און אפשר אין סאַמע פּעטערבורג, רוסלאַנד איז אַ לאַנד פון פרנסה... דער־ווייל שאַדט נישט, אַז ער, משהל, זאָל זיך אַביסל צוקוקן צום געשעפט, אויסלערנען אָנשרייבן אַ בריוו, ווייל ליידיק גיין ברענגט לידי חטא...

* * *

לאָדזש איז דערווייל געוואַקסן און געוואַקסן, מני וביה אַ בלאָק נייע רויטע ציגל־מויערן מיט פענצטער, פענצטער, פאַבריקן, ווו טראַנס־

מיסיעס האָבן שטיפעריש געפּאַטשט, נייע שלאַנקע קוימענס האָבן געקנוילט פרישן שוואַרצן רויך אין די הימלען אַריין; לאָדזש האָט אַרויסגעוואָרפן נייע אַרטיקלען אויף אַלע מערק, נייע מוסטערן פון פּלושן, שפּיצן, גאַרדינען, לאָופערס, טישטוכער, פאָרהאַנגען; די אַרטיקלען האָבן זיך געריסן איינצונעמען דעם מאַרק, צו קאָנקורירן, באַזונדערס האָבן געשרייעריש זיך רעקלאַמירט די ביליקע שטאָפן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון די דרימען פון די אָפּפאַלן. לאָדזש האָט זיך געסטאַרעט אויסצונעמען, איינצונעמען די וועלט. טראַנסמיסיעס האָבן געזונגען זייער איינטאָניק ליד, קעט און שום האָבן געבראָכן די פּלייצעס, איינגעטרוקנט די מענערישע בריסטן, טרוקן געמאַכט די קעלן ביי די לוין־קעטניקעס, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגעיאָגט דעם „דעך", כדי פאַר די פּאָר רובל וואָכן־פאַרדינסט צו דערנערן אַ כאָפּטע קינדער...

אָבער אַ סך מאָל זענען די דאָזיקע פּאָר רובל אויך אָנגעקומען גענוג שווער, מחמת פאַרשידענע סיבות. די פּראָווינצער האָבן אַראָפּגעדריקט דעם מקח. און אַ חוץ דעם האָט געלויערט אויף אַלע רואיקע אַרבעטער־שטיבער, אויף די מעקלערס, אויף די געוועלבלעך אַ גיפטיק־אימהדיקער סקעלעט, וואָס האָט געהייסן מיט אַ שרעק־אָנוואַרפנדיקן נאָמען: ק ר י ז י ס. דאָס דאָזיקע געשפּענסט האָט פּלוצלינג אויפגעטויכט פון די מוטנע וואַסערן פון דער פּאַרעיפּושטער „לודקא" און מיט ביינערדיקע טריט אָנגעהויבן פּאָכען אויף דער פּאַפּירענער בריק פון וועקסלען. די וועקסלען זענען געווען דער יסוד פון לאָדזשער לעבן, און אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַ יוסטע באַזע, אויף וועלכער מ'קען שטעלן. אָבער, אַז דער סקעלעט ק ר י ז י ס האָט די ערשטע שריט אויף איר געמאַכט, האָט די בריק אָנגעווירן די פעסטקייט, ווייזט אויס, אַז דאָס געשפּענסט האָט מיט די געלע פלאַמען פון ריזיקע שוואַרצע הבדלות זי אונטערגעצונדן, די פּאַפּירענע פאַבריק. מיט איין מאָל: אַ טרעשטשען, אַ פלאַקערן... מיט פלאַקערנדיקע זשיפּעצעס און צעפּלאָשעטע פּאַהס, מיט צעשראָקענע אויגן האָבן מעקלערלעך, קליינע פאַבריקאַנטלעך, שניטסוחרימלעך און פּאַקנטרעגערס געקוקט מיט פחד אויפן ספּעקטאַקל פון דער שריפה, געוואָלט פאַרריכטן, ראַטעווען; אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן: דאָס אומדערבאַרעמדיקע געשפּענסט מיטן נאָמען קריזיס האָט מיט גע־

קאָוועטע שטיוול געטראַמפּלט אויף דער ברענענדיקער בריק. געלע פלאַמען מיט שטיקיקן גיהנום־רויך האָבן געלעקט די בריק און עס האָט זיך געטון חושך אין די שטיבער פון די וועבערס, פון די לוין־קעטניקעס, פון די טרעגערס, וועגעלעך־פירער, פּאַקערס; ס׳איז אַריינגעדרונגען די הונגעריקע פינצטערניש אין די שמאָלע געוועלבלעך, אין די טיפּענישן פון די הויפן, אין די בוידעמער מיט די קרומע, סקריפּענדיקע טרעפּ, אין די ווילגאָטש־קעלערס... מיט אַמאָל איז אַלץ געוואָרן אַזוי ביליק, בזול זול. אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, אַז דער גראָשן איז נישטאָ. נישטאָ קיין פּרוטה אין קעשענע. וועקסלען — אשר־יצר־פּאַפּיר. אויף די פּאָליצעס — בערג מיט סחורות, אַז קיין קונה איז נישטאָ. באַווייזט זיך אַ קונה, וויל ער קויפן ווילדע מציאות. שלעפּט מען אים, רייסט מען אים ביי די פּאָלעס, צען אויף איינעם.

עס שטייען שטיל די ניי־מאַשינען, עס שווייגן די וועב־שטולן, אפילו אַן איין־איינציקע האַנט־וועב־שטול אין אַ פּאַציאַטקע שטייט שווייגעדיק, פאַרגליווערט, מיט שפּינוועבעכץ פאַרצויגן. אַ קאַלטע פּאַציאַטקע, דאָס וואַסער אין שיסל פרירט, אויפן קיכל שטייט אַ שוואַרצער פאַררויכערטער טאָפּ, קאַרטאָפל אין די העמדלעך, בלייכע ראַכיטישע קינדער קוקן אויף דעם אויס. די מאַמע שעלט מיט ביטערע קללות, שוין וואָכן־לאַנג ווי דער טאַטע מיט די לאַנגע ביינערדיקע הענט ברענגט נישט קיין רובל אין שטוב, די איינציקע הכנסה — דער פאַראיין „גמילות חסדים”.

די טאַטעס אָן אַרבעט האָבן אויסגעמיטן די בייזע פּוסטע שטוב, אַ פולע מיט טענות און תרעומותן, געגאַנגען אין די שילעכלעך, אין די בתי־המדרשים זיך אָנוואַרעמען, הערן אַ וואָרט, רעדן אַ וואָרט, פאַררויכערן בשותפות אַ פּאַפּיראָס. און אין משה גבאים בית־המדרש האָט זיך געפלעגט יאַוויען בין־מנחה־למעריב אַ שטשופּלער בחור, אָנגעטון האַלב חסידיש, האַלב „דייטש” און גערעדט פאַר זיי. שלמה יצחקס דער אַגיטאַטאָר האָט געהאַט אַ געשליפן ־צינגל, אַ חריפותדיקע גמרא־שפּראַך, תמיד מידת הדין: — רבותי, פאַראַן אַ פּסוק אין דער תורה, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין עבדים, און מיר זענען קנעכט, און רבותי, פּועלים ליידן הונגער און נויט — און „זיי” וווינען אין סאַלעס! דעם בורא עולם איז

דערווײַדער זייער דאַוונען, זייערע תּפֿילות, אַז די הערצער זענען בײַ זיי נישט ריין...

אַלע זענען געווען מסכּים, אַז מ׳דאַרף „אויסבעסערן ס׳לעבן פֿון אַרבעטסמאַן", אַז מ׳דאַרף קעמפֿן קעגן די פּיאַווקעס, די פּרומאַקעס". אָבער אַ פֿרומער בעל מלאָכה האָט פּאַרטיידיקט די חסידישע פֿאַבריקאַנטן, אַז זיי זענען נישט אינגאַנצן שולדיק אין דער שלעכטער צײַט, שולדיק איז גאָר דער מנוול קריזיס.

אַ טייל צוהערערס זענען געווען גענייגט איינצושטימען, אַז דער גרויסער גורם פֿון נויט אין די אַרבעטער־שטיבער איז דער מחבל קריזיס, אָבער שלמהקע יצחקס איז נישט געווען מיט דער מיינונג: — טאַטע אַ קוק ווי ס׳לעבן די באַלעבאַטים, די באַזיצערס פֿון די גרויסע קאָמעניצעס, די אָנגעפּרעסענע פֿאַבריקאַנטן, די אומדערבאַרעמדיקע באַנקירן, מיינערן זיי ביים איצטיקן קריזיס די צאָל עופֿות אויף שבת? קויפֿן זיי ווייניקער העכטן פֿאַר זייערע שבתדיקע פֿרעסערייען? דערלויבן זיי זיך נישט די פֿעטסטע, זיסטע צימעסן? עסן זיי נישט אין דער וואָכנס מאָן־זעמעלעך מיט פּוטער? גענדזענע פּולקעס פֿרעסן זיי, פֿעטע יויכן זויפֿן זיי...

יידן שווין חדשים־לאַנג מיט איבעריקע הענט, יידן פֿאַקטערגערס מיט פֿאַרפּלאָנטערטע בערד, יידן בדיל־הדלדיקע מיט ליידיקע פּאַליצעס אין זייערע דלת־על־דלת־שניט־קרעמלעך (מ׳האָט נישט געהאַט מער קיין צוטרוי צו זייערע חתימהלעך), יידן וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעכיקן עול פֿון זייערע פֿאַראומערטע ווייבערס קללות, טאַטעס, וועמעס הויקערדיקע שפּיציקע פּלייצעס קענען נישט מער אויסהאַלטן דאָס דורכשפּיזנדיקע געוויין פֿון זייערע פֿאַרשמאַכטע קינדער — אַלע אויף שלמהקע יצחקס: — געקומען אונדז דערציילן, אַז מאַרקום זילבערשטיין, אַז לעאָפּאָלד לאַנדויס, אַז פּאָזנאַנסקים ווייבער האָבן וואָס צו קאָכן אין טעפּל, זאָל ער אונדז בעסער ווייזן דעם וועג ווי אַזוי אביונים זאָלן האָבן וואָס אַרײַנצוטון אין די טעפּלעך...

— אויפֿהעצן וויל ער אונדז!...

— מיר זענען גענוג אַגיטירט! אונדזערע ווייבער רייסן אונדז אַראָפּ די קעפּ...

שלמהקע יצחקס גאָרגל האָט זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ, ער האָט עפּעס געוועדט פון באַוווסטזיין, אחדות, אחדות...

פאַראומערטע, ברוגזע טאַטעס האָבן אים נאָכגעקרומט: — אחדות־שמאַכטעס? פּרעדיקט, אָבער וואָס עט אַרויסקומען דערפון?

שלמהקע יצחקס האָט נישט אָפּגעווייכט פון זיין דרך: — פון אחדות, רבותי, וועט אַרויסקומען אַ בעסער לעבן, בעסערע לוינען, בכדי מ׳זאָל קענען אָפּשפּאָרן עפּעס אויף אַ שוואַרצן טאָג... דאָס וועט זיין דער פּועל יוצא פון אחדות, רבותי...

אַ פּאַקער מיט אַ געל, שיטער בערדל האָבן די רייד פון אַגיטאַטאָר נישט געפעלן: — זעטס נאָר דאָס רומל מיט וועמען צו מאַכן אחדות! עס ווילט אחדות, אַז די קישקעס נעמט עס פון איינעם אַרויס... די בע־בעכעס ווילן זיי פון איינעם אַרויסטרייבן, די קליינע קרעמערלעך, די קליינע וועבערלעך, בחנם ווילן זיי מ׳זאָל זיי טראָגן... וויל עס אחדות, מאַך מיט זיי אחדות!

שלמהקע יצחקס האָט אָבער דעם פּאַקערס האַרבע קשיא אויך פאַר־ענטפערט: — רבותי, אַז ס׳וועט זיין אחדות, טאָ וועט דאָך במילא קיינער דעם אַנדערן נישט באַרייסן.

אַ ווײַלע שטיל. פון עמוד האָט זיך געטראָגן אַ טרויעריק קול פון אַ תהילים־זאָגער. שלמהקע יצחקס האָט געזוכט ווערטער, אַרגומענטן. דערווייל האָט אַ קליין, ברייט, נידעריק יידל, מיט אַ ברייטער נאָז און אַ ברייט קיילעכדיק בערדל אויסגענוצט עפּעס אַריינצוזאָגן מיט זיין קווי־טשעדיק שטימעלע, נישט אַזוי צו זאָגן, ווי אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ: — וואָטע מאַך איך, נישט קיין ווייסע וואָטע, נאָר שוואַרצע, שמאַטעס רייס איך, ווערט דערפון וואָטע, וואָטע פאַר אונטערשלאַק. איך און מיינע זיבן נפשות פרעסן שטויב טאָג און נאַכט. אַז דער שטויב האָט אַזש נישט קיין אָרט ווו צו גיין, ביז דער סטעליע ליגן בערג שוואַרצע וואָטע... און אַז אַ יידל קומט צו יאַנקל ווישליצקין און זאָגט, אַז ער מאַכט ביליקער, איז יאַנקל ווישליצקי דער גרויסער ערלעכער ייד — מהיכי תיתי, דער ריווח וועט זיין גרעסער... רעדט מען פון אחדות...

שלמהקע יצחקס האָט אים נישט געקענט אָפּענטפערן, ווייל עמי־צער האָט אים איינגערוימט אין אויער, אַז אַ קנעפּל גייט...

עולם איז געבליבן מיט דער פֿריערדיקער נאָגנדיקער מרה שחורה, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מלאך־המותדיקע געשפּענסט כאַכאַ־טשעט אַריין דורך דער גאַס און מאַכט חוזק: — כאַ, כאַ, כאַ, אחדות־מענטשן...

און דאָך איז געווען אחדות, די אַגיטאַטאָרס האָבן דאָ און דאָרטן געווירקט. אַ באַוויז, די אָפּטע צוזאַמענלויפֿן פֿון גרופּעס חברה־לייט מיט עקשנותדיקע אויגן, אַ באַוויז דאָס פּלוצלינדיקע שלעפּן אַרויס פֿון אַ פּאָלע אַ רויטע פֿאָן, אַ לאָזונג מיט ווייסע ווערטער אויף רויטן לייוונט; דאָס איז טאַקע געווען אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון די אחדות־לייט. אין ווע־מענס שפּיץ ס'פֿלעגט גיין אַן אַגיטאַטאָר מיט אַ צעבראָכטעט העמד, און לעבן אים, הינטער אים, וועבערס, שוסטער־יונגען, קאַמאַשנשטעפּערס, שטאָפּערקעס, פּריקאַזשטשיקעס מיט פּאַפּירענע קראַגנס, בוכהאַלטערס מיט קורצזיכטיקע אויגן, לערערס מיט ווייכע בלאָנדע בערדלעך, מיט פּענסנעס און הינטער זיי אַ מחנה פֿון פֿרויען מיט טיכלעך אויף די גרויע קעפּ, מיידלעך מיט קורץ־געשוירענע האָר און הויכע בעקער־יונגען מיט האַרטע דראָטענע האָר פֿון מעל־שטויב, און ווער נישט פֿון עמך־שער־און אייזן, און אַן איינגעהאַלטן רויט־הייליק געזאַנג „ש ט י ט א ו י ף א י ר א ר ב ע ט ע ר ־ ש ק ל א פ ן"... און לידער וועגן שוואַרצע יאָגנדיקע וואָלקנס, וואָס בלאָזן, פּייפֿן און קומען אָן פֿון ווייטן, קאַלטן סיביר, און לידער וועגן פֿאַרשיקטע טאַטעס ־ קאַטאָרזשניקעס, וואָס האַלטן לאַפּעטעס אין די הענט און גראָבן טיפֿע קברים פֿאַרן שקר אויס...

דאָס געשפּענסט האָט געהאַט מיילן־ווייטע הענט און פֿיס, האָט מיט ווינט־שנעלקייט אָנגעשפּאַרט אין אַלע ווינקלען פֿון מרחב־יהודיקן רוס־לאַנד און שבתי מאַנדלבוים איז צוריקגעקומען קיין מיעכאָוו מיט די גרויסע מוסטער־קאָלעקציעס. די קאַצאַפּעס אין מאָסקווע, אין טאַמבאָוו, אין יעליסאַוועטגראַד, אין טאַשקענט האָבן זיך דערשראָקן פֿאַרן צע־קרומטן פּרצוף פֿון קריזיס און נישט געמאַכט קיין באַשטעלונגען. פֿון גאָספּאָדין סאַוועלי נאַאומאָוויטש מאַנדעלבאַום איז ווידער געוואָרן דער היימישער שבתי נחומס, וואָס האָט געהאַט אָן אַ שיעור צייט און גע־שפּינט רעיונות וועגן הבלי עולם הזה. אָט האָט אַ מענטש מויערן, בבלישע

טורעמס עד לב השמים, און אַט ווערט פון דעם אַלעם אַ באַרג חורבות.

רפאל הענעך פלעגט אַריינקומען טרינקען אַ גלעזל חמים צו זיין שכן, זיין פנים האָט געהאַט אַ שטראַלנדיקן, נצחונדיקן אויסדרוק, ער האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז געלט־שמעלט, דאָס האָט דען אַ האַפט? דער עיקר איז דאָך די אייביקע וועלט, אמונה, יראת הבורא, דעריבער גייט נישט רפאל הענעך אַרום ווי אַלע דאָרט אָנגעדרודלט מיט מרה־שחורה צוליבן געלט־שמעלט, וואָרום ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פון דעם געטש, קיין מאָל האָט ער נישט אויפגעלאָדן אויף זיך דעם יאָך, וואָרום, אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם ווי מענטשן האַווען, שמאַיען, האָט זיך אים רק אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַלץ רויך און פּאַרע, וואָס פאַרלירט זיך אין הימל אַריין און ווערט גאָרנישט. אויך דאָס לאָדזש אַליין איז אויך נישט מער ווי פאַרבלענדעניש, אַ מין מקום וואָס דער סמאל אָדער די סטרא־אחרא האָבן באַשאַפן פון די גיהנומדיקע חשבונות, כדי צו פאַרפירן ערלעכע יידן, אַראָפצופירן זיי פון דרך הישר... ער, רפאל הענעך, ווערט פון דעם נישט נתפעל: עולם וועלט, עולם אייביק... ס'עט מער־טשעם זיין פרנסה...

די קאָפּערס זענען דערוויַיל געשטאַנען ליידיקע און זלאַטע האָט ווידער געהערט איר שבתים שלש־סעודות־ניגונדל, וואָס האָט געוויינט אויף אַלע הבלי־עולם־הזה־זאַכן און אויף דער נישטיקייט פון אַלע עשירותן; זלאַטע האָט געהאַט נחת וואָס איר מאַנס קול גייט אויף פון אַ בלאַט גמרא, פון אַ האָפּערדיקן, זינגעוודיקן מדרש־רבה, פון אַ פאַר־טראַכטן שאָקל ביי אַ האַרבן „תניא": — אוי, ווי ס'שטייט: ועבדת את ד' אלהיך, דו זאָלסט דינען גאָט, דיין גאָט, זיך פאַרטיפן אין דער גרויס־קייט פון אין־סוף... אוי אַזוי־אָ לערנט דער בעל־התניא: — ...אין רע יורד מלמעלה, פון אים אויבן קומט נישט קיין שום שלעכטס, משהל, מלמעלה רק טוב, פון אויבן איז לויטער גוטס, און ווען איינער געפינט זיך אין אַ נויט און איז שווער באַשטראָפט געוואָרן, זאָל ער אַריינטראַכטן אין זיך, טראַכטן וועגן זיינע מעשים... דאָס שלעכטע קומט פון זיך אַליין, פון אויבן איז טוב... דאָס שלעכטס מוז מען אַליין מבער זיין, ער, אויבן, איז אַן אָב הרחמן, און נאָר די גוטס־טוערס העלפט ער... דער רשע איז פאַרמשפּט נאָר דורך זיינע אייגענע שלעכטע מעשים...

דערווייל איז משהל אין ערגעץ נישט געפֿאָרן, דער טאַטע האָט אָפּ־געלייגט די אַלע פּלענער לגבי אים, נישט פּעטערבורגער גימנאַזיע, נישט פֿראַנקפֿורטער ראַבינער־סעמינאַר. דערווייל זאָל ער איבערקאַפּירן די פֿאַקטורעס, מאַכן רשימות פֿון די וועקסלען, אפֿשר וועלן זיי האָבן עפּעס אַ ווערט.

— עט, אַ פּאַפּירענע בריק, נישט כדאַי, משהל, צו פֿאַרלירן די צייט... נישט כדאַי...

די גרינע דײַטשלעך

די אַפּאָקאַליפּטישע חיה איז פֿאַרשווּנדן ערגעץ־ווּ אין אַלע וויסטע מדבריות, אין אַלע פּוסטע אויסרייסענישן. בפֿירוש, יידן האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווּהין דאָס געשפּענסט איז אַוועק. מיט אַמאָל האָבן פּנימער ווידער אָנגעהויבן צו שמייכלען, אויס קריזיס, ווידער מקח וממכר, ווידער האָט מען געשמייעט, געהאַוועט, געהאַרמידערט. לאָדזש, דאָס טויזנט־קוימענדיקע, האָט ווידער צו וויסן געגעבן די אַלע שטעטלעך אַרום און אַרום דורך זיינע סיגנאַלן פֿון קנוילן רויך, אַז מען קען שוין ווידער קומען האַנדלען־וואַנדלען, באָרגן, קויפֿן אויף לאַנגע טערמינען, קורצע טערמינען פּאָזנאַנסקים געדרוקטע, געמוסטערטע און געפֿאַרבטע באַוולען. יעדער קוימען — זיין סיגנאַל: איך בין דאָ, איך לעב ווידער, איך טו ווידער מיין אַרבעט. פּאַקערס האָבן ווידער געלאָדן פּעק סחורות פֿון האַנט צו האַנט; טורקעסטאַנער בייוולען האָבן זיך ווידער געוויקלט, גע־פּעדימט אין די מיליאָנען שפּינדלען, וואָס זענען שטיפֿעריש געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ; פּיפּיקע וואָיאַזשאָרן פּערווי און ווטאָראָי גילדעס זענען געפֿאָרן מיט גדלות אויף דראָזשקעס צום ווינער וואָקזאַל, מיט זייערע באַנייטע, אָפּגעגלאַנצטע קאָפּערס פֿול מיט מוסטערן, מיט שפּאָגל־נייע איינפּאַלן פֿון די וועבער־מייסטערס, און האָבן זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אין די ווייטע רוסישע שטעט, ווידער אָנצובאָטן די לאָדזשער קאָרטן, פּליושן, וויקאָניעס, שטאָפֿן פֿאַר אונטערשלאַג; ווידער זענען מעקלערס געפֿלויגן פֿייל־אויס־בויגן מיט פּראָבעס פֿוןביינוולען, וואָלן, געלויבט, געשווּוירן זיך און ווידער האָט לאָדזשער אָרימקייט געהאַט דעם רובל, וואָס מ׳האָט געקענט צעבייטן אויף הונדערט קאָפּיקעס און יעדע קאָ־פּיקע האָט געהאַט אַ ווערט, וואָרום עסנוואַרג איז געווען נישט טייער.

און כאָטש די הוצאה איז נישט געווען קיין גרויסע — איז קבצן גע־ר״יבן קבצן, די אַרמיי פון אביונים האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. לאָדזש איז געגאַנגען אין שפּאַן. מאָגערע, בלאַסע טאַטעס האָבן איינגעאָטעמט דעם שטויב פון וואָל, פון שוויים, פון פאַרב, פון שמיר־אייל ביי דעם טרוקענעם ביינערדיקן געררויש פון דער האַנט־וועבשטול, האָבן פאַר מיד־קייט נישט געקענט אַ שמייכל טון אפילו; טרעגערס האָבן געטראָגן משאות און מ׳האָט נישט געקענט אונטערשיידן, ווו משא ווו מענטש; שטאָפּערקעס האָבן זיך די אויגן אַרויסגענומען ביים זוכן די פעלערס, אַגיטאַטאָרס האָבן אַגיטירט וועגן אויסבעסערן די לאַגע פון אַרבעטס־מענטש, מיידלעך מיט קורץ־געשוירענע האָר האָבן אויף די „בערזעס״ פאַרטיילט פּראָקלאַמאַציעס אויף פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, וואָס האָט גערופן צום קאַמף קעגן „בלוטזויגער, אונטערדריקער און עקספּלאָאַטירער, וואָס זויגן אויס דעם מאַרך פון די ביינער פון פּראָלעטאַריער־קלאַס! דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן געוויסע תקיפותדיקע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן גע־האַלטן, אַז מ׳דאַרף נישט העצן קעגן מלכות, אַז מ׳דאַרף נישט אויפ־רייצן דעם וועבער, וואָס איז שוין צופיל חוצפּהדיק. אַ טאָג פון צען שעה ווילן זיי, אַ טייל זאָגן אפילו, אַז מ׳וועט אַרבעטן בלויז אַכט שעה אין מעת־לעת. קליינע פאַבריקאַנטלעך האָבן זיך געהיצט: — זאָלן זיי זיך גרויסן, זאָלן זיי וואָיעווען, די וועבערלעך, מ׳וועט ברענגען אַרבעטער פון דער פּראָווינץ, וואָס ווייסן נישט פון די אַלע זאַכן, פון פּראָקלאַמאַציעס און שטרייקן...

זאַנוול פלאַקסנבערג, אַ שאַרפער אַלעקסאַנדערער חסיד, אַ באַזיצער פון עטלעכע קאָמעניצעס און אַ באַפעלער פון אַ פּאָר טויזנט אַרבעטער, האָט געהאַט גאָר גוואַלדיקע תרעומותן אויף די נחית־דרגאָס: — גייט טוט זיי טובות! קוים מיט צרות אויסגעפּועלט, אַז מ׳זאָל זיי אַריינגע־מען אין די פאַבריקן, ווארום איר ווייסט דען סאַראַ קלאָפּאָטן מ׳האָט מיט אַ יידישן וועבער? דאָ אַ חתונה, דאָ אַ ברית, און ועל כולם, אַר־בעט מען אַ טאָג ווינציקער אַ וואָך, יידן מוזן דאָך היטן שבת... האָט מען שוין אויסגעפּועלט ביי די גויים, אַז מ׳זאָל צולאָזן די שלימזלען צו די קראַפּט־שטולן, טאָ דאַנקען זיי דיר אָפּ... ביי אַלע שטרייקן שטייען זיי בראש, זיי קלערן אויף די גויאישע קעפּ... גיי הייב אָן מיט די יידעלעך...

זאנוויל פלאקסנבערג איז געגאנגען אפילו ווייטער, ער האָט געגעבן צו פארשטיין דאָרטן, ווו מ׳דארף, אז נאָר ווי ר׳וועט אָנווייזן אויף א מענטש, וואָס „מישט זיך צופיל״, זאָל אים מלכות אָנלערנען. איז טאקע מלכות געקומען נעמען יידן מיט בערד, יידן מיט טלית־קטנס און ס׳רוב גלוחים און אָן ארבע־כנפותן, אין צירקל אריין, כדי זיי צו פאָרשן, צי זיי געהערן נישט צו די קראמאָלניקעס. ר׳זאנוול איז אין יענער צייט אמאָל זיך געשטאנען אזוי פרייטיק־צונאכטס אין גרויסן אלעקסאנדערער שטיבל, ווי געוועלעך אויבנאָן, מיט דער שיינער זיידענער זשיפּעצע, מיטן מלכות־דיקן שטריימל, וואָס האָט געשמעקט אזוי פריש פון נאפּטאלין און גבירישקייט; אונטערגעשפּרונגען ווי להבדיל א באָק, געזונגען לכה דודי מיט א קרייענדיק גדלותדיק שטימעלע. דאָס שטריימל האָט געגלאנצט חסידיש־נגידיש, דער קראגן ווייס, זאָקן ווייס, דופּטן מיט פרישער אויסגעטובלדיקייט אין דער גרויסער מקוה, קרייט שוין דעם לכו נרננה און די פעטע נאָזלעכער שמעקן פון דער ווייטנס די ריחות פון די געפילטע פיש, די ווייכע הינערישע פולקעס, די „שילגעלעך״ מיט ארבעס, די ריחות פון די געדיכטע מייערן־צימעסן און די פלוימען מיט די שיפּטאלן־זיסקייטן, טעם גן־עדן... — האָבן זיך פלוצלינג פון דער נאָענט, פון דער זאכאָדניע־גאַס דערטראָגן צו ר׳ זאנוולס אויער יללות פון ווייבער און קינדער, וואָס האָבן געפאָדערט פונעם „אכזר״, ער זאָל רעדן, ווו מ׳באדארף, מ׳זאָל ארויסלאָזן זייערע שפּייזערס אויף דער פריי. אָ, ווען ר׳ זאנוועלע וואָלט נישט באַצייטנס עוקר געווען אזוי ווי ער שטייט און גייט, וואָלטן די ווייבער און קינדער דאָ אין סאמע שטיבל אים קורע כדג געווען...

מ׳האָט דעם ענין טאקע צעלייגט אויף טעלערלעך אין מיעכאָווער גערער שטיבל. רפאל הענעך האָט געטענהט, אז אזא זאנוועלע פלאקסנבערג האָט נישט קיין חלק עולם־הבא, מוסר צו זיין יידן למלכות, און ס׳איז א גרויסער שאָד, וואָס די ווייבער האָבן אים נישט כדבעי מקיים־פּסק געווען, איי, ווען ער איז נישט עוקר דורכן פענצטער, דאָס פרומינקע זאנוועלע...

ביי דער געלעגנהייט האָבן די מיעכאָווער זיך שוין נישט געקענט אָפּהאלטן אויסצורעדן אלדעס בייז אויפן זינדיקן סדום, לאָדזש:

— לאָדזש איז א שטאָט, וואָס קארג אויף מצוות און גרינג אויף

עבירות, אַ שטאָט פון קאָרטנשפּילערס. טרעפט אַ ייִד, רעדט ער דיר
וועגן „אייבער”, „אונטער”, „טויז”, „אייכלס”; ס'שפּילן נשים וטף,
פרעסן בשעת מעשה קאָלבאַס און זינגען ניבול־פּה פון די טריאַטערס;
קלות ראש און זנות אין יעדן ווינקל... דאָס האָט דערציילט דער עסיק־
מאַכער פּתחיה, וואָס פלעגט איינקויפן יעדע וואָך עסיק־זויער פאַר זיין
פאַבריקל. האָט אים, פּתחיהן, שטאַרק ווי געטון ס'האַרץ, אַז אַ שטאָט
זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַזוי פיל הפקרות. ער האָט בפירוש געזען, אַז מיע־
כאָוו אַליין האַלט אין ווערן אָנגעשטעקט פון דעם חולאַת רחמנא ליצלן.
„דאָס ייִדישקייט רינט אויס ווי דורך אַ ליאָק”.

אפשר איז אין דעם שולדיק געווען דער טראַמוויי, וואָס האָט אָנ־
געהויבן צו גיין אַלע האַלבע שעה קיין לאָדזש, האָבן בחורים געקענט זיך
אַריבערכאַפּן פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אין עיר הטומאה און דאָרטן קאַליע־
ווערן. וואָס דאַרף מען מער, אַז אַפילו יאָסעלע באַלוטער, דער בעל־מוסף
אין גערער שטיבל, איז נכשל געוואָרן: ער האָט זיך אָפּגעשטעלט הערן
שפּילן אַ גראַמאָפאָן־פּליט, און מ'הערט איין טריפה געזאַנגל, ווילט זיך
הערן אַ צווייטס, עבירה גוררת עבירה, און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז
„ויאתיו כל לעבדך” אין ראש־השנהדיקן מוסף איז געזונגען געוואָרן מיטן
ניגון פון „לאַ דאָנאַ מאָבילע” און צו „מזמור לדוד ד' רועי”, צו שלש
סעודות, האָט ער צוגעפּאַסט מעלאָדיעס פון דער אָפּערע „קאַרמען”. אַלץ
הייסט קאַליע ווערן! צייטונגען זענען אַ נוצלעכע זאַך, מ'ווערט געוווייר
וואָס הערט זיך אין דער פּאָליטיקע, וועגן די פּאָגראָמען, דער דומע אין
פּעטערבורג, אָבער די מיעכאָווער ווייבער — ווייבער פון שאַרפע חסי־
דים — האָבן זיך אָבער מער אינטערעסירט פאַר די העכסט־אינטערע־
סאַנטע ראָמאַנען פון לעאָן קריצלערן, ממש זיך אויסגעקוקט די אויגן, אַז
דער צייטונג־ייִד זאָל שוין אַריינברענגען ס'בלאַט, וואָס באַשרייבט אַזוי
גענוי די סאָפאַס מיט די האַלב־נאַקעטע בערטאַס, מיט וועלכע „ס'האָט
זיך געזעטיקט דעם בליק דער אויסגעלאַסענער אַדאָלף”. אָ, די מיעכאָווער
ווייבער זענען געווען פלאַם־פייער אויפן געמיינעם אַדאָלף.„ וואָס וואָגט
ער צו פאַרפירן אַזאַ כשר ווייבעלע, אַזאַ וווּנדער־שיינע בערטאַ?” מיע־
כאָווער ווייבער האָבן זיך נישט געפוילט און באַפוילן זייערע מענער
אַריינשרייבן בריוו אויף סאַדאָווע נומער זיבן, ווו ס'האָבן געוווינט בער־

טאס טאטע־מאמע, אז למען־השם זיי זאָלן אכטונג געבן אויף זייער אומ־שולדיק קינד בערטא, וואָס גלייבט מאקסן מיטן גלאַטן צינגל, וואָס איז נאָר אויסן זי צו איבערענטפערן אין די שמוציקע הענט פון אלפאָנס און פּרוויענהענדלער אַדאָלף, וואָס וועט זי, נאָך דעם, ווי ער וועט האָבן גע־זעטיקט זיין תאווה, פאַרפירן אין א שאנד־הויז אין בוענאָס איירעס, ווו ס'וואַרט שוין אויף איר די „מומע" מיט די גאָלדענע סיגנעטן, מאדאם ראַסמונדא...

מיעכאָווער באַלעבאַטישע יידן זענען אויך געווען פאַרקאַכט אין די צייטונגען. זיי האָט אינטערעסירט די אנדערע ידיעות, די מלחמה אויף די „באַלקאַנען", דער עיקר דער טערק זאָל כאַפּן אזא באַגראַב, אז ר'זאָל ווערן אביסל ווייכער און וועלן פאַרקויפן ארץ־ישראל די יידן. פון פּעטערבורג האָבן יידן כסדר געוואַרט אויף עפּעס נייס. וואָס פּלאַנעוועט מען דאָרט ווידער וועגן יידן? פּאָגראָמען האָבן זיי שוין געמאכט און נייע פּאָגראָמען וועלן זיי שוין נישט מאכן, מ'שעמט זיך פאַר דער וועלט. מ'זאָגט, אז דער פּרעזידענט פון אמעריקע האָט זיך אָנגעפּרעגט ביי ני־קאָלייקען אליין, ער שעמט זיך נישט צו פרעגן. האָט ער געשטעלט דעם צאַר אַליין די שאלה:

— סטייטש, געוויסן, קולטור, ציוויליזאַציע? האָבן די אַמבאַסאַדאָרן געלייקנט שטיין און ביין. רוסלאַנד איז א לאַנד פון פּראָגרעס, מוזיק, ליטעראַטור. זשאַנדאַרן באַהאַנדלען מענטשן העפלעך, ווי אין אַלע איי־ראָפּעאישע לענדער... הייסט עס, שלאָגן יידן אַזוי ווי אין קעשעניעוו, ביאַליסטאָק, וועט מען שוין נישט, אָבער אַזוי קליינע נגישותלעך, א ביס, א פּיק, אַ ריס, נישט צולאָזן לערנען, פאַרשמעלערן די „טשערטא אָסיעדלאָסטי"; מאַ, אבי מ'לאָזט דאָ האַנדלען, וואַנדלען, אבי מ'לאָזט לעבן... דאָס יונגוואַרג, מיעכאָווער רעוואָלוציאָנערן, זענען נישט געווען צופרידן מיט דעם „אבי מ'לאָזט לעבן", זיי האָבן געשעפּט זייערע ידיעות פון די פּראָקלאַמאַציעס און פון די ארייַנגעשמוגלטע בראָשורן פון קראָקע, פון דער שווייץ, זיי האָבן געטענהט:

— אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָל מען שוין נישט לאָזן לעבן? פריי מוז מען לאָזן לעבן! זיי האָבן געוווּסט פון דעם, וואָס אין צוואַנ־

ציקסטן יאָרהונדערט שמייסט מען אין די טורמעס, פאַרשיקט מען אין סיביר, הענגט מען אַפילו אויף תליות.

און מיט אַמאָל זענען אַלע געוואָרן גאָר שטאַרק איבערראַשט, וואָס אין ציוויליזירטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט יעווא פרעסכאַדיטעלסטוואַ דער יוסטיץ־מיניסטער, שטשעגלאָוויטאָוו, אָנגעהויבן אַ מאָדנעם פראָצעס קעגן אַ יידישן פריקאַזשטשיק פון אַ ציגל־פאַבריק לעבן קיעוו, מיט דער מאָדנער באַשולדיקונג, אַז ער האָט געהרגעט אַ קריסטלעך יינגל, כדי אַריינצוטון דאָס בלוט אין די מצות.

אַזאַ מין זאַך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? אַ פאַנטאַזיע, אַן אויסטראַכטעניש! און דאָך איז עס געווען אַן אמת. אַ פּראָצעס מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַ געשווירן געריכט מיט ערנסטע פאַרשלאָפענע פּאָניעס, וואָס האָבן תמעוואַטע זיך צוגעהערט צו די רעדעס פון די עקספּערטן, פון די עדות און פון דעם פּראָקוראָר, וואָס האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ס'קען זיין, אַז ס'איז פאַראַנען ביי יידן אַזאַ מין אָבסקוראַנטישע סעקטע, וואָס דאַרף בלוט אויף פּסח. און געוואָרן מבולבל, ווען די פאַרטיידיקער פון בייליסן האָבן ווידער באַוויזן, אַז לא היה ולא נברא, אַז די יידישע תורה פאַרבאָט גאָר באַנוצן בלוט בכלל, אַפילו בלוט פון אַ בהמה טאָר מען נישט עסן...

אַזוי אַרום איז אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַוויזן געוואָרן, אַז יידן דאַרפן נישט קריסטלעך בלוט פאַר זייערע מצות. דעם באַשיידענעם בלאָסן פריקאַזשטשיק פון דער ציגל־פאַבריק האָט מען באַפרייט. אין אַלע תפוצות ישראל האָט מען זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב. אַ קלייניקייט זיך ריינגעוואַשן פון אַזאַ פלעק. נאָר די שקצימלעך פון אַ סך שטעט און שטעטלעך פון דער פּוילישער מדינה האָבן זיך אַלץ נישט געקענט צוגעוווינען צום אורטייל פון די פעטערבורגער געשווירענע און פלעגן כסדר שפּרינגען חוצפּהדיק אין פּנים אַריין: — זשידזשיע, בייליסע, אויף וואָס יידן האָבן זיך געקילט דאָס האַרץ מיטן ענטפער: — מאַצאַך! דאָס האָבן זיי געמיינט דעם ווייבערניק און רוצח, דעם טשענסטאָכאָווער גלח מאַצאָך, וואָס האָט אויף זיך געהאַט אַ מיאוסן פּראָצעס...

די יידישע צייטונגען האָבן געהאַט אַ סך „אינטערעסאַנטע” נייס פאַר יידן, שטאָף האָט נישט אויסגעפעלט. ס'איז דעמאָלט אויפגעקומען

אין װאַרשע די האָס־כוואַליע פון „סוואַ דאַ סווענאַ״, מ׳טאָר נישט קויפן ביי אַ ייד, דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געשיקט אין דומע קאַכאַזשעווסקין, אָן עכטן פאָליאַק, נאָר עפּעס אַ יאַגעללאַ, אַ סאָציאַליסט, טאַ זאָלן זיי גיין דאַ פּאַלעסטיני...

אַ טייל יידן וואָלטן גערן געגאַנגען קיין פּאַלעסטינע. מ׳האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם פאַרוואָס און דעם פאַר וועו. „מיר זענען גרוים אין די אויגן, און דער אויסוועג דאַרף זיין: אוים גלות, אָן אייגן לאַנד! אויסוואַנדערן, ווו מ׳וועט אַריינלאָזן!״ „קעמפן אויף די ערטער״, האָבן געטענהט אַנדערע...

...און דער אויסוועג איז געקומען! יאָר 1914! ערגעץ ווייט געפינט זיך אַ שטאָט, הייסט זי סאַראַיעווע, אין באָסניע־הערצאָגאָווינאַ. משהל קען דאָס לאַנד פון די פּאָסט־מאַרקעס, וואָס ער זאַמלט, שיינע גרויסע פּאָסט־מאַרקעס מיט בערג און טאָלן, אַ שיין לאַנד. האָט מען דאָרטן עפּעס אַ קרוינפּרינץ דערהרגעט. און דערפאַר — האָבן אין אַ געוויסן המימהדיקן טאָג פון די „ניין טעג״ זיך באַוויזן אויף די ראָגן קליינע, ווייסע צעטעלעך אויך רוסיש „גערמאַניאַ האָט אונדז דערקלערט מלחמה...״ קליינע, אומ־באַדייטנדיקע בלעטעלעך און וואָסער מהומה האָבן זיי אַרויסגערופן אין מיעבאָוו! מאָביליזאַציע! טאַטעס האָבן אַרומגענומען זייערע קינדער, נישט געקענט זאָט קושן די באַטרערטע באַקן פון זייערע ווייבער, כלות האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זייערע חתנים, זין האָבן זיך געריסן פון טאַטע־מאַמע! מאָביליזאַציע!

עס האָט געשמעקט מיט מענטע־ריחות, מיט האַרבע ריחות פון דזשעגעכץ, מיט תשעה־באַב־שטעכעלקעס, מיט שיטערע מילך־זופּן, מיט זויערע האַליקע עפּל, מיט פלוימען, וואָס מ׳האָט נישט געלאָזט צייטיק ווערן, ווייל יינגלעך, שלינג־און־שלאַנג האָבן גלאַט אַזוי געטרייסלט אין די נישט־אָפּגעהיטע סעדער די נאָך נישט פאַרטיקע פּירות. הפקר איז הפקר. אַז מיט אַמאָל איז אוים סטראַזשניקעס, ליידיק די „קאָזע״, דער זייגער אויף דער מאַגיסטראַט־מויער גייט יאָ און גייט נישט, די גלאָקן אין קאָשטשיאָל קלינגען אַזוי נישט־גערנדיק; אַז פּיאָנטעקער גויים האָבן מורא צו קומען אין שטעטל אַריין מיט זייערע שווערע וועגענער מיט מייערן, קרויטן, קילריבן, שטיקער פּוטער, חזירימלעך אין זעק, פּעטע עופות; אַז

מיט אַמאָל האָבן די געוועלבער גאָרנישט צו פֿאַרקויפֿן... מאָביליזאַציע! מלחמה, אָפּגעשטעלט די וועלט.

ס׳האָט געשמעקט מיט אָפּגעשניטענע פֿעלדער, מיט טרוקענע קברים־זאַמדן, מיט שטילקייט פֿאַר אַ וואָלקן־בראָך, מיט הייסן אָטעם פֿון אַ מסוכן־קראַנקן, — איז אין מיעכאָוו אויף אַ ראָווער בליץ־שנעל דורכגעפֿאָרן אַ שיין יונג־דייטשל אין אַ גראָז־גרינעם אוניפֿאָרם און אויפֿן רוקן אַן אָפּגעטאָקט ביקסל מיט אַן אויף דער זון גלאַנצנדיק, בלישטשענדיק באַיאָנעטל. און נאָך אים — אַ צען דייטשלעך אויף ראָווערן, אַלע שמייכלענדיק, אַלע אַזעלכע אויסגעפּוצטע, אויסגעסטראַלצטע.ממש אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. שטייגן אַראָפּ פֿון די ראָווערן, שטעלן זיך אָפּ ביים מאַגיסטראַט, טוען, טוען זיי דערוויל גאָרנישט, ווייזן אויס גוטע דייטשן. אָבער קאַשעמאַכער וויצלט זיך: הויכע דייטשן מיט לאַנגע בייטשן. משהל שטעלט זיך פֿאַר די דייטשן פֿון די ברידער גרים, פֿון פֿרידריך האַוף, וואָס שרייבן אַזעלכע גוטמוטיקע מעשהלעך פֿאַר קינדער, די זעלבע דייטשן פֿון באַד קיסינגען, וואָס טאַטע־מאַמע פֿאָרן יעדעס יאָר צו זיי און שיקן פֿון דאָרט אַזעלכע פֿריילעך פֿאַרביקע אַנזיכטסקאַרטן מיט שפּרינג־ברונעמס, מיט נאַקעטע מענטשעלעך־סקולפּטורן, מיט רויזן־גערטנער; די זעלבע דייטשן פֿון די קור־ערטער, פֿון וואַנען מ׳ברענגט אַזעלכע אָנדענק־מעסערלעך מיט פּערלמוטער, בייטעלעך מיט קונציקע שלעסלעך, פּע־דערס צו זען דורך אַ פֿאַרגרעסערונגס־שטיינדל אַ שיינע לאַנדשאַפֿט... גרינע דייטשלעך שמייכלען נאַרישעוואַטע: יאַ, יאַ, יאַוואָל, מיין הער, יאַ־וואָל, מיין בורש... דער הויכער עליע זאָגט: — יעקע נאַר, יעקע גולם... שטייען ביים ראַטהויז און שמייכלען: — קענסטו דויטש, מיין בורש? גרינע לייטישע דייטשלעך, אַ פֿאַרגעניגן אויף זיי צו קוקן. געקומען פֿון זייער לאַנד גלאַט אַזוי, זאָלן מיעכאָווער קינדער זיך קוויקן מיט די גלאַנ־ציקע ביקסלעך, מיט די גראָז־גרינע קאָסטיומען, מיט די שפּיציקע קאַס־קעס...

ווער קען זיך נאָך אַזוי אויסטענהען מיט די דייטשן ווי שבתי מאַנדלבוים, וואָס האָט די פֿאַרטרעטונג פֿון קרייטקע און קאָמפּאַני פֿון קאַטבוס? דאָס זענען מסתמא די זעלבע פֿיינע דייטשן, די באַזיצער פֿון דער פֿירמע, מיט זייערע קיילעכדיקע האַרטע קאַפּעלושן, וואָס תמיד: —

גרים גאָט, הער מאַנדעלבוים, — וואָס תמיד זענען זיי אים מכבד מיט מאַלץ־ביר, מיט קעז; וואורשטעלעך, ווייסן זיי, עסט ער נישט צוליב דער „רעליגיאָן". משהל ווייסט, אז די שטעט דאָרטן ביי די דייטשן זענען ריינע, זויבערע, אז מיטן יום־טובדיקן בגד קען מען זיך אַנידערלייגן אין קאָטבוס אין מיטן גאַס און זיך נישט איינריכטן... און איצט זענען זיי דאָ, געקומען ברענגען קולטור אַנשטאָט דער רוסישער „באַרבאַריי", לאַכן די גרינע, גוטע דייטשן, צאָלן פאַר אַלץ: — יאַוואָל, מיין הער, וואָס קאָסט? — משהל איז זיך משער, אז יעדער דייטש קען מינדסטנס גאַנצע שטיקער פון געטעס ווערק, פון שילערס פאָעמעס, אַלע זענען באַהאַוונט אין קאַנטס פילאָזאָפיע... גוטע דייטשלעך, געקומען אהער צו באַקענען זיך מיט דער געאָגראַפיע פון פוילן...

* * *

די קאָזאַקן, וואָס האָבן פּלוצלינג אַנגעיאָגט פון וואַלד, האָבן די גוטע דייטשלעך ערגעץ־ווו אַוועקגעפירט... אַ רחמנות, אַזעלכע שמייכלענדיקע גוטע...

* * *

אזוי האָט דעם דאָזיקן סוף זומער 1914 דער חודש אָב זיך גע־לאָזט אָפּזעגן איין שטיק זומערדיקן טאָג נאָכן אַנדערן, ביז אלול מיט זיין פּחד האָט זיך ווי אַריינגעגנבעט; אלול מיט זיינע שופר־קולות, אלול מיט זיינע קאַלטע טויאיקע פאַרטאָגן, אלול מיט זיינע נאַקעטע פעלדער, אלול מיט זיין תשובה־געוויין, און אַז נאַכט האָט צוגעדעקט מיעכאָוו, האָט אַרום און אַרום געדונערט, האַרמאַטן־געדונער, און אַכט טעג און אַכט נעכט האָט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש געלאָזט מאַרשירן דורך מיעכאָוו אַ מיליאָן סיביריאַקעס, טורקומענער, גרוזינער, קאַלמיקן און קאַצאַפּן פון ניזשני־נאָוואָגראָד, טאַמבאָוו, אַרכאַנגעלסק, זעכצן אין אַ ריי, מיט זייערע אָבאָזן, און האַרמאַטן, האַרמאַטן...

פון מיליאָן סאָלדאַטן האָבן גאָר ווינציק צוריקגעקערט, צוריקצוּוועגס פון מזרח־פּרייסן זענען זיי געקומען הונגעריקע, מידע, אין אָניצעס, אַנשטאָט שטיוול, און אין מיעכאָוו מיט די פאַרפאָלגנדיקע דייטשן פאַרפירט אַ

שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ באַיאָנעטן־קאַמף. די דייטשן האָבן געזיגט, איינגענומען וואַרשע, פאַרפאָלגט די רוסן ביז די ביאַלע־וועזשער וועלדער — און אויך מיעכאָוו איז געוואָרן אַ באַזעצט געביט.

און דאָס זענען שוין נישט געווען יענע גוטע גרינגע דייטשלעך פון קאָטבוס, וואָס קענען אויסנווייניק שטיקער געטע, דאָס זענען געווען אַן אַנדער סאָרט דייטשן, גערמאַנען־קריגסלייט, מיט טיפע, האַרטע שטאָל־קאַסקעס, ערנסטע, בייזע זאַקסן, בייערן, אומהעפלעכע, גראָבהויטיקע בערלינער מיט זייער קרויצדאָנערוועטער! וויר זינד יא אים קריגע, קרייצ־סאַפּערלאָט!

אַזאַ בייז געריטש האָט משהל געמוזט הערן, ווען ער האָט מיט זיין ביסל בוך־דייטש געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין אַ בערדיקן בייער, אַז די ביכער, מיט וועלכע ער הייצט דעם אויוון, זענען זיינע ליבע מעשה־ביכלעך, אַז ס׳טוט אים באַנג, אַז סוועט העדינס רייזע־באַשרייבונגען זאָלן וואַרעם מאַכן די רעקוויזירטע שטוב. האָט אים קאַרל פלענצקע, אַ פעלדפעבל פון אָסטפּרייסן, וואָס האָט געהאַלטן אין צעברעכן אויפן קני די רעשטלעך פון שבתי מאַנדלבוימס ספרים־שאַפע, אַ זידל־אָפּ געטון: — מאַך לאָז, דו דרעקיקער יודען־פּאָליאַק!

מיט איין מאָל האָבן משהלען די גאָטישע אותיות פון די דייטשע ביכער אויסגעוויזן ווי מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן מיט פּיקלהויבעס, מיט שפּיזן, מיט שטעכיקע, זעלנערישע, נישט־געגאָלטע מאָרדעס...

פון די גרינגע גוטע דייטשלעך זענען געוואָרן בייזע, אָנגעכמורעטע, גאוהדיקע יונקערס, מיט שפּיצרוטעס, וואָס האָבן געשיכורט און געפרעסן אין די קאַנטינעס, וואָס האָבן רעקוויזירט, געשטעלט וועכטער אויף אַלע וועגן, אַכטונג געגעבן אויפן שמוגל („זאָלן די פאַרפלוכטע פּאָליאַקן פרעסן וואָס ווייניקער, דאָס היימלאַנד נייטיקט זיך אין די נאַרונגמיטל”), גע־טריבן אויף צוואַנגס־אַרבעט, און אַזוי אַרום איז משהלס שיינע, ליכטיקע וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט פון שמוגל, גנבענען זיך דורכן גזאַכן, אין אַ וועלט פון אייביקער וואָך...

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט פאַר מיעכאָוו. אַ נייער אויס־געניכטערטער דור איז אויפגעוואַקסן אין משך פון דער אָקופּאַציע־צייט, 1915 - 1918.

עס ענדיקט זיך די וועלט-מלחמה — פוילן ווערט באַפרייט

נאָוועמבער 1918. סוף מלחמה אין שטעטל מיעכאָוו.

אין דרויסן א שפעט־הארבסטיקער מיט שניי־ געמישטער רעגן. אין דער „פרייער ביבליאָטעק" ראַיעט עס, ווי אין א בינשטאָק. מענטשן גייען אַריין און אַרויס, טראָגן אָן א בלאָטע אין דעם לאנגן נישט איבע־ריק ברייטן לאָקאַל, וואָס מחמת אָנגערויכערטקייט זעט מען ביים איבער־טרעטן די שוועל גאָרנישט, פונקט ווי מ'וואָלט פלוצים אריין אין אן ענ־גער לאָנדאָנער פארנעפלטער גאַס. אָבער ווי נאָר די ראיה געוווינט זיך צו, זעט מען: פון ביידע זייטן, מיט א דורכגאַנג אין מיטן, מאסיווע שניי־דער־טישן, מיט לאנגע בענק, אויף דער מזרח־וואנט די ביכער־שאפע, א נידעריק שרייב־טישל מיטן באַפּענסנעטן ביבליאָטעקאר, צו וועמען עס שטרעקן זיך די הענט פון לייענערס מיט פאפירלעך פון נומערן אָפּגעשרי־בענע פון די קאטאלאָגן און ווענט באהאָנגענע,וווּ ס'איז נאָר דאָ א שטיקל פריי פלאַץ, בילדער פון גדולים, שרייבער, פּארטיי־פירערס, וואָס דארפן צופרידנשטעלן אַלע ריכטונגען פון דער אומפּארטייאישער ביבליאָטעק: קארל מארקס אין שכנות מיט אוסישקינען; קאוטסקי מיט אחד העמען, באָראָכאָוו מיט גראָסערן; הירש לעקערט קעגנאיבער ד"ר הערצלען; לאָ־זונגען: פּראָלעטאריער פון אַלע לענדער פאראייניקט זיך! מיטן באַזונדער פּראָגראם, „רעליגיע איז אָפּיום פארן פאָלק" מיט א בילד פון א פרומער יידענע, וואָס בענטשט ליכט...

מ'דיסקוטירט, מ'אמפּערט זיך, מ'וואַרפט זיך איבער בריהש מיט אויסלענדישע שווערע ווערטער, קאָמפּליצירטע פראזן, טעאָריעס, „דיאַ־

לעקטישע וועלט־אויפפאַסונג", „אויף צו מאַרגנס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", „סטיכישער פּראָצעס, „אַטאַ באוער", „צוריקגעשטאַנענער רעפאָרמיסט", „עקאָנאָמישע סיבות, וואָס זענען גורם רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען", „ארץ־ישראל", „טעריטאָריע", „אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען"...

דאָס צעלייגט מען אַזוי אויף טעלערלעך, מ'אַנאַליזירט דעם ווער־טיקן רעפעראַט פון בונדיסטישן רעדנער, וועמען ס'האָט אָפּגעענטפערט דער אָפּאָנענט פון די רעכטע פּועלי ציון. — האָבן די העזה צו באַהויפּטן, אַז מ'קען זיך באַגיין אָן אַ נאַציאָנאַלער היים, מאָדערנע מה־יפותניקעס! — און דו גיי דיר וווינען אין אַ ווילד לאַנד, קעמפן מיט די ווילדע אַראַבער! — דו בלייב דיר אייביק אַן איינגעבעטענער אין אַ פרעמד לאַנד! — וואָס פרעמד, ווען פרעמד? מ'דאַרף קעמפן פאַר רעכט אויף די ערטער!

מ'שרייט ביז צום הייזעריק ווערן, אַלע רעדן צוזאַמען, קיינער האָט נישט בדעה אָפּצוטרעטן כחוט השערה, וואָרום יענעמס מיינונגען הערט מען מיט אַ האַלב אויער, און מ'איז לכתחילה מבטל די ראיות, ציטאַטן, פּסוקים, וואָס דער קעגנער ברענגט.

— סאָציאַליזם זאָגט נאָך נישט, אַז ס'זאָל נישט זיין קיין אייגענע נאַציע, מיט אַן אייגענעם פּרצוף־פּנים...

— מיט באָרד און פּאות, מיט מציצה און חליצה, מיט אַ לייב־סערדעקל...

— און איר זענט אינטערנאַציאָנאַלע יאָלדן, איר זוכט ראָזעווע פייגעלעך אין דער לופטן...

און איר זענט פאַנטאַזיאָרן ווען עפּעס אַ פּאַלעסטינע מיט זומפּן און קדחתן...

— און איר זענט בלינדע טיפּשים, וואָס באַנעמען נישט דעם סטי־כישן פּראָצעס...

— מיר זענען זיך נישט סומך אויף סטיכישע פּראָצעסן, ביי אונדז זענען פאַראַן לאָגישע סיבות...

דער אָנגעהויבענער וויכוח ווערט פאַרענדיקט אין גאַס, ווייל דער באַלעבאָס פון דער ביבליאָטעק האָט פאַרמאַכט דעם הויפּט־שליסל פון

דער עלעקטרי. מ'דיסקוטירט אָן אַ סוף און אָן אויסזיכט יענעם צו איי־
בערצייגן, גלאַט אַזוי די צייט „אָפּצוהרגענען". וואָרום די מיעכאָוועער
יוגנט האָט געגוג צייט. דערווייל האָט זי נישט צו וואָס זיך צו נעמען.
מ'האָט ווי ס'איז נישט דורכגעשטופּט די מלחמה, דערלעבט ביז נאָ־
וועמבער 1918. די דייטשע אָקופּאַציע, וואָס האָט אויסגעזויגן פון דער
באַפעלקערונג דעם מאַרך פון די ביינער, האָט דערפאַר באַשירמט די
יונגוואַרג, עס זאָל נישט ווערן פאַרברויכט ווי פלייש פאַר די קאַנאָנען.
הינדענבורג איז געווען לייטזעליק צו זיינע „ליבע יודען", כאָטש ער
האָט געהייסן צונעמען דאָס ברויט, דאָס פלייש, די מילך, די קאַרטאָפל,
די פּרוכטן, די פּוטער, די גרינסן („זאָלן זיי קראַפּירן, די לויזיקע פּאָ־
ליאַקן", האָט געדונערט דער קאָמענדאַנט צו די פאָרשטייער פון דער
איינוווינערשאַפט, ווען זיי האָבן זיך באַקלאָגט, אַז ס'פאַרשטאַרקט זיך
די טיפוס־עפּידעמיע, צוליבן הונגער); זיי זענען געווען גוט צום באַזעצטן
געביט, כאָטש זיי האָבן אָפּגעשלאָסן די וועגן מיט אַלערליי פאַרבאָטן,
פאַראָרדענונגען, פּאַסיר־שיינען; כאָטש זיי האָבן געפּייניקט מיט אַנט־
לייזונג־אַנשטאַלטן, מיטן כאַפּן צו צוואַנגס־אַרבעט, פאַרשיקן אין קויל־
גרובנס, אַמוניציע־פאַבריקן פון רור און איבערשלעזיע, — האָבן זיך
דאָך אַ סך בחורימלעך אַרויסגעדרייט, געוואָרן פאַרשווינט, און ווער עס
האָט נישט געשמוגלט זייד, לייוונט, פּאָדעס, פלייש, צוקער, רייז, ווער
ס'האָט נישט געהאַנדלט מיט דאָלאַרן, שווייצער פראַנקן, געשמוגלט
דורך אַלערליי קונצן און פאַרטלען זייף, בראָנפן, גאָלד א. א. וו., דער
איז געגאַנגען ליידיק, געטראַכט פון וועלט־איבערקערענישן, נייע צייטן,
לבנה־שטראַלן... אין מיעכאָוו האָט זיך אַרומגעדרייט אַ טייל יוגנט, וואָס
איז אויפגעוואַקסן אָן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, מיט תוהו־ובוהודיקע
מחשבות, אָנגעשפּיקעוועט די מוחות מיט די מאָדערנסטע אידעען, איי־
דעאַלן, טעאָריעס, פּראָיעקטן, פּלענער. איז זיי געוואָרן ענג די סביבה.
מ'חלומט פון לענדער, פון יענער זייט גרעניץ, מ'קוקט מיט בענקעניש
אויף אַ פרעמדער פּאָסטמאַרקע, וואָס ברענגט גריסן פון אַנדערע לאַנד־
שאַפטן, אַנדערע קלימאַטן, אַן אַנדער, אפשר בעסער, לעבן, באַשטימט אַ
בעסער לעבן, נישט אַזוי מאָנאָטאָן, פאַראַן אַ ציל, אַ צוועק. אין די
נייע לענדער, אין די נייע געגנטן וועט מען זיך איבעראַנדערשן, אַרבעטן,

נוצן ברענגען, ווערן פּראָדוקטיוו. אַוועק, ווייט, ווייט. דאָ קען מען גאָרנישט טון, אָבער דאָרט, אויף יענער זייט גרעניץ, — זאָל מען נאָר לאָזן, איי, וועט מען אָפּאָטעמען, הענט וועלן עפּעס אויפטון, פאַר זיך, פאַר יענעם.

דערווייל איז דאָ אין מיעכאָוו דערעסן, דערווייל האַלט מען אין איין רעדן, רעדן, רעדן; דערווייל בויט מען אויף די אויסטערלישסטע טעאָריעס, דערווייל שלינגט מען ביכער, מען חלומט ביי קאַליריקע מאַ־פּעס, דערווייל אַמפּערט מען זיך מיטן קעגנער, וואָס איז נישט מסכים מיט די אייגענע אמתן...

ס׳זענען אמת די ידיעות, אַז אין דייטשלאַנד האָט אָפּגעדאַנקט דער קיסר, און אַז עס הערשט דאָרט עפּעס אַ רעוואָלוציאָנערער „ספּאַר־טאַקוס”. דאָ, אין מיעכאָוו, זענען די זשאַנדאַרן מיט די ווילהעלם־וואָנסעם מילדער געוואָרן. ביי די שטעטלשע ראַגאַטקעס רעווידירט מען שוין כמעט נישט. די גאַסן זענען פול מיט עקסטרע־טעלעגראַמעס, וואָס די לאָדזשער צייטונגס־פאַרקויפער האָבן מיט פיבער פאַרשפּרייט. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פרייד איז ביי יעדן אין האַרץ. איצט איז שוין נישטאָ קיין ענגעניש מער. די וועלט איז אָפן, פריי, פריי. אַלעמענס ווונטשן וועלן איצט מקוים ווערן. אויס פּאַסיר־שיינען, רעקוויזיציעס, אויס ברויט־קאַרטן... עס וועט זיין אַ זוניק־בלויע וועלט. ווילסטו — פאָרסטו קיין אַמעריקע, ווילסטו — פאָרסטו קיין ארץ־ישראל, דער לאָרד באַלפור האָט צוגעזאָגט. אַ נייע וועלט , אַ גוטע וועלט.

אָבער וואָס איז דאָס? מ׳נעמט זיך נישט אַרום פאַר פרייד, ייִדן מיט גויים, ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, אַז אַזוי וועט דאָס זיין נאָך אַ וועלט־מלחמה, ביי וועלכער צען מיליאָן לעבנס זענען אומגעקומען.

מ׳יובלט נישט, מ׳פרייט זיך נישט. עפּעס וואַקסן אויס פאַרשידענע לייט אין ציוויל, אין מאַטשעיוווקעס, מיט ביקסן אויף די אַקסלען. דאַכט זיך באַקאַנטע. קאַטשמאַרעקס זונדל, יאַנעק, דער שייגעץ פון פּראָוויזאָר, וולאַדעק, דעם קיילערס געשטופּלטער גימנאַזיסט, בראָניעצקי, שבתי נחומס בעסטער פריינט. טאָמער האָט מען באַדאַרפט אַ טובהלע אין מאַ־גיסטראַט, איז נאָר צו בראָניעצקין... און איצט טרייבן די מענטשן אַראָפּ פון די גאַסן: — אָרדענונג! אָרדענונג! נישט שטיין בלייבן! אַהיימגיין!

האַ, וואָס איז דאָס? ווידער נישט פריי? ווידער פאַרבאָטן, פאַרבאָטן!

פוילנס חלום איז געוואָרן פאַרווירקלעכט, אַ חלום פון דורות. פוילן איז געוואָרן באַפרייט. אָבער פון ערגעץ־ווו באַווייזן זיך פאַרשווינען מיט עקיקע היטלעך, מיט אָדלערס, וואָס זענען ענלעך אויף הענער, באַפעלן, בייזערן זיך, רייסן אַראָפּ די שליפעס פון די אָפּציענדיקע דייטשן, שלאָגן יידן. בראָניעצקי רעדט עפּעס מאָדנע רייד: — אַביסל צו פיל יידן אין פוילן, צופיל יידן אויפן שטיקל לאַנד אונדזערן... אַלע געשעפטן, אַלע פאַבריקן, אַלע דאָקטוירים, אַלע סוחרים — יידן... פוילן האָט צופיל צעצלאַפּעטע יידעלעך, צופיל...

משהל וווּנדערט זיך, פרעגט דעם טאַטן: — דאָס הייסט אַ פאָלק ווערט פריי, מ'האָט זיך דאָך געדאַרפט אַרומנעמען, צעקושן זיך פאַר שמחה. שבתי נחומס ענטפערט אים אָפּ: — איך האָב מורא, אַז מיר האָבן צו דער פרייליכער חתונה נישט קיין שייכות...

שבתי נחומס איז גערעכט. ס'איז נישט געוואָרן קיין נייע וועלט. אַרום איז די לופט אָנגעזאַפּט מיט גיפטיקער שנאה. די שנאה קומט פון די באַפרייטע, פון די לייט מיט די מאַטשעיעווקעס, מיט די פאַרביקע בענדלעך, מיט די עמבלעמען פון פאַטריאָטיזם, וואָס זינגען אַלע ווייל דעם הימן, אַלע ווייל די ווונדערלעך־פייערלעכע מעלאָדיע פון „גאָט, פאַרוואָס האָסטו אין משך פון אַזוי פיל דורות געקריוודעט פוילן?" און... „יידל, נעם אַראָפּ ס'היטל!" — קרייעט אַ בייזע שטים פון עפּעס אַן אַלטער מויד אין אַ קאָנפעדעראַטקע צו אַ יידל, וואָס איילט אַהיים צו זיינע הונגעריקע קינדער, מיט אַ זעקל קאַרטאָפל.

און שוין ליגט דאָס היטל אויפן ברוק, צעטראָטן פון די צעיושעטע פאַטריאָטן, און דער צעשויבערטער קאָפּ פון דעם יידל אַריינגעפּרעסט צווישן המון, וואָס איז געוואָרן אַ בעסטיע. אַן אומגליקלעך יידל צווישן רייסנדיקע און בייסנדיקע וועלף, פילט זיך ווי נאַקעט, ס'איז אים קאַלט אין קאָפּ, די לופט פון דעם סוף־נאָוועמבערדיקן טאָג איז אייזיק־קאַלט, און אונטער חוזקדיקע קולות: — זינג, זינג, פּאַסקודנע יידל, באַזשע צאָש פּאָלסקיען!... און שוין באַגיסט זיך דער צעשראָקענער מענטש, וואָס דריקט קראַמפּהאַפט מיט די שוואַכע הענטלעך דאָס זעקל קאַרטאָפל.

מיט בלוט, וואָס רינט פון נאָז און מויל... פאַרגאָסן בלוט פון אַ יידל לכבוד פויליִנס באַפרייאונג.

פוילן איז באַפרייט. אין די נעכט קנאַלן ביקסן דורך די אויסגע־ליידיקטע גאַסן, וולאַדעקס, יאַנעקס און יענדרזשיקס שפּילן זיך מיט מאָרד־אינסטרומענטן, ווי קינדער מיט שפּיל־צייג, גלאַט אַזוי, שיסן מחמת תענוג...

פוילן איז געווען באַפרייט, און אַנשטאָט מיט פרייד גיין אויפבויען דאָס צעשטערטע לאַנד, האָבן די בראָניצקיס, וולאַדעקס, באַרליצקיס זיך געלאָזט אויפנייען שפּאָגל־נייע זעלנערישע מונדירן און געבעטן: לאָמיר זיך שפּילן אין קריג, לאָמיר שיסן...

און דאָס פרייע פוילן האָט באַלד געפונען זיין שונא. ס'איז געווען אַ לאַנד, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט אַ געפערלעכע אָפּעראַציע, אַ ריזיק לאַנד, וואָס האָט געבלוטיקט און געאייטערט. האָבן די גלחים גע־געבן זייער קירכלעכע ברכה, גענעראַלן האָבן געהאַלטן פּאַטריאָטישע רעדעס, רייכע לענדער האָבן געבאָרגט די שיריים פון זייער כלי־זין, און דאָס נייע חייל האָט זיך געוואָרפן אויפן ריזיקן לאַנד מיט די בלוטנדיקע ווונדן און אים געוואָלט אַראָפּרייסן די באַנדאַזשן.

סאָלדאַטן־שטיוול האָבן ווידער געקלאַפּט שטומפּיק אויפן ברוק. די סאָלטיסעס האָבן פאַרשריבן רעקרוטן, די פּויערים האָבן שוין ווידער געמוזט לאָזן פוסטעווען זייערע פעלדער, וואָס זענען געוואָרן פאַראומריי־ניקט פון ווילדגראָז, די קאַרטאָפל זענען געוואָרן פאַרזעצט נישט אין דער צייט, ס'ברויט אין די כאַטקעס האָט קוים געסטייעט ביזן פרילינג. באַנען זענען ווידער געווען אָנגעפילט מיט סאָלדאַטן צום פראָנט און מיט פאַרוווּנדעטע פון פראָנט; ווידער האָבן ציווילע באַדאַרפט פאַסיר־שיינען, ווידער האָבן שפּיציאָנסיקע זשאַנדאַרן געפאָרשט נאָך דאָקו־מענטן, ווידער האָט מען געכאַפּט מענטשן, ווי היצלס פאַרדעכטיקע הינט. ווידער זיי חושד געווען אין שפּיאָנאַזש, ערגעץ, וווּ וועגן קרייצן זיך, זיי מיט שטריק ס'לעבן זיי צוגענומען; ווידער האָבן זיך געטראָגן דורך די נעכט דער דונער פון די קאַנאָנען, דאָס ווילדע פייפן פון די ביקסן־קוילן, דאָס קאַלערן זיך פון די מאַשין־געווערן; ווידער האָבן יונגע מענטשן זיך אויסבאַהאַלטן און מוסרים האָבן אויסגעגעבן; ווידער האָבן געבליט שמוגל

און ספּעקולאַציע, וואַלוטעס געשטיגן און געפאַלן; בערזעס — זייער רייכן שניט געהאַט.

און די אַלע יונגע מענטשן אָן אַ ציל, אָן אַ פּראָפעסיע, די אַלע וואָס זענען אַרומגעגאַנגען שלינג־און־שלאַנג, זיך געאַמפּערט אין די פאַר־רויכערטע לאָקאַלן וועגן סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, עראָטיק, מיסטישן פּראָצעס, באַוווסטזיניקע סיבות, נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל, — אין באַפרייטן פּוילן האָבן זיי באַקומען אַ תּיקון: פּוילן אין נאָסע אָקאָ־פּעס, שלאָפן אין לייזיקע באַראַקן, גייען מיט באַיאָנעטן אויפן מכלומרשטן שונא, ווערן צעריסן פון גראַנאַטן אָדער שראַפּנעלן־שפּליטער, שטינקען ווי פּגרים אויף שלאַכטפעלדער און אין די אויפגעשליסענע בייכער זאָלן ראָיען בלויע, געלע, גלאַנציק־פּעטע פליגן, אויפן פעלד פון רום. דערפאַר זענען זיי געוואָרן באַגלייט צום פראָנט מיט די הויך־געשוואָלענע פּאַ־טריאָטישע דרשות פון יונגיטשקע אָפיצירלעך, וואָס האָבן געגעבן צו פאַרשטיין די סאָלדאַטן, אַז די „הידרע, דער שונא, באַדראָעט דאָס פאָ־טערלאַנד, די אמונה, די ציוויליזאַציע"... און הוררא! הוררא!

און איינס, צוויי, דריי! ס׳האָט מאַרשירט דאָס באַפרייטע פּוילן קעגן דעם פיינט.

שפּיאָנען זענען געוואָרן דורכגעלעכערט פון זאַלפּן, יידן האָט מען געוואָרפן פון לויפנדיקע באַנען, זקנים זענען אַהיימגעקומען מיט אויס־געפליקטע בערד, אַרבעטער האָט מען געזעצט אין פינצטערע קאַזעמאַטן, איצט אייגענע פּוילישע אַרבעטער, דורך אייגענע זשאַנדאַרן. פריער האָבן פרעמדע זיי פאַרשפּאַרט אין פּאַוויאַקס, אין סיביר פאַרשיקט, אויף תּליות געהאָנגען. איצט דריקן אייגענע. זלאָבינסקי, דער מיעכאָווער רע־וואָלוציאָנער, שפּייט ברייט אויפן טראָטואַר און זאָגט אַזוי ווי פאַר זיך: — פּשאַקרעוו, דאָס איז דיר שוין איין מאָל אַ פרייהייט! ניין, ניין! אַזעלכעס האָבן מיר נישט געוואָלט! ניין, ניין, פריי זענען די שליאַכ־טשיטשעס, פריי די לאָבוסעס, אָבער דאָס פּראָסטע פאָלק איז ווייטער פאַרקנעכט...

איינס, צוויי, דריי, פּוילן איז פריי!

אויף גאַסן האָבן פּאַזנאַנטשיקעס געיאָגט זיך אין שפּאַס נאָך אַ ייד, רפאל העניעך דער קוילן־הענדלער, אים געכאַפּט און מיט אַ שטומפּיק

שווערדל אָפּגעזעגט אַ בינטל האָר פון זיין שוין גרויל־עכער באָרד און פרייל־עך צוגעזונגען: — אוי, מאַרישקאַ, מאַרישקאַ, קום צו מיר אין בעטל שלאָ־אָ־אָ־פן....

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן פּוילנס באַפרייאונג. ערגעץ־ווו ביים ווייסל, אין אַ הויכער מאַיעסטעטישער שטאָט האָט מען אַ פרומען רב חושד געווען אין שטיין אין פאַרבינדונג מיטן שונא און אים דערפאַר דער־מאָרדעט, און אין דער שטאָט פון דער הייליקער אָסטראַבראַמאַ האָט מען אַ צאַרטן יידישן דיכטער אומגעבראַכט. אַזוי איז פּוילן געווען פריי און יידן האָט מען באַשפּיגן, באַליידיקט, פאַריאָגט פון זייערע פּרנסות, אויסגעפּרעסט מיט שטייערן. און יואלקע, דער מיעכאָווער רב, האָט אַזוי געטענהט צו שבתי נחומס: — דורות־לאַנג זענען מיר דאָ געזעסן אויף דער דאָזיקער ערד, און איצט האָבן זיי פאַרצויגן אַ שטריק אויף אונ־דזערע העלדזער, אויף אַלע יידישע העלדזער... דורות־לאַנג האָבן יידן און פּאָליאַקן צוזאַמען געבויט פּוילן, פאַרגאָסן צוזאַמען אונדזער בלוט, אונדזער שוויים אויף דער דאָזיקער ערד. אונדזערע אבות־אבותינו ליגן אין דער דאָזיקער ערד, העט אַרויף צו די פאַרצייטישע פּוילישע קרולעס...

שבתי נחומס האָט אויף דעם געהאַט צו זאָגן איין זאַך: — רב, מיר האָבן דאָ קיין שום גוטס נישט צו דערוואַרטן. אַז אַ מלוכה שטיצט לאָבוסעס, מוזן יידן טראַכטן אַוועקצוגיין פון דאַנען... אויסוואַנדערן אין יעדן לאַנד, וווהין מ'וועט נאָר אַריינלאָזן... צום באַדויערן זענען די גרעס־ניצן פון אַ סך לענדער פאַר אונדז פאַרשלאָסן... וואָלף רייכמאַן איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געהייסן פאָרן קיין ארץ־ישראל... דעמאָלט איז עס געווען אַ לייכטער ענין... דאָ איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן...

יואלקע דער רב האָט זיך געהאַלטן ביים וויכן גרויען בערדל: — מילא, דו, שבתי, ביסט אַ פאָרער, ביסט געוווינט אַרומצופאָרן פון איין לאַנד אין אַנדערן, אָבער וווהין זאָל פאָרן אַ פּראָסטער ייד, וואָס איז כל ימיו געזעסן אין דער היים, נישט געוווסט פון עפּעס אַנדערש... זיין זיידע האָט דאָ געווינט, זיין טאַטע, זיינע קינדער זענען דאָ געבוירן. איך וואָלט קיין מאָל נישט פאַרלאָזט מיין עדה. אין מיעכאָוו איז פאַראַן אַ הייליק אָרט, ליגן דאָרט מיינע צען דורות, טאָ ווי קען איך פון דאַנען אַוועקגיין?

שבתי נחומס האָט געברומט זיינס א ניגונדל: — אוודאי, רב, איז יעדער צוגעוואקסן צו זיין שטעטל, צו זיין לאַנד, אָבער, אַז מ׳האָט נישט קיין פּרנסה... זיי שטעלן אונדז בדיל הדל. און ווער ווייסט וואָס אין דעם גיהנום־קעסל קאָכט זיך נאָך פאַר אונדז... אָט ביי מיר אליין... כ׳בין געווען אַן עושר, אָבער איצט מוז איך אַלץ אָנהייבן אויפסניי. אַלץ איז איינגעפאַלן, פּונקט ווי דעמאָלט נאָך דער חתונה... איי, איי, רב, געווען מיר במחשבה, אַז אפשר זענען די לייט אין רוסלאַנד גערעכט. זיי ווילן איבערבויען די וועלט פון יסוד אויף, נישטאָ קיין אָרעמע, נישטאָ קיין רייכע... אַ שאָד, אַ שאָד, זייער „נס ביים וויסל״...

דער רב האָט איינגעוואָנדן: — מ׳זאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז נישטאָ קיין אמונה... ווי קען זיין אַ וועלט אָן אַ גאָט? שבתי, ווען נישט דאָס, וואָלט מיר אויך געפעלן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַ וועלט אָן קנאה־ושנאה, אָן קבצנים, אָן יחסנים...

שבתי האָט ווייטער געשפּינען זיין געדאַנק: — ס׳קאָכט זיך דאָ אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען... און אַז דאָ איז יאָ דאָ אמונה, איז שוין גוט? אַ שטריק האָבן זיי פאַרצויגן אויף אונדזערע העלדזער, אַ וואַרגנדיקע שטריק. אַז קינדער גרייטן זיך צו לאָזן למרחקים, וועל איך זיך נישט אקעגנשטעלן. איך נישט...

אַזוי האָבן מיעבאָוועער נעסטן אָנגעהויבן צו ווערן ליידיק. אין אַלע שטיבער האָט מען גערעדט פון פאָרן, איינער קיין דרום־אפריקע, איינער קיין פראַנקרייך, קיין בראַזיל, איינער קיין אַרגענטינע. דאָ האָט מען גע־פּאַקט ס׳פּעקל, דאָרט האָט מען געגרייט די פּאַפּירן, געלאָזט זיך צו גרעניצן מיט וועגענער, צו־פוס, מיט באַנען, אויף שיפן, בחורים, כלה־מיידלעך, יונגעלייט נאָך דער חתונה, אַ פיבער פון פאָרן, פאָרן...

אויך זלאַטעס היים איז נישט פאַרשוינט געוואָרן פון ווערן אויס־געליידיקט. אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט משהל געפּאַקט אַ קליין וואַ־ליזקעלע, אין דעם אַריינגעלייגט אַ צוויי העמדער, אַביסל אונטערוועש; דער טאַטע האָט אים געהייסן מיטנעמען די תפילין, אַ קליין סידורל, אַ תנכל, האָט אים ליבלעך אַ גלעט געטון פאַרן געזעגענען, אַזאַ וואַרימען, ווייכן גלעט, פּונקט ווי ערב יום־כפור ביים בענטשן. ביים באַן האָט מען לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויפן צוג, וואָס איז געגאַנגען צו דער גרעניץ.

שבתי האָט געהאַט טרערן אין קול: — פּאַרסטו, הייסט עס, אוועק משהלן? פּאָרסט, טאָ זאָל זיין מיט מזל... דיין ערשטער ארויספאָר... האָסט אַ תנכל מיט זיך, קוק אַריין אין דעם... בלייב אין דייטשלאַנד אַ צייט... כ'האָב געשריבן צו קרייטקע און קאָמפּאַני אַ רעקאָמענדאַציע... לערן עפּעס. כ'וועל דיר שיקן עפּעס, לויט מיינע כוחות. דער עיקר, געדענק, היט אָפּ ריינקייט פון גוף און ריינקייט פון דער נשמה, וואָס דאָס איז נאָך וויכטיקער... די וועלט אין דער פּרעמד איז בדרך כלל אַ קאַלטע, דאַרף מען באַהאַלטן די שבת־יום־טובדיקייט אין זיך, דער עיקר איז שבת און יום טוב האַבן אין האַרץ, כדי נישט צו ווערן פאַרגרעבט, נישט ווערן דערטרונקען אין לויטער גשמיותדיקע ענינים. אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אָנהאַלט, אַ תוכן, און דיך, וואָס ביסט מיין בכור, וואָלט איך געוואָלט זען זיך טובלען אין דער וואַרעמער יידישקייט, וואָס דו האָסט געזען אין דיין היים...

די באַן האָט אַזא וויינענדיקן פייף געטון און משהל האָט זיך אוועקגעלאָזט צו דער גרעניץ.

דעם ביישפּיל האָבן, מיט קורצע איבעררייסן, נאָכגעטון די אַנדערע ברידער און שפּעטער די שוועסטער מיט זייערע מענער. זלאַטע איז געבליבן אַליין, ווייל שבתי איז ווינציק געווען אין דער היים. מסחרים און זוכענישן ווו זיך צו באַזעצן האָבן אים כסדר אוועקגעשלעפּט פון דער אויסגעליידיקטער נעסט. איז ער שוין צוריקגעקומען אביסל קיין מיעכאָוו, איז ער אויך נישט געווען אין שטוב, ער האָט זיך געקהלט, באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע חברות צו גרינדן שטעטלעך און קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. ער פלעגט תמיד מענהן: — יידן אין פּוילן ווי אויף אַ ווולקאַן, וואָס אָט־אָט וועט ער אָנהייבן צו שפּייען פייער...

זלאַטע האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער אָבלדיקער שטוב. האָט זי גאַנצע טעג געשריבן צו די צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער בריוו מיט אַ גרויסער און צעוואָרפענער שריפט, אַ שרייב און אַ וויין, אַ שורה און אַ טרער־פלייץ, און תמיד איין נוסח: „...דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אימער און עוויג... קינד, היט אָפּ ס'געזונט... עס גוט, זשאַלעווע דיר נישט... דיין מאַמע, וואָס טראַכט פון דיר טאָג ווי נאַכט."

נאָר אַ מאַמע קען אַזוי טראַכטן אָן אויפהער פון איר קינד, קיין איין רגע זאָל עס נישט אַרויס פון איר זינען. וואָרום צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז די וועלט נישט געווען צו פריינטלעך צו אַ מיעכאָ־ווער יידיש קינד. יעדעס לאַנד האָט זיך געפליסט צוצוטראַכטן עפּעס אַ באַגרענעצונג פאַר אים און אין איינס זענען אַלע געווען מסכים: פון דער פאַסטקע פוילן זאָלן וואָס ווינציקער יידן זיך קענען אַרויסכאַפּן...

זלאַטעס גוטע, אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן כסדר געשטעלט איין און די זעלבע פראַגע: צי עסט איר גוט, קינדער מיינע? צי שלאָפט איר אויף אַ ווייך געלעגער? צי וואַשט מען אייך אויס, ווי ס׳דאַרף צו זיין, ס׳ביסל וועש? צי נייט אייך עמיץ צו אַ קנעפּל? צי זענט איר, חלילה, נישט שלאַף, צי האָט איר נישט קיין היץ? צי האָט איר ווער עס זאָל אייך דערלאַנגען מיט ליבשאַפט אַ לעפל געקעכץ, אַביסל „לאָבונג“, אַ רפואה? און מיט וועמען פאַרברענגט איר? צי האָט איר שבתים, צי האָט איר יום־טובים, קינדער מיינע?

טרערן זענען געפלאָסן פון זלאַטעס אויגן אין קרבן־מנחה־סידור אַריין, אין טייטש־חומש אַריין, ווען זי האָט געטראַכט פון די קינדער, ווען זי האָט פון זיי בריוו געלייענט, פאָטאָגראַפיעס געקושט. זיי זענען שוין לאַנג געווען גרויסע, אָבער די מאַמע האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט ווי פיצעלעך. זי האָט געדענקט בפרטות אַלע זייערע קינדער־קרענק, זייערע מאָזלען, זייערע שקאַרלאַטינעס, זייערע בייסעניש, זייערע שוואַכע פּיס־לעך; זי האָט זיך דערמאָנט אין אַלע וואַכע נעכט, אין אַלע ציטערנישן, אַלע פלאַטערנישן; אַ שוואַכע מאַמע, וועמענס מאַן איז תמיד געווען אויף ווייטע נסיעות, כסדר מיט געשעפטן, פאַרטון אין עולמות. האָט זי דאָך אַליין די אַלע קינדער אויפגעצויגן, איבער יעדן באַזונדער געציטערט, געוויייטיקט, געבלוטיקט, — און אַז זיי זענען שוין גרויסע און מ׳וואָלט געקענט האָבן אַביסל נחת פון זיי, זענען זיי אַוועק, אַוועק... פאַרוואָס האָבן די גויים אַלע קינדער ביי זיך, אַרום זיך? פאַרוואָס צעפאָרן זיך נישט בראָניעצקים קינדער, קאַטשמאַרעקס קינדער, דעם פּראָוויזאָרס קינדער? פאַרוואָס מוז זלאַטע בענקען, חוה־איטע בענקען? פאַרוואָס?

שבתי פלעגט טרייסטן: דערפאַר, ווייל זיי זענען יידישע קינדער, דערפאַר מוזן זיי וואַנדערן. אפשר איז דאָס אַ ווינק פון דער השגחה,

כדי אונדזערע קינדער זאָלן ראַטעווען זייער נפש, וואָרום טאָמער איז ווידער אַ מלחמה... אַליין וועט מען אויך מוזן אַוועקפאָרן...

זלאַטע האָט געהאַלטן מיטן רב, אַז פון דאַנען דאַרף מען נישט אַוועקפאָרן. אַ חוץ דעם ווינען דאָ אירע ברידער, אירע שוועסטער, אויפן הייליקן אָרט ליגן טאַטע־מאַמע, פאַרוואָס זאָל זי לאָזן די מצבות אַליין? וואָס וועט זיין מיט גאַנץ מיעכאָוו, וועט זיין מיט אונדז אויך...

איז געבליבן, אַז סוף חודש אָב התרצ"ט וועט דערווייל שבתי אַליין אַ פאָר טון קיין ארץ־ישראל צו זען, ווי מ׳קען זיך איינאָרדענען...

* * *

שבתי נחומס האָט זלאַטען שוין מער נישט געזען. במשך פון די שרעקלעכע היטלער־יאָרן האָבן אים פאַרפאָלגט מיט גוואַלדיקן פאָרוורף אירע גרויסע, גוטע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין עקשנותדיקן פרעגן: — שבתי, אויף וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?

מיעכאָוו ווערט „יודען-ריין"

דער שטייער־באַאַמטער בראָניצקי האָט גוט געוווּסט דעם סוד, ווער ס'זענען די טוריסטן אין די ווישניעגורער און פּיאָנטקער וועלדער, ביי אים האָט דאָך געוווינט אין פּענסיאָן דאָס רייכע „טוריסטן־פּאָרל". ער, פראַנץ טרייטשקע, אַ לאַנג־אויסגעצויגענער בלאָנדער דייטש, וואָס האָט געהאַט נאַרעשעוואַטע פּישענע אויגן, און זי, האַנדזי, אַ דיקע, אַ ראָזעווע, ווי אַן אָפּגעזאָטן חזירל, מיט קליינע חזירישע אייגעלעך. צוועק פון זייער אויפנטהאַלט אין פּוילן — מכלומרשט באַקענען זיך מיטן שיינעם „לאַנדע", דעריבער — ער מיט גרינע קורצע הייזעלעך, טיראָלער יעגער־רעקל, רוקזאַק, יעגער־טאַש, קאַפּעלושל מיט אַ האָן־פעדער, און זי — מיטן געפּאַסטן דירנדל־קליידל, בלאָנדע ווייכע צעפּ, מיט ברוינע בענדלעך, סענטימענטאַל פּיסקל, כסדר אַנטציקט מיטן לאָרנעט און פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט פון פיינסטן יענאַער שליף, ריינער „צייס". פון דעם סוד, דאָס הייסט, דעם אמתן ציל פון דעם פּאָרל טרייטשקע, האָבן אויך געוווּסט אייניקע פאָלקס־דייטשן, קאַטשמאַרעקס זינדל, וואָלאַדעק, דעם קיילערס געשטופּלטער גימנאַזיסט, וואָס איז געווען אָנפירער פון דער „נאַראַ" און איז אַרומגעגאַנגען מיט גראָבע טייסטערס געלט.

אַמאָל, נאָך אַ פריילעכער הוליאַנקע פון אַ „שוויענטי־יאַן"־נאַכט, האָט זיך דער דייטש אַרויסגערעדט, אַז „פּוילן וועט זיין דאָס עלדאָראַדאָ פון דער וועלט. הייסן וועט עס אָסטלאַנד, און די מענטשן וועלן לעבן דאָ ווי אין אַ גן־עדן. בשעת־מעשה האָט דער דייטש מיט די פּישענע אויגן געגלעט זיין האַנדזין, אָנגערופן זי מיט די צערטלעכסטע נעמען, ווי למשל, „פּוסי", „זיס חזירל" און גערעדט פייערלעך, מיט אַ פּאָנפעוואַטער, לייטענאַנטישער און שיכורער שטים: — אונדזער לעבנסרוים, פּו־

סיעכען, האַנדזיכען, אַלע הייזער, וועלדער, פעלדער, אַלץ אויף דער ערד און אַלץ אונטער דער ערד, אַלע יידעלעך מיט זייערע פעלצן, מיט זייערע הייזער, זייערע געשעפטן, זייערע גילדענע בעכערס, זייערע פערל־קייטן, זייערע קידושין־פינגערלעך, זייערע גאָלד־זייגערס וועלן גע־הערן אונדז, אונדז, פוסיעכען! אַלץ וועט דאָ רעדן דייטש! אַ חוץ די יידן, די יודן, כאַ, כאַ, כאַ, כאַ, וועלן פּאַפּן, זים חזירל, דעם אייביקן שלאָף...

בראָניצקי און זיינע חברים האָבן מיטן טוריסטן־פּאָרל געטרונקען אַ האַלב טוץ מאָל „ברודערשאַפט". בראָניצקי — באַזונדערס הארציק, האָט פאַרגעלייגט זיינע דורכאויסיקע דערפאַרונגען אויף דעם געביט, ער קען צונויפקומען, באשר בכן, ער האָט אַזוי פיל יאָרן געאַרבעט אין דער שטייערן־אָפּטיילונג פון מאַגיסטראַט, ווייסט ער אַלץ, וואָס יידן האָבן, ער האָט שוין אפילו בהדרגהדיק פאַרשריבן ס׳יידישע פאַרמעגן, פון די רייכסטע יידן, פון פאַן מאַנדלבוים, פון זשידעק אייגער, פון אַלע זשיד־קעס, פון אַלץ ווייסט ער: פון קראָמען, לאַגערס, פאַבריקן...

טרייטשקע האָט געשמייכלט מיט זיינע נאַקעטע ברעמען: — נו, יאָ, גוטער פּאָליאַק, דער פירער האָט גענומען אין אכט די פאַרדינסטפולע פּאָליאַקן פאַרן דריטן רייך, אַזעלכע וועלן אפילו באַקומען וויכטיקע פּאָסטנס און אַ טייל פון דעם יודענפאַרמעגן...

* * *

און ס׳איז געקומען דער טאָג.

דעם פירערס קאַטעגאָרישער באַפעל: „...פאַרוואַנדלען לאָדזשער געגנט, ווו עס האָט געווירקט דייטשער פלייס, דייטשע אַרבעט און דייטשער גייסט, אין אַ ריין דייטשן געביט. די וואַרטע־געגנט איז דייטשער לעבנסרוים. עס ווערט פאַראָרדנט: נישט שפּעטער ווי ביז אָקטאָבער 1941 מוזן אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום ליצמאַנשטאַט, פריער אָנגערופן לאָדזש, ווערן יידן־ריין, און דאָס פאַרמעגן פון די נישט־אַריער דאַרף איבערגיין צו די פאָלקסדייטשן, ווי אַ באַלוינונג פאַר זייער איבערגעגע־בנקייט, אויפאָפּערונג און פאַרדינסטן פאַרן דריטן רייך..."

די מיליטערישע און ציווילע מאַכט האָבן גענומען ענערגיש אויס־פירן דעם פּאַרלאַנג פון פירער, פּלאַנמעסיק, שטיל און מיט פּאַרזיכטי־קייט, כדי די כיטרע יידן זאָלן נישט קענען באַהאַלטן אָדער פּאַרטיליקן וואָס פון זייערע זאַכן.

אין מיעכאָוו האָט זיך די ליקווידאַציע אָנגעהויבן מיט דער שול, מיטן בית־המדרש און חסידים־שטיבלעך. די „ווערטערפּאַסונגסשטעלע" האָט פאַרנומען די בענק, טישן, שטענדערס, שלחנות, די ספרים־שאַפעס, צוזאַמען מיט די טליתים, ספרים, ש"סן און אַנדערע כלי־קודש.

מיט די ספרי תורה האָט מען זיך גאָר שטאַרק דערפרייט, ממש א גדולה: — פיין לעדער, האָט געשמונצלט לייטענאַנט רימקע, א רימער־געזעל פון מינכען, — גוט ווייס לעדער, די יודן־ראַלען קענען טויגן צו א סך זאַכן, פאַר מיליטערישע און ציווילע באַדערפעענישן, פיין קאַלבס־לעדער, טויג פאַר טעקעס, פאַרטמאַנעס, איינבאַנד פון ביכער...

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום הייליקן אָרט. אָבערוואַלדמייס־טער שונצע האָט אויף דעם אַלטן בית־עלמין פון מיעכאָוו אַנטדעקט א שלל מיט אוצרות, ממש א קוואַל פון רוי־שטאָפן פאַר דער קריגס־פירונג, יאַוואָל! אייזן, טויזנטער צענטערס, פון די טירלעך, פון די שטאַכעטן ארום די קברים, ארום די אוהלים פון די גוטע יידן, פון די רבנים־גדולים, וואָס האָבן באַשיינט דאָס גוטע אָרט פונעם שטעטל ביי דער וואַרטע, ווו יידן האָבן געוווינט זינט די דריטע קרייצצוגן. אַן אוראַלט בית־החיים. קבר אויף קבר, שטיינערנע מצבות, גריגיז פון מאָך, פאַרזונקענע אין דער ווייכער, פעטער, שוואַרצער ערד, און אַן אומדורכדרינגלעכער וואַלד פון ביימער ישישים, וואָס האָבן געשטרעקט צווייגן ווי מעכטיקע האַריקע הענט, ווי כהנים בעתן דוכענען; צווייגן פאַרפלאָכטן איינס אין דאָס אַנדערע. דאָס לאָקשן־פּאַרמיקע פּרצוף פון אויבערוואַלדמייסטער שונצע האָט זיך צעשמייכלט פון נחת: — יאַוואָל, הערלעך געהילץ, אמת האַרט בוי־האָלץ, יאַוואָל! אויסגעצייכנט פאַר די מיליטערישע צוועקן...

שטרענגער באַפעל: תיכף שיקן א באַטאַליאָן פונעם יידן־געזינדל מיט זעגן און העק צו האַקן און צו זעגן די מאַיעסטעטיש־צעוואַקסענע בוקעס, די גאָרנהויכע סאָסנעס, די אייזנהאַרטע דעמבעס, וואָס זענען

אַריין־ און אַרויסגעוואַקסן און אַרומגעוואַקסן אַרום און אין די קברים מיט די מאָך־גרינע איינגעהויקערטע און אָפּגעריבענע מצבות.

עס איז געוואָרן מדבר־ליכטיק אויפן פריער אַזוי שאָטנדיקן און פאַרכמאַרעטן הייליקן אָרט, אָפּגעשוונדן ליכטיק. און אַז די אוראַלטע ביימער האָבן פאַרענדיקט זייער גרין און זוניק לעבן און געפאַלן אויף די הייליקע שטיינער פון די פּה־נקברס, האָט זיך די מאכט אַרומגעזען, אַז דער וועג צו די פּיאַסקעס, וואָס פירט צום בית־עולם, איז צו זאַמדיק, און אַז די צוויי פּאָר רעדער, וואָס טראָגן אויף זיך די שווערע לאַנגע קלעצער וועלן איינזינקען אין דעם טיפן זאַמד. האָט אָטאָ גרונצל, דער שעף פון געשטאַפּאָ־אָפּטיילונג אין מיעכאָוו געהאַט דעם באמת גלענצנדיקן איינפאַל אויסצולייגן אַ וועג פון די פּיאַסקעס ביז צו דער באַן־סטאַנציע, אַ געפּלאַסטערטן וועג פון ערשטקלאַסיקן מאַטעריאַל: געשטיין פון „יודענפרידהאָף״. מאַטעריאַל פּרימאַ שבפּרימאָ, און טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן אויך פון דער ערשטער מדרגה, אויפן פּלאַץ און קאָסט גאָרנישט. מען קען דאָך איינשפּאַנען דאָס יודען־געזינדל, ווי אַמאָל אין אַלטן עגיפּטן, ווען די פּיינע קערלס, די פּרעהס, האָבן געלאָזט בויען די פּיראַמידן.

— יאַוואָל! געניאַלע אידעע! זאָלן די ייִדן ברענגען קינד און קייט, זאָל מען זיי, די פּוילענצער, געבן: קייטן, שטריק, דראָטן, און זאָלן זיי שלעפּן, די חזיר־ייִדן! פּאַרדאַמט נאָך אַ מאָל!

פּאָליציי־אָפּיציר מיכל קראַנצע, האָט געפּאָכעט מיטן שפּיצרוט און געריטשעט:

— פּאָרוועריטס, זאַו־ייִדן! — אַ פּאַך און אַ קוויטש, אַ פּאַך און אַ ריטש.

די אַרבעט איז טאַקע געגאַנגען פּאַראויס טראָץ אַ פּאָר מינדערוויכטיקע אינצידענטן. ראַפּאָרט: אייניקע פונעם פּאַרפלוכטן יודענגעזינדל זענען אומגעפאַלן, פּאַרגלייזט די אויגן. יאַוואָל! באַווייזן: די ייִדן זענען אַ זייער מינדערווערטיקער אַרבעט־עלעמענט, ווייל נידעריקע ראַסע.

אָבערלייטענאַנט פּלענצקע, שעף פון דערנערונג־אַמט, האָט געהאַט נאָך אַ בעסערן איינפאַל. אין ציווילן שטאַנד איז ער געווען דאָצענט ביים לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט פון אוניווערזיטעט קיעל. איז זיין מיי־

נונג, ווי אן אגראַרער פאַכמאַן, געווען אַזוי: די ערד, ווו ס׳ליגן באַגראָבן די יידישע פגרים, איז אַן אַלטע פעטע ערד, און אַזאַ ערד קען געבן דאָס בעסטע קאַרטאָפל־גערעטעניש. ער, פלענצקע, גאַראַנטירט פאַרן מאַקסי־מאַלסטן אויסגאַב. על כן, עצהט ער, מ׳זאָל אָפּרייניקן דאָס פּלאַץ, גרינט־לעך אויסאַקערן, פאַרבראַנעווען און פאַרזעצן מיט קאַרטאָפל־זריעה פון פּויזנער געגנט:

— יאַוואָל, מיינע הערן, היפּשע פּאָר טאָפל־צענטער, ביי אַזאַ קאָ־לאָסאַלער באַמיסטיקונג... ווייכטיקער לעבנסרוים פאַר אונדזער לאַנד־הונ־געריק פאָלק... הי, הי, הי...

עס האָט געהערשט אַ פרייל‍עכע שטימונג ביי די „נאַראַ"־לייט און ביי די פאָלקס־דייטשן אין מיעכאָוו.

באַרשט, היינצל און פּיפּקע, געוועזענע קאָנקורענטן פון דער גרעס־טער מיעכאָווער טעקסטיל־פאַבריק, מאַנדלבוים און צוויפעלד, האָבן אָר־גאַניזירט אַ גרויסאַרטיקן ספּעקטאַקל לכבוד דעם פירערס געבוירנטאָג, און צו דער זעלביקער צייט אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו די גרויסע, מעכטיקע ראַסן־ברידער. פאַרוויילונג און פייערווערק. מען האָט אָנגע־צונדן דאָס גערער שטיבל ביים אַלטן מאַרק. קאָלאָסאַלער ברענשטאָף, אַמוזאַנט ביז גאָר. עס האָבן געפלאַקערט אַלטע צעריסענע טליתים, אַלטע קיטלען, צעשליסענע אַטלאַס־ און זיידענע זשיפּעצעס, און פאַרגעלטע יידן־ביכער!

— זאָל זיין לוסטיק! פיל דאַנק די ליבע פאָלקס־ברידער, וואָס האָבן געהאָלפן צו באַזייטיקן אויף אייביק די פאַרדאַמטע קאָנקורענץ, מאַנדל־בוים און צוויפעלדס וועבערייען פאַרוואַלטן שוין באַרשט און קאָמפּאַני. אויגוסט באַרשט האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פירער פון דער נאַציאָ־נאַלער רעוואָלוציע, ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער צוריק־דערגאָבערונג פון וואַרטע־געביט פאַרן דריטן רייך.

אַ חוץ דער גאַנצער איינריכטונג פון די פאַבריקן, וועבשטולן און פאַרבערייען, וואָס באַרשט און קאָמפּ׳ האָבן זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען פון די באָמבע־שריפות, האָבן זיי אויך צו זיך גענומען איי‍ניקע ווייכטיקע הויז־זאַכן פון די ליבע קאָנקורענטן, זענען געווען אַזוי גרויסמוטיק צו

געבן א ביסל געלט די יידן, וואָס זענען ערגעץ־ווו אנטרונען. אָבער צו וואָס דאַרפֿן באַרשט, היינצל און פּיפּקע די גרויסע לאַנגע יורה־דעהס, יד־החזקהס און די אנדערע קאָמישע יידן־ביכער?

— קרייצדאָנערוועטער, זאָלן זיי ברענען, די פאַרשימלטע יידן־מכשפה־ביכער, סאַקראַמענט, נאָך אַ מאָל!

— הוסאַ־סי, הוסאַ־סאַ, עפענען די מעדכען פענצטער און טירן... און דער מיעכאָווער הימל איז געווען רויט פונעם שייטערהויפן פון די טויזנטער ספרים, וואָס מ'האָט געשלעפּט פון די יידישע הייזער.

דער אַלטער אויגוסט באַרשט, מיט די גרויע הינדענבורג־וואָנצעס, וואָס האָט נישט איין מאָל זיך באַלעקט די וואָנצעס מיטן אַלטן צוויפעלדס שבתדיקע פיש און פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל מעד, — זיינע האַלב־פאַר־טיקע שטאָפּן פלעגן ווערן אויסגעאַרבעט אין דער אָפּעראַטור פון דער יידישער פאַבריק, — האָט זיך אָנגעטון אַ כוח צו זיין אביסל לייטזעליק צו מיעכאָווער יידן: ער האָט אויסגעפועלט, אַז דאָס „יודענפאָלק״ זאָל קענען דאַווענען ראש־השנה, בתנאי, אַז זיי זאָלן נישט אַזוי שרייען און נישט זינגען זייערע מאָדנע יידן־מעלאָדיעס, כדי נישט אויפצורייצן די געדערכטע ווידערגעפילן פון די דייטשן. פאַר דער געשטאַפּאָ האָט דער כיטרער באַרשט אָנגעגעבן די סיבה, וואָס מ'טוט מיט די יידן אזא חסד, ער האָט נעמלעך מאָטיווירט, אַז בשעת די יידן וועלן זיין פאַרזאַמלט אין זייערע געבעט־הייזער, און מ'וועט אויסמיידן דעם אומאַנגענעמען ספּעקטאַקל צו זען זייערע פאַרוויינטע פּרצופים, בשעת מ'נעמט ביי זיי צו דאָס, וואָס געהערט צו די דייטשן, לויטן פירערס ווילן.

פון די אַלע בתי־מדרשים, שולן, חסידים־שטיבלעך, וואָס מיעכאָוו האָט פאַרמאָגט, איז פאַרבליבן בלויז דאָס סאָכאַטשאָווער שטיבל, ממש דלת־על־דלת. דאָ האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס אָרימע רעשטל פון דער גרויסער קהילה, דאָס, וואָס איז געבליבן פון די לופט־באָמבעס, צעשיסונגען, תליות, פאַרפייניקטע ביי עבודת־פרך און אַנטרונענע אין באַלוטער און וואַרשעווער געטאָס.

בעל־שחרית און בעל־מוסף איז געווען דער בלינדער דיין ר' חנא הערש אמשינאָווער. געדאַוונט האָט מען אויסנווייניק, נישט געווען אין גאַנץ מיעכאָוו קיין מחזור, קיין סידור. דער רוב פון די פּאָר מנינים, די

זקנים, מיטליאַריקע יידן האָבן נישט געהאַט קיין טלית אפן אקסל. דאָס פייערוווערק פון די פאָלקס־דייטשן און די נאַראָס האָבן אַלץ פאַרניכטעט...

ר׳ חנא הערש, דער סגי־נהור, האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון. אַ חוץ כמעט גאַנץ תנ״ך און אַ שיינע פּאָר דפים פון די בבאָס האָט ער אויך געדענקט געגוג שטעלן פון די ימים־נוראימדיקע תפילות. זינגען האָט ער נישט געקענט, נאָר ווי געציילט די ווערטער מיטן טראָפּ פון ראש־השנהדיקן מפטיר. עולם האָט נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, פּסוק ביי פּסוק, נאָכגעזאָגט מיט אַ בלחשדיק געוויין. אַ טייל האָט אפילו נישט געקענט עפענען דאָס מויל, מחמת הונגער, דאַרשט און פאַרפּייניקטע גופים.

דער רב, ר׳ יואלקע, האָט געהאַט אַ פאַרבונדן פּנים, אָפּגעסמאַליעט פון דער שריפה, בעת די „שטוקאַס" האָבן באָמבאַרדירט מיעכאָוו. ר׳ יואלקע איז נישט אַלט געווען מער ווי פופציק יאָר און איז שוין געווען ווייס ווי שניי. האָט פאַרלוירן אי דאָס ווייב, אי דעם לעצטן זון, אברהמל, וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין ממלא־מקומו. ר׳ יואלקע האָט זיך געשאָקלט, געשאָקלט, געהאַלטן זיך פאַרן שטענדער און פאַר דער פאַרסמאַליעטער באָרד און אין זיך געוויינט.

עס איז נישט מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן אַ ריכטיקן סדר. פרויען האָבן צו אָפט געחלשט. פּלוצים דרינען האָט עמיץ אריינגעוואָרפן אַ שטיין אין דער צעשראָקענער קליינער עדה. דערצו האָט דער שליח־ציבור, דער סגי־נהור, מיטאמאָל אָנגעווירן דאָס ביסל כוחות, און יעדער האָט שוין אַזוי געזאָגט אַ תפילה פאַר זיך, אָפּגעריסענע פּסוקים פון דאָ און דאָרטן...

אַזוי האָט ר׳ זאַנוועלע עסיק־מאַכער געהאַט פאַר זיך אַ פּאָר בלעט־לעך פון אַ צעריסן סידורל, האָט ער זיך צעיאַכמערט ביי די עטלעכע שורות פון סדר תשליך: „...און זע דיין פאָלק, דאָס דאָזיקע גרויסע פאָלק, דער זוימען פון דיינע ליבלינגען אברהם, יצחק און ישראל דיין קנעכט, דיינע אויסגעפּרוווטע קינדער, זע זיי אין זייער פאַרטריבנקייט, דלות, עלנט, דערנידערונג... וויפל הונדערטער יאָרן רופן זיי אָן דיין נאָמען, גלייבן אין דיר און אין דיין תורה... און וויפל טויזנטער און צענ־דליקער טויזנטער פון זיי האָבן זיך איבערגעענטפערט אויף הריגה און

שריפה, כדי מקדש צו זיין דיין נאָמען... טאָ זאָלסטו אָנגעפילט ווערן מיט רחמים אויף אונדזערע ברידער, וואָס זענען צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט, ובפרט אויף די איינוווינער פון ארץ־ישראל, און אויף די תושבים פון דער דאָזיקער שטאָט און אויפן גאַנצן הייליקן קהל, זאָלסטו זיך דערבאַרעמען אויף זיי, און זיי מציל זיין פון שלעכטס, הונגער, געפאַנגענשאַפט, רויבעריי..."

דאָס רעשטל פון דער מיעכאָווער קהילה האָט געיאָמערט אין זיך אריין אַ געמיש פון תפילות און פסוקים פון תהילים, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו זייער געמיט...

„...גויים האָבן מטמא געווען דיין היכל, האָבן פאַרגאָסן בלוט ווי וואַסער, האָבן געגעבן דעם גוף פון דיינע קנעכט ווי אַ געפרעס צו די פייגל פון הימל, און דאָס פלייש פון דיינע פרומע צו די חיות פון דער ערד... גאָט, זיי זיך נוקם די נקמה פון דיינע קנעכטס פאַרגאָסן בלוט...

שוואַכע פויסטן פון פאַרהונגערטע, פאַרפּייניקטע מענטשן האָבן זיך געהויבן קעגן הימל, קעגן פיינטלעכן דרויסן, וואָס האָט געלויערט מיט טויזנטער סכנות.

* * *

די פאָלקס־דייטשן זענען אינצווישן שוין פאַרטיק געוואָרן מיטן גרינטלעכן אויסליידיקן די אָרימע שטיבער פון די, וועמעס האָב־און־גוטס און לעבנס זענען געוואָרן הפקר אַ דאַנק דער גרענעצלאָזער אכזריות פון אַ צעווילדעוועט פאָלק.

אונטער די פענצטער פון סאָכעטשאָווער שטיבל האָבן לאַסט־אויטאָס געברומט, דאָס האָרסט־וועסעל־ליד האָט זיך געהערט מיט ברוסטיקע אויבער־טענער.

מיט געצילעוועטן מאַשין־געווער האָט מען אויסגעפירט דעם פּי־רערס באַפעל, געקוויטשעט און געריטשעט אויף דער אויסגעהונגערטער פאַרחלשטער עדה יידן, געהייסן זיי אָנפּאַקן זיך וויפל ס'האָט געקענט אַריין אין די ריזיקע לאַסט־אויטאָס, באַשטימטע פאַרן פּי־טראַנספּאָרט. — — — — מיעכאָוו איז געוואָרן „יודען־ריין"...

די מאַמע זלאַטע אין וואַרשעווער געטאָ

אַז די מלכּה שבת דערגענטערט זיך מיט קראַנקע טריט אין וואַר־שעווער געטאָ, ווערט דער מאַמע זלאַטעס פּנים נאָך פינצטערער, פאַר־קנייטשטער. זיצט אין אַ ווינקל פון דער שטוב נומער 45, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַשטימט פאַר צוועלף מענטשן און עס וווינען אין איר פּופּצן אירע. זלאַטע, איינגעקאַרטשעט אין איר ווינקל, חלומט פון ווייסע זשיראַרדאָווער צוועלן, פון געשטיקטע חלה־טישטעכלעך, וואָס באַדעקן די פּאָר געפלאָכטענע שמעקעדיקע חלות; חלומט פון זיבן שבתדיקע ליכט אין דער זילבערנער שלאַנקער קאַנדעליאַברע, חלומט פון שבתין, וואָס פלעגט אַהיימקומען אַן אויפגערוימטער פון גערער שטיבל און זאָגן בנעימות: — גוט שבת, זלאַטע, גוט שבת, קינדער... און די גוטע מלאכים, די מלאכי השלום פלעגן שוועבן איבערן ציכטיקן שבתדיקן צימער...

איצט, אין געטאָ, איז גאָר אַנדערש. זלאַטע האָט נישט מער קיין ווייטן טישטעך, נישט קיין לייכטער, און נישט אפילו קיין קאַרטאָפל אַריינצושטעלן דאָס גראַשנדיקע ליכטל, ווי מ׳פלעגט זיך נוהג זיין ערב תשעה באב צו די קינות. זלאַטע האָט קיין ווייסע שמעקעדיקע חלות. זלאַטע חלומט בלויז פון אַ שטיקל פּיסנע ברויט, ברויט צו דער זעט! שבתי־נחומס וועט נישט אַהיימקומען אַ נשמה־יתירהדיקער פון חסידים־שטיבל, דער עילווידיקער מאַן אירער מיטן גוטן קול, מיט דער שיינער זיידענער זשיפּעצע, מיטן שאַרף־חסידישן שטריימל, אַזוי געדענקט זי אים נאָך באַלד נאָך דער חתונה. קיינער וועט דעם פּרייטיקצונאַכטס נישט זאָגן אַ גוט וואָרט, קיינער נישט וועט דאָ אַזוי זיך שאָקלען און איבערן צימער וועט זיך נישט טראָגן מיט אַ נשמה־זיסן קול: — אשת חיל מי ימצא, אוי, מי ימצא, ורחוק מפּנינים מכרה... קיינער נישט...

וואָרום שבתי איז נישטאָ, וואָס טוט ער איצט אין אויסלאַנד? ווייסט ער, אַז זיין זלאַטע גייט אויס פאַר הונגער אין וואַרשעווער געטאָ? אוודאי ווייסט ער, רייסט זיך זי צו ראַטעווען... און די קינדער אין די אַלע ווייטע שטעט, פון וועלכע זי קען אַפילו די נעמען נישט אַרויסרעדן... און איצט איז זי מיטן שטראָם פּליטים פאַרשלעפּט געוואָרן אין צימער נומער 45. די פענצטער גייען אַרויס אויף אַ צעשאָסענער, פאַרסמאַליע־טער מויער.

זלאַטע חלומט, לאָזט דורכגיין ס׳גאַנצע לעבן. אין אָנהייב, האָט שבתי זיך נישט געוואָלט איינשפּאַנען אין יאָך, און שפּעטער קיין עין הרע אוועק גוט, געווען אַ רחבותדיקע היים, נישט צו פאַרזינדיקן, געקענט געבן צדקה, העלפן אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קרוב, יעדן שבת אַן אורח צום טיש; געווען אַ מאַן, קינדער, נחת, שבתים, יום־טובים, אַ פרייע, שיינע וועלט; אין מיעכאָוו אַ סטאַוו, אַ גאָרטן, אַרום און אַרום די וויש־ניע־גורער שמעקעדיקע וועלדער, סעדער מיט טייערע פּירות, גוטע מענטשן, און היינט — אַ שטיקיקער קבר, פּופצן מענטשן אין איין צי־מער, אַ פינצטערע וועלט, ווענט ברודיקע, פאַרסמאַליעטע ווענט...

דאָס ליכטל צאַנקט, דאָס ליכטל גוססט, דאָס נעבעכדיקע אָבל־ליכטל, אָנגעטריפט אויף אַן אַלטער קאָמאָדע. זלאַטע דרעמלט, זלאַטע חלומט אַ פאַרחלשטע. אַמאָל געווען: ער, שבתי, האָט זמירות געזונגען פרייטיק־צונאַכטס, פאַרדבקהט, פאַרזשמורעט די אויגן, תמיד אַזוי זיס געזונגען, אַזוי פיל ניגונים געהאַט, און כסדר געקוקט אויף איר. זלאַטעשי־קרוין, ממש געגלעט מיט די גוטע, שבתדיקע אויגן זיינע... מ׳האָט אויפגעגעבן די טעם־גן־עדנדיקע יויך, שווימענדיק גאָלד אין די בלאַנקע טעלער... שבתי איז געזעסן אַרומגערינגלט פון אַלע זיבן קינדערלעך, און געברומט און געזונגען אַזוי האַרציק זיס, אַזוי זיס און באַטעמט, ווי זלאַטעשי־קרוינס ריח־ניחוחדיק מייערן־צי־מעס...

און איצט: אין וואַרשעווער געטאָ איז זלאַטעשי־קרוין, אַן אַלטע איינגעשרומפּענע גרויע ייִדענע, הויט און ביינער, עלנט אַליין אויף דער וועלט, אין אַ ווינקל פון צימער נומער 45. טיפוס שפּאַצירט אין געטאָ, הלוואי קומט ער שוין, דער דערלייזער־טיפוס, שבתי, משהל, שמעון, חנהלע, איך בין אַזוי עלנט, אַזוי עלנט!

די מאַמע זלאַטע גייט שבת אין דער פרי אריבער די גאַס, איין שטיק צער, הערט מען קוים, קוים אירע טריט. די שיך זענען שוין מער קיין שיך, נאָר שטיקער צעפליקט לעדער, טוען ווי די שוואכע קליינע פיס. טראָגט דעם אַלטן קרבן־מנחה־סידור, דאָס איינציקע, וואָס זי האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פון מיעכאָוועך חורבן. ווייבער זענען זי מקנא וועגן דעם סידור, אַזוי פיל תחינות, אַזוי פיל תפילות אין זיי אַריינצוווינען, און אויסצוווינען זיך דורך די תפילות, תחינות, פּירושים און משלים פון דובנער מגיד. שבת אין דער פרי, אין געטאָ, זענען די ווייבער־שולן פול געפּאַקט און ס׳דרינגט פון זיי אַרויס אזא געיאָמער פּונקט ווי צו זכור־ברית, פּונקט ווי פאַר מזכיר־נשמות־זיין, פאַרן נתנה־תוקף, אָדער שמע קולנו... ווייבער און מענער זאָגן נישט בלויז די שבתדיקע תפילות, אַלץ זאָגן זיי, איבער אַלץ וויינען זיי.

פון דאַוועגען שלעפּט זיך ערשט זלאַטע אַן אָפּגעשוואַכטע צו איר מישטיינסגעזאָגטער היים, צו איבערבייסן אַ קריש טערפּקע ברויט... און ווידער האָט מאַמע זלאַטע אַזוינע מיני זעאונגען פון פאַרגאַנגענע צייטן... שבתי קומט אהיים מיטן אורח: — גוט שבת, זלאַטע, גוט שבת, קינדער, גיסט זיך אָן דאָס גלאָז וויין, מאַכט קידוש, פאַרבייסט מיט אַ קאָמיס־ברייטל; זלאַטע שטעלט אויפן טיש דעם געפילטן קאָפּ פיש מיט דער פאַרגליווערטער יויך. — זלאַטעשי, וואָס וועט זיין מכוח אביסל שליוואָוויץ, דו ווייסט דאָך, פיש האָבן ליב שווימען.... מאַמע זלאַטע צעטיילט אין גלייכע טיילן, קיינעם נישט באַוועלט, דאָס בשמימדיקע טשאָלנט און דעם לאָקשן־קוגל מיט ראָזשינקעס (זלאַטעשי קען, אַן אשת־חיל זלאַטעשי); און שבתי איז מחבר אַ שפּאָגל־נייעם ניגון צום אתקינו סעודתא מלכא רשבתא, שבתי האָט ליב נגינה סכנות נפשות... איי, שבתי, ווי זיס ער זינגט, אָן אַ שטימע, אָבער ס׳גייט דורך אַ מתיקות דורך אַלע אברים, ווען ער זינגט...

דאָס אַלץ איז נאָר אַזוי אַ טראַכטעניש פון אַן עלנטער מאַמע אין דער גרויזאַמער פאַסטקע פון וואַרשעווער געטאָ, פון אַ מאַמע, וואָס זשאַמזשעט אַ קרישקע זויער ברויט, פאַרטרינקט מיט וואַרים וואַסער, און לכבוד שבת — אַ לעק צוקער.

לאַנג און גרוי איז דער קראַנקער, שבתדיקער טאָג אין וואַרשעווער געטאָ.

נאָכן „עסן” דרעמלט איין די מאמע אויף איר שמאטעדיק געלעגער, נישט מחמת שינה בשבת תענוג, נאָר צוליב דער גרויסער שוואכקייט. כסדר חלומט זי, זלאטע, כסדר טראכט זי, פון דעם וואָס געווען, פון די קינדער טראכט זי. יעדער זיין גורל. שמעון אין בערלין, אים האָבן זיי צום אַלערערשט בארויבט. געהאט א שיך־פאבריק, געווען אן עושר. האָט מען אים פארפייניקט אין א קאָנצענטראציע־לאגער; לייזער, דער אינזשיניער, איז אין פאריז, געווען א געראטעוועטער אין א פריי לאנד. אלע האָבן אים מקנא געווען... האָבן זיי אויסגעפּיעט צו אנטרינען פון די גיפטיקע שלאנגען? הערשל, האָט זי ידיעות, איז אָנגעקומען בשלום קיין תל אביב; בריינדל, מיט איר מאן, ביי די רוסן. רבונו של עולם, היט זיי אָפּ, זיי געפינען זיך אין אזעלכע סכנות, אין אזעלכע געפארן, גיב זיי לעבן, כוחות, זיי זאָלן קענען העלפן אומברענגען דעם ווילדן משחית... דער איינציקער, וואָס איז געראטעוועט, דאָס איז משהל, אין דער ווייטער ארגענטינע, האָט זיך תמיד געבעטן, אז זיי זאָלן קומען קיין אַרגענטינע, ווייל אייראָפּע איז נישט זיכער. שבתי האָט געהאלטן דערפון, ער האָט אָבער מער געוואָלט ארץ־ישראל, ווי אַרגענטינע, אָבער זי איז געווען די מניעה, איר — א שאָד געווען די קברים אויפן מיעכאָווער גוטן־אָרט...

די מאמע זלאטע וויל אַ לייען־טון דעם טייטש־חומש, וואָס א שכנה וויל איר אויסבאָרגן, אָבער מחמת שוואכקייט האָבן די אויגן איר אויפגעהערט צו דינען. דרעמלט זי ווידער מיט אָפענע אויגן... שבתי זיצט אין זומערדיקן, זיידענעם שלאָפראָק, מיטן זיידענעם קאפּל, טרינקט א היים גלעזל טיי מיט לימענע, שבתים זים קול לערנט מיט משהלען און שמעונען פרק; זיי זענען אויף זומער־וווינונג לעבן אַ סאָסנאָוון וואלד, וואָס ציט זיך אויפן ראנד פון האָריזאָנט אויף הונדערטער, הונדערטער מיילן, און אז ס'ענדיקט זיך דער וואלד, הייבט זיך באלד אָן א צווייטער, א דריטער... א חיות. שבתי אָטעמט איין די פרישע יאָדלע־לופט, קוקט זיך איין אין בלוילעכן זוים פון ווישניע־גורער וואלד, רעדט וועגן ארץ־ישראל, אַז אם ירצה השם, יידן וועלן נאָר וועלן, קענען זיי, וואָלף רייכמאַן שרייבט, וועט ארץ־ישראל האָבן נאָך שענערע וועלדער, ארזי הלבנון, און צעזינגט זיך מיט אַ נייעם אויסגעטראכטן ניגון, וואָס צעקייקלט זיך און צעציקלט זיך אָן אויפהער. שבתי האָט געוואלדיק ליב די

טבע, מיט איר שיינקייט, מיט איר שלוה; זינגט און ברומט: מה רבו מעשיך אדושם! זלאַטע טיילט די קינדער שבת־אויבסט פון דער גרויסער באַלעבאָסטישער שירה, עפּל פּאַפּיראָווקעס, באַרעלעך פּריציײטיקע, וואָס צעגייען זיך אין מויל. קינדער לויפן אַרום מיט פאַרשמירטע פּיסקעס, יאַגדעס האָבן זיי געגעסן, טיף אין וואַלד געווען, יאַגדעס געריסן. שבתי האָט פאַראיבל: שבת...

ביי דער מאַמע זלאַטע מישט זיך צונויף די גרויזאַמע, שרעקלעכע וואָר מיט דער זיסער זעאונג. אויף איין מאָל זענען עס נישט מער קיין שמעקעדיקע סאָסנע־וועלדער, עס זענען גאָר ווענט, פאַררייכערטע ווענט, עיפּושדיקע ווענט, און נישטאָ קיין מאַן, נישטאָ קיין קינדער... און באותו הרגע הערשט אין אַ צימער די סודותדיקע שלוש־סעודות־שטימונג, און דורך דער מרה־שחורהדיקער חשכות דרינגט אַדורך שבתים קול, זיין פאַרבענקט געזאַנג, דעם רבינס ניגון, יאָסעלע באַלוטערס ניגון, מענדל לאָסקערס בני היכלא און דעם טאַטן הערשעלעס מלוה־מלכה אויף דער פּאַציאַטקע, מיט מרימס ברונעס, און ועל כולם, זיין זוהרדיק געזאַנג, וואָס גייט אַרויף, אַרויף צו די בלויע הימלען, ווו ס'רוט די שכינה...

דער וואָכעדיקער געטאָ־שבת איז געגאַנגען אין זיין כּף־הקלעדיקער רו אַריין, און די וואָכעדיקע וואָך איז אַריין אין צימער נומער 45 אַריין. אַ וואָך, גלייך ווי אַלע געטאָ־וואָכן, מיט זייער פּיין, מיט זייער האָפּע־נונגסלאָזיקייט, מיט זייערע געוויינען, מיט זייער פאַרלענדונג. זלאַטעס וואָך. טאָג־איין, טאָג־אויס דאָס טעפּל שיטערע זופּ אין דער דזשאָינט־קיך; טאָג־איין, טאָג־אויס נאָכפּרעגן אויף בריוו... פון קיינעם נישטאָ קיין בריוו... פון משהלען אין דער ווייטער אַרגענטינע אויך נישטאָ. פאַרן קריג מיט רוסלאַנד איז דורך אומוועגן אָנגעקומען עפּעס אַ פּעקל: פעטס, טיי, צוקער, מעל, שאָקאָלאַד. זלאַטע איז געווען אַ צייט די יחסנטע פון צימער 45... און איצט, פאַרוואָס שיקן זיי נישט מער? טייל זאָגן, אַז מען קען יאָ, טייל זאָגן, אַז נישט, טאָ וואָס וועט שבתי זי לאָזן אויסגיין פאַר הונגער? וואָס הייסט מ'קען נישט, אַז מ'וויל קען מען... טייל זאָגן, אַז מ'שיקט יאָ, נאָר די רוצחים נעמען צו... הייסט עס, אַז מ'וועט זי לאָזן אויסגיין פאַר הונגער, און אָפּוואַרטן דעם טיפוס? אַ מאַמע, אַ פרוי לאָזן פאַרהונגערן?

אין דמיון פֿאָרן באַנען, שיפֿן שווימען, ברענגען צוריק דעם מאַן, די קינדער... ס׳קאַצל קומט, ס׳קאַצל קומט, שבתי, טייערע, ליבע קינ־דער, אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אייך...

דאַכט זיך טרומייטן שאַלן... אפשר איז געקומען דער געגאַרטער טאָג, ווען ווענט וועלן זיך צעפֿאַלן. אָ, די ענגע תפיסה־ווענט! ס׳זענען נישט קיין טרומייטן, ס׳זענען באָמבעס־אויפֿרייסן, פֿון פֿרעמדע אַוויאָנען...

געטאָ איז צופֿרידן. דאָס זענען בשורה־אַנזאָגערס. די וואָס זייען איצט טויט אויפֿן וואַרשעווער געטאָ, וועלן ברענגען די באַפֿרייאונג.

זלאַטע שטאַרקט זיך, זלאַטע גיט זיך צו מוט... ווי דערלעבט מען דאָס, ווי האַלט מען אויס.

* * *

דער טיפֿוס איז אַריינגעקומען אין צימער נומער 45 דרייסט, זיכער, מיט בלוטיק־שוואַרצע פֿלעקן, מיט קנאָכיקע פֿינגער, מיט טרוקענעם גומען, מיט ברענענדיקע אויגן און מיט אײַלעניש צו שניידן וואָס מער, וואָס מער מיט דער סקעלעטן־קאָסע...

* * *

ס׳איז נישט באַוווּסט, צי זלאַטע האָט זוכה געווען געבראַכט צו ווערן צו קבורה אין אַ באַזונדערן קבר, צי זי איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פֿון די שכנים פֿון צימער 45 אויף דער גאַס און צוגעדעקט דעם גוף מיט אַ צייטונג, ווי מ׳האָט זיך נוהג געווען אין יענע צייטן. שבתי, וואָס האָט זי איבערגעלעבט מיט אַ יאָר צוויי אין ירושלים, האָט נישט געקענט גע־וויר ווערן די פּרטים פֿון איר טויט פֿון געראַטעוועטע פֿון וואַרשעווער געטאָ, ווייל גראָד אין זעלבן טאָג איז פֿאָרגעקומען אַן „אַקציע״ אין וואַרשע.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט זענען דערשינען

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף נזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומ־עגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פארביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) ערשטער באנד
49) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראמאן) צווייטער באנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן
54) יצחק פערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאן)
55) פנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלום אש: פעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.
חיים גראַדע: שיין פון פארלאָשענע שטערן
יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך.
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן)
ד״ר פיליפּ פרידמאן: אָשוויענטשים
בעלכאטאָוו (זאמל־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער
קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאר

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאס פוילישע יידנטום

יוסף גירוואַן שרייבט וועגן דער ביכער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום" אין זיין אַרטיקל „ביכער פון פיין און אומקום" („פאלקסצייטונג", ווארשע, 10טער פעברואר 1948):

אין דער געשיכטע פון דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט האט דער אַרגענטינער יידישער קיבוץ זיך אַריינגעשריבן מיט באַראָן הירשם — איצט שוין לעגענדאַרער — יידישער קאלאניזאַציע. גרונטיקע שפורן פון יענעם גרויסן, טיילווייז געלונגענעם, פרווו צו באַזעצן יידן אויף ערד, זענען געבליבן ביזן הײנטיקן טאָג אין אַרגענטינער ישוב. די יידישע קאלאניעס פון ייק"אַ האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען און, ווי מיר ווייסן, איז די יידישע פויערימשאַפט (אַרום די שטעט ראָזאַריאָ און קאָרדאָבאַ) זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דאָרטיקן יידישן לעבן. די 30 טויזנט יידישע קאָלאָניסטן זענען אַ שם־דבר אין אַרגענטינער ישוב.

ממש אַ נייער וונדער — דאָסמאָל אויפן קולטור־היסטאָרישן אָפּשניט — באַווייזט מען איצט אויך **אין דעם זעלביקן יידישן אַרגענטינע.**

מיר מיינען דאָ דעם באַדייטנדיקן אויפטו פון מאַרק טורקאָוו איינצופלאַנצן אין דעם פאָלקס־געדעכעניש דעם נאָרוואָס איבערגעלעבטן מוראדיקן צער פון פוילישן יידנטום און זיין אומפאַרגענגלעכן שימער, דעם שימער פון שעפערישן זשעני, וואָס דאַרף אויפגעהיטן ווערן פאַר דור־דורות.

און עס איז דאָ וואָס אויפצוהיטן. דאָס יידן־פוילן איז אין אַלע זיינע אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס געווען אַ גראַנדיעז קאַפּיטל פון דרייסטע פאַרמעסטן מיט די שפרודלענדיקע כוחות פון דעם אייגענעם אומעטומיקן פאָלק; עס באַווייזן דאָס די פאַרגעלטע בלעטער פון די אַלטע קהלישע פנקסים און די כראָניקעס, וואָס זענען באַוואָרנט געוואָרן אין די ווייטסטע ביבליאָטעקן; און אַז

דאָס יידן־פּוילן, ווו עס איז געווען ביז אונדזערע טעג, באַטייט אַ העראָאיש און — איינציייטיק — אַ זייער טראַגיש בלאַט פון אונדזער גאַנצן זיין, מוזן מודה זיין אפילו די פאַרביסענע שונאים.

נאָכן גרויסן בראָך עגבערט דערייבער דער צווייפל, צי דאָס אַלץ — דאָס ליכטיקע ווי דאָס טרויעריקע פון דעם נעכטן אונדזערן אין פוילן וועט נישט פאַרפאַלן ווערן אין פאַרגעסנקייט, ווי עס האָט עס באַגערט היטלער און זיין נאָכבלייבעניש ימח־שמם! אויפקלייבן אַלע צייכנס פון דעם שיינעם און אויך גרויליקן איז געוואָרן אַ מ ו ז ־ ז אַ ך, טאַקע אין נאָמען פון געוועזענעם אין יידישן פוילן ווי אין נאָמען פון דעם, וואָס ווערט צעמענטירט ערשט היינט.

מאַרק טורקאָוו האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג און די נייטיקע פאַרענטפערונג פאַר אונדזערע ספקות. פאַרשרייבן, פאַראייביקן דאָס פאַרשניטענע ווי דאָס נאָך פאַראַנענע, דאָס אָפּגעראַטעוועטע, איז געוואָרן דער אני־מאמין פון זיין אַרבעט אין דער ווייט פון זיין געבוירנלאַנד. און נישט אָפּלייגן אין אלף השישי אַריין, איז ביי אים אַ דעוויז. און ריכטיק!

ער ווייסט, מאַרק טורקאָוו, אַז עס איז „יום קצר". די וווּנד איז פריש, גבית־עדות איז דאָ, — מען דאַרף טראָגן ציגל צום בנין, וואָס דאַרף הייסן ז כ ר ל ח ו ר ב ן.

ווי איינער פון דעם קליינעם איבערבלייב פונעם פּוילישן יידנטום, וואָס בעתן שרעקלעכן שיף־ברוך על פּי נס צעוואָרפן געוואָרן איבער לענדער און קאָנטינענטן, האָט מ. טורקאָוו (ביי דער ענערגישער מיטווירקונג פונעם קולטור־טוער אברהם מיטעלבערג) זיך גענומען צו דער אַזוי שווערער, אָבער דאַנקבאַרער אַרבעט. און אַז ער האָט געהעריק באַנומען די ערנסטקייט פון זיין שליחות, זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס דער פאַרלאַג זיינער זאַמלט אויף אַלדאָס מעגלעכע, וואָס איז מסוגל אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן צו פאַרוואָרן דעם לעבעדיקן אמאָל ווי דעם בלוטיקן שניט, וואָס די דייטשן האָבן געבראַכט אויף הונדערטער יידישע קהילות אין ווייסלאַנד.

„דאָס פּוילישע יידנטום" — אַזוי הייסט טאַקע די ביכער־סעריע, וועלכע באַווייזט זיך אין בוענאָס איירעס אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו. וואָס זאָג איך? דאָס זענען נישט קיין ביכער. עס זענען יריעות פון איין אומגעהייערער מגילה, אַן אויפגעשריבענע מיטן בלוט פון יידן, וואָס האָבן בעתן מבול אָנגעשפּאַרט צו פאַר־

שידענע ברעגן פון נויט־וואַנדערונג. פון אַלע עקן וועלט גרייכן עס איצט קיין בוענאָס איירעס די אָנגעווייטיקטע שטימען פונעם פאָלק, וואָס האָט געלאָזט עלנטע יתומים בלויז ווי אויף צו דערמאָנען, אַז ערגעץ ביים סאַן, ביי דער פיליצע, ביי דער בזורע, ביים וויעפּזש צי ביים בוג, האָבן במשך לאַנגע יאָרהונדערטער זיך געוואָרימט די נעסטן פון יידישן גייסט און יידישער האָפענונג. פון פּאַריז, פון ניו־יאָרק, פון סאַנטיאַגאָ, פון תל־אביב און פון לאָדזש קומען איצט די צערפולע שטימען פון יידישע מחברים, די באַגלייבטע עדות פון פאָלקס־ווייטיק.

כדי צו האָבן אַ באַשיינפּערלעכן באַגריף וועגן די אויפטוען פונעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום“ איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין כּשך פון אַ גאָר קורצער צייט האָט ער שוין אַרויסגעלאָזט אַ שלל מיט וואָגיקע פובליקאַציעס פון כראָניקאַלן און דאָקומענטאַרן ווערט. פאַראַן, אמת, אויך וויסנשאַפטלעכע ווערק וועגן יידישן עבר אין פוילן און פאַראַן קינסטלערישע ליטעראַטור געווידמעט דעם חורבן. פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די קרוב 30 שוין דערשינענע ביכער פאַרנעמען דעם אויבנאָן שילדערונגען פון דער מאָנסטרועלער היטלער־ממשלה. צו די דאָזיקע געהערט טאַקע דאָס בוך פון מאַרק טורקאָוו גופא „מלכה אָורשיאַני דערציילט“... דורכן מויל פון אַ פילגעליטענער יידישער טאָכטער ברענגט טורקאָוו אַרויס אויפטרייסלענדיקע פראַגמענטן פון יידישן פּיין און אומגליק. די דאָזיקע כראָניק רירט מיט איר פשטותדיקן טאָן און שוידערט אויף מיט דער טראַגיק פונעם געראַנגל פאַרן ברעקעלע לעבן, וואָס איז דערנידעריקט געוואָרן דורך אַ ווערימדיקן דור פון מענטשלעכן געשלעכט. די צווייטע פּאָזיציע איז אויך אַ כראָניק: „טרעבלינקע“ פון וואַסילי גראָסמאַן דעם מאָסקווער ייד און יאַנקל וויערניק דעם שטילן העלד פון דער וואַרשעווער אונטערערד: אַ שפּאַנענדיקפינצטערע דערציילונג וועגן סופלאָזן קלעם און מאַסן־אומקום אויף דייטשישע שייטערס; ישראל טאַבאַקסבלאַטס „חורבן לאָדזש“ איז אַן אויפריכטיקע באַשרייבונג פון יאוש, נויט און לעבנס־העראָאיק פון פשוטן פאָלק אונטער די שטעכלדראָטן פון דעם לייבן־גרוב, וואָס מ׳האָט גערופן געטאָ. דערנאָך גייען ד״ר הלל זיידמאַנס „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ“, מרדכי שטריגלערס „מאַידאַנעק“, י אָ נ אַ ס טורקאָווס „אַזוי איז עס געשען“ (וועגן חורבן וואַרשע). אַלץ מאַקאַברישע באַשרייבונגען פון די שבעה מדורי גהינום, וואָס הונדערטער טויזנטער קר־

בנות פון די היינטצייטיקע טעורמאַנען האָבן דורכגעמאַכט אין די געטאָס און טויט־לאַגערן; אַלץ בורלטער, אויפגעשריבענע אין נאָכאַמאָל איבערגעלעבטן פיבער אונטער סקריפּענדיקע תליות, אין אָנבליק פון לעבעדיקערהייט פאַרברענטע קינדער, רויכערנדיקע קרעמאַטאָריעס און גרויל־געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אינקוויזיציע־קאַמערן.

יאָ, עס איז די שוידערהאַפּטסטע אויטענטיק, וועלכע עפנט אַ נייע תקופה אין יידישן שריפטום. צו אונדזער גרויסן ווייטיק שטייט נישט אונטער דער דאָזיקער ליטעראַטור דער שטאַרקער פּאָעטישער כוח־הדמיון; עס איז אונדזער ווייטיק, אָבער נישט אונדזער שאַנד. דאָ קומען מיר, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן ערנסטער יידיש־געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט, דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" מיט דער ברענענדיקער באַשולדיקונג קעגן דער וועלט פון הפקרות און גלייכגילט. מיט די דאָזיקע ביכער האָט דער פאַרלאַג פון פּוילישן יידנטום די אַמביציע צו רעפּרעזענטירן דאָס אָפּגעהיטענע גייסטיקע פאַרמעגן און דאָס בלוטנדיקע האַרץ פון דעם זייער געפּרוווטן פּוילישן יידנטום.

געווים, קיינער וועט נישט וואַגן פאַרלייקענען אונדזער שווער־געפּרוווטן גורל. קיינער וועט זיך אָבער נישט דערלויבן אונדז צו באַצייכענען ווי רעזיגנירטע! ניין, רעזיגנירטע קלאַמערן זיך נישט אַזוי אין אַלעם, וואָס קאָן נאָר דערמאָנען אין ווערטפולן, לעבעדיקן גייסטיקן צי מאַטעריעלן.

ווי אַ באַווייז פאַר דער לעבנספעאיקייט פונעם שארית־הפליטה, וועלכע טראָגט אין זיך די אוצרות פון דורותדיקע טראַדיציעס פון בויען און שאַפן, האָט דער פאַרלאַג פון פּוילישן יידנטום (מיר מיינען עס אָן גענדזנפּיסלעך. כאָטש זיין אַרבעט גייט אָן אין ווייטן בוענאָס איירעס,איז זיין ווירקונג בלי־ספק אַן אומעטומיקע) שוין אַריינגעטראָגן אין אונדזער נייער ביכער־פּאָליצע אַ ריי וויכטיקע ווערק וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין פּוילן. דאָס מיינט אין דער ערשטער ריי די מאָנאָגראַפיעס פונעם קדוש ד"ר מאיר באַלאַבאַן „די יידן־שטאָט לובלין", דעם קדוש אלחנן צייטלינס „אין אַ ליטעראַרישער שטוב". אַ ווערטפולער צושטייער פון דעם זעלביקן מין איז ד"ר יעקב שאַצקים „אין שאָטן פון עבר", יעקב לעשטשינסקים אַרטיקלען־זאַמלונג וועגן פאַרמלחמהדיקן סאַנאַטאָריש־ענדעקישן פּוילן, ה. ד. נאָמבערגס עסייען־בוך וועגן י. ל. פּרצן, ז. סעגאַלאָ־

וויטשעס אינטערעסאַנטער אויספלוג צום געוועזענעם „ליטעראַטור־היכל טלאָמאַצקע 13“, אברהם טייטעלבוימס „וואַרשעווער הייף“ ווי אויך לעאָ פינקעלשטיינס קאַפּיטלעך פון יידישן שטייגער, יידישע זוכענישן און יידישער גייסטיקייט אין פאַרשוואונדענעם פּוילן.

נעבן זרובבלס בוך וועגן בלוט־מבול אויף די יידן אין פּוילן („בארג הורבן“), ד״ר שאָשקעס רייזע־שילדערונגען, אויף צו מאָרגנס נאָך דער באַפרייאונג פון לאַנד און ש. ל. שניידערמאַנס רעפּאָרטאַזשן - בוך וועגן דעם חורבן פּוילן און זיין נייעם ישוב, פאַרנעמען אין די פּובליקאַציעס פון בוענאָס איירעסער פאַרלאַג א היפּשלעך אָרט די ווערק פון ליטעראַריש־קינסטלערישער באַדייטונג. מיר מיינען דאָ דוד פּלינקערס ראָמאַן וועגן אַ שטיק געוועזן יידיש־אָרטאָדאָקסיש לעבן אין וואַרשע (אַ הויז אויף גזשיבאָוו), מ. נודעלמאַנס הומאָריסטיש בוך „געלעכטער דורך טרערן“ און חיים גראַדעס לידער־באַנד „פּליטים“.

וועגן די דאָזיקע אַלע ביכער לאָזט זיך זאָגן עפּעס פּאָזיטיוועס. איטלעכס טראָגט צו זיין חלק צום בנין, וואָס האָט דעם נאָמען יידיש פּוילן, וואָס ליגט אַן אָפּגעמעקטע.

צו די ווערטפולסטע פון זיי געהערט אָבער חיים גראַדעס „פּליטים“. עס איז אַ זאַמלונג פון לידער און פּאָעמען, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין די פיינלעכע מלחמה־יאָרן, ווען ער איז אַליין געווען אַ פּליט (אין ראַטנפאַרבאַנד) און דאָס פאָלק איז געווען אויסגעשטעלט אויף הפקר און פאַרציקונג. הגם אָפּגעריסן פון די היימישע ערטער האָט דער דיכטער מיטגעליטן מיט די ליידנדיקע, ער האָט מיטגעבלוטיקט. אין אַלע מאָטיוון, אפילו אין זיינע „אָדעם צו דער זון“ פילט זיך דער גרויסער צער פונעם פּאָעט צוליב די פּיין פונעם מענטש.

דער מענטש איז מיין בענקשאַפט —
אין וואָגל האָב איך זיך
דערוווסט,
אַז אָן אים ווערט דערוואָרגן
פון ענגשאַפט
די וועלט אין מיין ברוסט.
...זיין שמייכל פון ווייטן
פאַרכשופט מיין גאַנג,
איך גיי צו מיין אומקום —
און הער נישט אויף זינגען.

צו האָבן אַ פאָרשטעלונג וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרכאַפּט דעם דיכטערס מוזע אין דער צייט, ווען די דייטשישע רוצחים האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין פּוילן, איז גענוג אָנצורופן בלויז די איינע לידער־סעריע „מיט דיין גוף

אויף מיינע הענט". עס איז דער שטאַרקסטער דאָקומענט פון אונ־דזער פאַרניכטנדיקן ווייַ, אַן אויס־געטראָגענעם אין דער פילבאַרער ברוסט פון אַ גרויסן פּאָעט:

מיין האַרץ, עס איז וואָר, עס
איז וואָר!
אַזוי זאָגט מיין ברודער פון
פּוילן.
ס'ווערן פּראָסטיק און סיוו
מיינע האָר,
זיי ליגן צעשאָטן פון קוילן
און מיין ציטערדיקע אינד
צווישן זיי.
דו, מיין אינד, מיין פּאַרלי־
טענע, טרייע, —
כ'וועל פאַרהילכן די וועלט
מיט געשריי,
ווי דעם וואַלד — די פאַר־
וווּנדעטע חיה.

דער דיכטער, וואָס לעבט טראַגיש איבער אונדזער אַלעמענס פּיין, שפּירט זיך אַזוי צעטרייסלט, אַז ער פילט אין זיך די ברוּיזנדיקע סטיכ־יע, וואָס געוועלטיקט מיטן מענטש אין מינוטן פון גוואַלטיקע נסיונות.

איך בין איצט אַ חרובע מיל,
איך צעלויף זיך אין ווינט מיט
שגעון.
ווי אַ פליגל מען קען מיך אַ
דריי טון

און הינט ביי דער נאַכט אין
מיר וואָיען.

עס איז אוממעגלעך רואיק צו בלעטערן דעם דאָזיקן שטאַרקן, דורך פיין געלייטערטן בוך. אויף שריט און טריט שפּירן מיר דעם אָטעם פון גליאיקן אומגליק, אַן אויפגע־הויבענעם אויף די שפּאַלטן פון אמתער פּאָעזיע. אַזאַ פּאָעזיע וואָ־רימט אָדער גרוילט מיטן כוח פון יענער גרויסער סוגעסטיע, פאַר וועלכער עס איז איטלעך מאָל שווער צו געפינען די גענויע דעפיניציע אין וואָרט.

אין אומגעשטילטן צער קאָן דער דיכטער זיך נישט קיין אָרט געפי־נען. ער בלאָנדזשעט איבער די חור־בות און שרייט אין ווילדער פאַר־צווייפלונג:

זעט, איר אויג איז דאָך בלינד,
זעט איר ליפּ דעם פאַרשמאַכטן.
זאָגט, צי קען אויף דער וועלט
פרייד און ליבשאַפט נאָך געבן?
פאַרוואָס גרינט נאָך דאָס פעלד
און די פייגל נאָך שוועבן? —
מיט איר גוף אויף די הענט
דורך דער וועלט וועל איך
בלאָנקען,
ווי אַ שטיין־מאָנומענט
וואָלט דער טויט מיר געשאָנקען
און איך זוך אַן אָרט
ווו אים צו שטעלן, מיין מלאך.

דער דיכטער איז, אמת, פאַר־צווייפלט אין זיין גרויסן ווייטאָג. זיין צווייפל אָנקערט אָבער נישט אין אין־סוף. חיים גראַדע קלאַמערט זיך אין אַ יעדן צאַפּלדיקן נערוו פון לעבן. כאָטש אין גרויסן נסיון בלייבט חיים גראַדע דער פּאָעט פון באַיאָאונג פון אַלעם גרויסן.

פאַר גראַדעס נייעם שטאַרקן ליד־דער־בוך ווי פאַר אַלע איבעריקע אינטערעסאַנטע אויסגאַבעם — אַ יישר־כוח אַלע די, וואָס מיען זיך ביי דער דאָזיקער ערנסטער אַרבעט.

✶

מ. קאַליקשטיין שרייבט אין זיין אַרטיקל „אַ וווּנדערבאַרע דער־שיינונג" („אונדזער וואָרט", פּאַריז, 26טער סעפּטעמבער 1949):

פונעם „פאַרלאַג פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע" האָבן מיר דער־האַלטן אַ מעלדונג, אַז זיי גרייטן זיך צו פייערן דעם יובל פון דעם 50טן בוך, וואָס איז דערשינען אין זייער פאַרלאַג די לעצטע יאָרן. גלייכצייטיק טיילן זיי אונדז מיט, אַז עס ווערן צוגעגרייט נייע 50 ביכער צום דרוק, וואָס דער דאָזיקער פאַרלאַג גרייט זיך אַרויסצוגעבן. ווער עס קען די פאַרהעלטענישן אין יידישן פאַרלאַגס־וועזן — דער קען ערשט באַגרייפן ווי גרויס דאָס וווּנדער איז: אין דעם פאַרוואָרפענעם אַר־גענטינע זאָל אויפבליען אַ פאַרלאַג דורך דער אָנשטרענגונג פון יחידים מיט אַזאַ פּראָדוקטיוויטעט! מיר ווייסן ווי אַזוי עס אַרבעטן אַ סך יידישע פאַרלאַגן: דער מחבר באַ־צאָלט דאָס געלט — און דער פאַר־לאַג „לייט אויס דעם נאָמען", עס זאָל דעם מחבר צו קיין חרפה נישט זיין, וואָס ער גיט אַליין אַרויס זיי־נע ווערק. איך ווייס נישט, אויב מ'קען בכלל רעדן פון אַזאַ פאַר־לאַגס־וועזן אין פולן זין פון וואָרט. דערפאַר אָבער האָט דער פאַרלאַג פון טורקאָוו־מיטלבערג, ביים פאַר־באַנד פון פּוילישע יידן גענומען אויף זיך אַלע הוצאות; זיי צאָלן די מחברים האָנאָראַר... און דאָך — גרייטן זיי שוין צו די צווייטע 50 ביכער צום דרוק אין משך פון דריי יאָר! ווי אַזוי האָט דאָס געקענט גע־שאַפן ווערן? איז דאָס נישט קיין באַווייז, אַז מיט געטריישאַפט, אי־בערגעגעבענער אַרבעט און עקשנות צו פּראַקטישע מעשים קען מען מער אויפטון ווי מיט אַ סך קאָנפערענצן און אַ ים מיט רייד וועגן יידישער

קולטור און מיטן האַלטן כסדר אין
איין זיפצן, אַז „עס איז נישט מעג־
לעך עפעס צו טון אויפן דאָזיקן גע־
ביט"?

אויב עס וועט ווער אַמאָל זוכן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור נאָכן חורבן — וועט ער זיך זיכער מוזן אָפּשטעלן אויף דער טעטיקייט פון די פוילישע יידן אין ארגענטינע און וועגן די פּאָר מענטשן־יחידים, וואָס האָבן דעם פאַרלאַג אויסגעטראָגן און אַזוי ברייט־צעצווייגט. דאָס וועט זיין די רעהאַביליטאַציע און גלייכצייטיק די באַשולדיקונג פון דעם יידישן קולטור־דור אין די יאָרן נאָכן חורבן.

אַ זאָג אין דער גמרא דערציילט אונדז, אַז בעת אַן אָרימאַן וועט קומען אויף יענער וועלט און גע־שטעלט ווערן צום דין — וועט אים דער גוטער מילדער תנא הלל באַשולדיקן! ווען דער אָרימאַן וועט זיך נעמען פאַרענטפערן, אַז ער האָט נישט געקענט לערנען און מקיים זיין קיין מצוות דערפאַר, ווייל ער איז אָרים געווען אין מעג־לעכקייטן און די אומשטענדן האָבן אים נישט דערלויבט — וועט מען אים אַ פרעג טון: צי דען ביסטו אָ־רימער געווען פאַר הלל? און טראָץ דעם האָט ער באַוויזן צו ווערן דאָס וואָס ער איז געווען!... נאָך אַזאַ פראַגע וועט דער אָרימאַן פאַרלירן זיינע אַרגומענטן און טענות...

... און אויב עס וועט נאָך אַמאָל זיין אַ געשיכטלעכער משפט, פאַר־וואָס אין אונדזער דור האָט די יידי־שע ליטעראַטור פאַרלוירן איר אחי־זה: פאַרוואָס עס איז אַזוי ווייניק געטון געוואָרן, אַז דער אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע שרייבער זאָל נישט פאַרשווינדן? און פאַר־וואָס איז די יידישע קולטור אַזוי אָרים און דעגראַדירט געוואָרן?

וועלן זיך אוודאי שטעלן צום משפט אַלע רייכע יידישע קיבוצים און זיך נעמען פאַרענטפערן: מיר, אין גרויסן יידישן אַמעריקע האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן... מיר זענען אָרים געווען; מען האָט אונדז נישט געוואָלט שטיצן... מיר האָבן נישט געקענט... עס איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצוגעבן קיין ביכער, צו בויען קיין שולן פאַר יידישע קינדער; צו שאַפן אַ לעבע־דיק, אינטערעסאַנט יידיש לעבן.

מיר האָבן געמוזט אַרויסגעבן גע צײלטע יידישע ביכער, אָן אַ פעסט־געלייגטן פאַרלאַג און אָן ענטוז־יאַסטן פאַר אַזאַ מין אונטערנעמונג.

קיין תירוצים פאַר „אָרימקייט" וועלן נישט פעלן! דאָ וועט אָבער אַרויסקומען דער מקטרג:

— צי דען זענט איר געווען אָרימער אין כוחות און אין מעגלעכקייטן פאַרן יידישן קיבוץ אין אַרגענטינע? צי דען האָבן זיך ביי אייך נישט געפונען אַזעלכע מאַרק טורקאָווס און מיטלבערגס? און אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי דער „פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע" האָבן געפעלט אין גרויסן אַמעריקע? טאָ פאַרוואָס האָבן זיי נישט געקענט זיך אונטערנעמען אַזעלכעס? זענען זיי געווען ווייניקער מעכטיק, רייך און איינפלוסרייך, פאַרוואָס האָט גראָד דער ישוב אין אַרגענטינע — וואָס האָט עטוואָס מער יידן ווי אין פראַנקרייך — גענומען אויף זיך אויפצושטעלן די ליטעראַרישע מצבה פאַרן אומגעקומענעם יידנטום אין פוילן? פאַרוואָס האָבן זיי גענומען אויף זיך צו איבערדרוקן די ווערק פון די שרייבער־קדושים און באַוויזן זייער אַרבעט אויסצופירן? ווו זענען געווען די מעכטיקע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער? האָבן זיי טאַקע באמת גאָרנישט געקענט טון אויף די געביטן?

זייער אַ סך קשיות און פראַגן וועלן דאַן אויפשווימען און דאָס אַלץ וועט זיך צוזאַמענשטעלן ווי איין גרויסע און שווערע באַשולדיקונג אויפן אַדרעס פון אַלע בעסער־סיטואירטע יידישע קיבוצים אין דער וועלט...

דער פאַרלאַג פון פוילישע יידן וועט אויסוואַקסן צו אַ סימבאָל פון דערפאָלגרייכער עקשנות אין מיטן אַ צייט פון אַפּאַטיע און אַראָפּגעלאָזטע הענט אויפן געביט פון יידישער קולטור.

Este libro fué terminado el 25 de
Noviembre de 1949 en los Talleres
Gráficos de Zlotopioro Hnos
G a s c ó n 1 2 3 1
Buenos Aires